STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07923

GEKLIBENE SHRIFTEN

Anton Pavlovich Chekhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע

שריפטען

— פון —

אנטאן טשעכאוו

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין.

פיערטער באַנד

היברו פאָבלישינג קאָמפּאַני
83־85 קאנאל סטריט, ניו יאָרק.
1910.

אינהאלטס-פערצייכניס

וואַנקאַ 5
שלאָפען ווילט זיך 11
אַניוטאַ 19
וואָס זי האָט דערצעהלט 26
דער געבורטס-טאָג 33
די פויערים 81
וואָלאָדיא 129
נשמה'ניו 148
אָהן אַ נאָמען 167
דער פאָטער 173
קעסטניקעס 184
די אפטהעקערשע 193
דאָס ווייב 201
די מהומה 211
די כאָריסטקע 222
די פאַרבלאָנדזשעטע 230
בענקעניש 236
אַגרעסען 244

COLLECTION OF WRITINGS by ANTON TCHEKHOV

Translated by LEON KOBRIN.

Copyright 1910, by The Hebrew Publishing Company.

וואַנקא

וואַנקא זשוקאָוו, א צעהן־יאָהריג אינגעל, וועלכער איז מיט דריי חדשים צוריק אָפּגעגעבען געוואָרען צום שוסטער אַליאַכין, די ארבייט צו לערנען, האָט אין דער נאכט פאר וויינאכטען זיך ניט געלייגט שלאָפען.

דערוואַרט זיך, ביז זיינע בעלי בתים מיט די פועלים זיינען אין קלויסטער אוועק, האָט ער אויסגעזוכט ביי זיין בעל הבית אין שאפע א פענכערל מיט טינט, א הענטעל מיט א פערזשאַווערטער פעדער און, אויסשפּרייטענדיג פאר זיך א בייגעלע צוקנייטשט פּאַפּיר, האָט ער גענומען שרייבען.

איידער ער האָט אוועקגעשטעלט דעם ערשטען בוכשטאַב, האָט ער עטליכע מאָל מיט מורא זיך אומגעקוקט א הינטער אויף דער טהיר און פענסטער, האָט פער'גנב'עט א בליק געטהאָן אויף דאָס דונקעל הייליגע בילד אויף דער וואַנד, ארום וועלכען פון ביידע זייטען האָבען זיך געצויגען פּאָליצעס מיט קאָפּילס, און האָט זיך טיעף אָפּגעזיפצט.

דאָס בויגעלע פּאַפּיר איז געלעגען אויף א באַנק און ער אליין איז געשטאַנען אויף די קניע פאר דער באַנק.

— ליעבער זיידוניו, קאָנסטאַנטין מאַקאריטש! — האָט ער געשריעבען — און איך שרייב דיר א בריעף. איך גראַטוליר אייך מיט וויינאַכטען און ווינש דיר אַלעס פון גאָט. ניטאָ ביי מיר ניט קיין טאַטע, ניט קיין מאַמוניו, נור דו אליין ביזט מיר געבליבען.

וואַנקא האָט זיך אומגעקוקט אויף דאָס דונקעלע פענסטער, אין וועלכען עס האָט זיך אָפּגעטונקט דאָס פייערל פון זיין ליכט, און האָט זיך לעבעדיג פאָרגעשטעלט זיין זיידען קאָנסטאַנטין מאַקאריטש, וועלכער האָט געדיענט אַלס נאַכט־וועכטער ביי די העררן זשיוואַרעווס.

זיין זיידע איז א קליינציגער, מאָגערער, נור זעהר א פלינקער און א לעבעדיגער אלטינקער, א יאָהר 65, מיט א שטענדיג־לאַכענדיגען פּנים און פער'שיכור'טע אויגען. בייטאָג שלאָפט ער אין דער קיך פון דער דיענערשאַפט, אָדער שמועסט מיט די קעכינס, ביינאַכט טהוט ער אויף זיך אָן א בריַיטען טולוּפּ, געהט אַרום דעם גוט און קלאַפּט מיט זיין קאַלעקאַטקע. הינטער איהם שלעפּען זיך נאָך מיט אַרונטער־געלאָזענע קעפּ דער אַלטער הונד קאַשטאַנקע און דער שוואַרצער וויאון.

דער דאָזיגער וויאון איז לפנים א גאַנץ אנשטענדיגער און פריינד־ליכער הונד, קוקט פריינדליך ווי אויף אייגענע, אזוי אויף פרעמדע, דאָך גלויבט איהם קיינער ניט. הינטער זיין פריינדליכקייט און שטיל־קייט איז פערבאָרגען די גרעסטע יעזואיטישע פערביסענקייט. קיינער איז ניט אזא בריה ווי ער, אונטערצוגנב'ענען זיך אין דער ריכטיגער צייט און א פּאָדצאַפּע טהאָן פאַר א פוס, אריינכאַפּען זיך אין אייז־קעלער, אָדער „אָוועקלאַטכענען" ביי א פויער א הוהן. נישט איינמאָל האָט ער שוין געקראָגען איבער די הינטערשטע פיס, א פּאָאָר מאָל האָט מען איהם שוין געהאַנגען אויף און יעדע וואָך „געפּאַלקעוועט" איהם שיעור אויף טויט, ער האָט אָבער אַלע מאָל ווידער אָפּגעלעבט.

איצט אוראי שטעהט דער זיידע פאַר דער טויער, זשמורעט זיינע אויגען אויף די העל־רויטע פענסטער פון דעם דאָרפישען קלויס־טער און, אונטערטאַנצענדיג אין זיינע וואַליקעס, טרייבט ער שפּאַס מיט די דיענסטען פונ'ם גוט. זיין קאַלאַקאַטקע איז ביי איהם צוגע־בונדען צום גאַרטעל. ער פּאַטש א האַנד אָן א האַנד פאַר קעלט און, לאַכענדיג מיט זיין אַלטען פערשטיקטען געלעכטער, טהוט ער א צופּ באַלד דאָס שטוב־מיידעל און באַלד די קעכין.

— ווילט איהר אפשר טהאָן א שמעק טאַבאַק? — מאַכט ער און רוקט אונטער די ווייבער זיין טאַבאַק־פּושקע.

די ווייבער שמעקען און ניסען. דער זיידע פאַלט אריין אין גרוי־סער התפּעלות, צולאַכט זיך פרעהלאַך און שרייט:

— רייס אָפּ, צוגעפראָרען!

מען גיט די הינט אויך די טאַבאַק א שמעק טהאָן. קאַשטאַנקע ניסט, דרעהט מיט דער מאָרדע און טרעט אָפּ בעליידיגט אָן א זייט. וויאון אָבער ניסט ניט אויס רעספּעקט, דרעהט נור מיט'ן ווידעל.

די לופט איז אַזוי שטיל, דורכזיכטיג און פריש. די נאַכט איז פינסטער, דאָך זעהט מען די גאַנצע דאָרף מיט איהרע ווייסע דעכער און די פּאַסען רויך, וואָס טראָגען זיך פון די קוימענס, די בוימער, וואָס זיינען בעזילבערט פונ'ם פראָסט, און די קופּעס שנעע. דער גאַנצער הימעל איז אויסגעשאָטען מיט פרעהלאַך־ווינקענדיגע שטערענדלאַך און די מילך־שטראַסע טרעט דאָרט ארויס אַזוי קלאָהר און דייטליך, אקוראַט ווי מען וואָלט זי פאר יום טוב א וואַש געטהאָן און מיט שנעע אויסגעריבען...

וואַנקא האָט א זיפץ געטהאָן, איינגעטונקען די פעדער און ווייטער געשריעבען:

— און נעכטען האָב איך געקראָגען ארויסגעמאָרדעוועט. דער בעל הבית האָט מיך פאר די האָאר ארויסגעמאָרדעוועט פון שטוב אויפ'ן הויף און האָט מיך געשלאָגען דערפאַר, ווייל, בעת איך האָב זייער קינד געוויגט אין וויעגעלע, בין איך ניט וועלענדיג אַנשלאָפען געוואָרען. און אַנומעלט האָט די בעל הבית'טע מיר געהייסען אָפּשיילען א הערינג, האָב איך אָנגעהויבען פון דעם עק, האָט זי גענומען דעם הערינג און מיט זיין מאָרדע מיר געשטופּט אין פּנים אריין. די פּועלים לאַכען פון מיר, שאַפען זיך מיט מיר, שיקען מיך אין שענק נאָך שנאַפּס און הייסען מיר גנב'ענען אוגערקעס ביי דער בעל הבית'טע, און דער בעל הבית שלאָגט מיך, נהרג'ט מיך, מיט וואָס נור עס פאַלט איהם אין האַנד אריין. און עסען גיט מען גאָר נישט. אין דערפריה ברויט, צו־וואַרעמעס — קאַשע. און פאַרנאַכט ווידער ברויט; טהעע אָבער צי באָרשט — דאָס בלייבען אויס דער בעל הבית און די בעל הבית'טע אליין. און שלאָפען הייסט מען מיר אין פיהר־הויז און אז זייער קינד וויינט, שלאָף איך אין גאַנצען ניט און וויעג דאָס וויעגעלע. טהייערער זיידוניו, פערדין א מצוה, האָב רחמנות, נעהם מיך צו פון דאַנען אהיים, צוריק אין דאָרף, איך האָב מעהר קיין כוחות נישט... איך וואַרף זיך צו דיינע פיס און וועל אייביג גאָט בעטען פאַר דיר, נעהם מיך צו פון דאַנען, אַניט וועל איך שטאַרבען...

וואַנקא האָט פערקרימט די ליפּען, א רייב געטהאָן מיט זיין שוואַרצען פויסט די אויגען און א כליפּע געטהאָן.

— איך וועל דיר טאַבאַק רייבען — האָט ער ווייטער געשריעבען

— איך וועל זיין פרום און טאָמער ניט, שמיים מיך, קאַטעווע מיך, ווי סידאָר'ס ציעג. און אויב דו מיינסט, אז איך וועל נישט האָבען וואָס צו טהאָן, שווער איך דיר, אז איך וועל זיך איינבעטען ביים בריקאַשציק, ער זאָל מיך אָננעהמען אויף פוצען זיינע שטיוועל, אָניט וועל איך אָנשטאָדט פעדקיע'ן געהן העלפען פיטערען די פיה. זיידוניו ליעבינקער, איך קען נישט מעהר, איך שטאַרב ממש. איך וואָלט וועלען לויפען אין דאָרף צוריק, האָב איך קיין שטיוועל ניט און האָב מורא פאר דעם פראָסט. און אז איך וועל אויסוואַקסען א גרויסער, וועל איך דיר דערפאר געבען עסען און איך וועל קיינעם נישט לאָזען דיר שלעכטס טהאָן, און אז דו וועסט שטאַרבען, וועל איך פאר דיין נשמה גאָט בעטען, פונקט אזוי ווי פאר מיין מאַמוניו פעלאַגעא.

און מאָסקווע איז א גרויסע שטאָדט. די הייזער זיינען דאָ אַלץ פריצישע און פערד זיינען דאָ א סך, און קיין שעפסען זיינען ניטאָ, און די הינט זיינען ניט בייזע. איך האָב אמאָל געזעהן אין א פענסטער פון א קראָם וואודעס ארויסגעשטעלט פאר פערשיעדענע פיש, זעהר טהייערע, עס איז פאראן אפילו אזא וואודע מיט אזא העקעל, וואס וועט קענען איינהאַלטען א פיש פון א גאַנצען פוד. און איך האב געזעהן אזעלכע קראָמען, וואו מען פערקויפט ביקסען אזוינע ווי ביי אונזער פריץ, קאָסט אודאי הונדערט רובעל א שטיק... און אין די יאַטקעס פערקויפט מען בירק־היהנער און האזעל־היהנער און האָזען, און וואו מען שיסט, אין וואָס פאר א פלעצער — דאָס זאָגען ניט די קצבים...

טהייערער זיידוניו, און אז ביי די פריצים וועט מען אויפשטעלען א ווייהנאַכטס־בוים מיט פרעזענטען, נעהם אַרונטער א גאָלדענעם נוס פאר מיר און בעהאַלט איהם אין דעם גרינעם קופערט. טהו א בעט ביי דער פריילין אָלגא איגנאַטיעוונא'ן, זאָג, אז פאר וואַנקא'ן.

וואַנקא האָט אויפציטערענדיג א זיפץ געטהאָן און האָט ווידער גענומען קוקען אויפ'ן פענסטער.

ער האָט זיך דערמאָנט, אז נאָך דער יאָלקע, נאָך דעם ווייהנאַכטבוים, פאר די פריצים פלעגט אַלע מאָל געהן זיין זיידע און פלעגט איהם אויך מיטנעהמען מיט זיך אין וואַלד. ווי פרעהלאַך איז דעמאָלט געוועזן! דער זיידע האָט געקרעכצט, דער פראָסט האָט געקרעכצט און,

אויף זיי קוקענדיג, האט וואינקא אויך געקרעכצט. עס האט געטראָפּען, אז איידער מען האָט אויסגעהאקט די יאָלקע (טאנענבוים), האָט דער זיידע אפריהער אויסגערויכערט זיין פּיפּקע, זיך גוט מיט טאבאק אָנגעשמעקט און געלאכט פון דעם פערפראָרענעם וואינקא'ן...

די יונגע טאָנענבוימער, פון דעם פראָסט ארומגענומען און מיט זיין אייז־טהוי בעדעקט, שטעהן אונבעוועגליך און ווארטען, ווער פון זיי איז בעשערט צו שטארבען? מיט אמאָל פליהט איבער די קופּעס שנעע פייל פון בויגען א האָז... דער זיידע קען זיך ניט איינהאַלטען און שרייט:

— האַלט, האַלט... האַלט! אך, דו מחבל!...

דעם אויסגעהאַקטען טאָנענבוים האָט דער זיידע געבראכט צו שלעפּען אין דאָס פּריצישע הויז אריין און דאָרט האָט מען זיך א נעהם געטהאָן איהם אויסצופּוצען... מעהר פון אַלעמען האָט זיך מתעסק געווען די פריילין אָלגא איגנאטיעווגא, וועלכע וואינקא האָט זעהר ליעב געהאט. בעת וואינקא'ס מאמע פעלאגעא האָט נאָך געלעבט און האָט געדיענט ביי די פּריצים, האָט אָלגא איגנאטיעווגא אָפּט גע־געבען וואינקא'ן פערשיעדענע נאשערייען און, ניט האָבענדיג וואָס אנדערש צו טהאָן, האָט זי איהם אויסגעלערנט לעזען, שרייבען, רע־כענען ביז הונדערט און אפילו טאנצען א קאדריל אויך. אָבער ווען פעלאגעא איז געשטאָרבען, האט מען דעם יתום וואינקא'ן אפריהער משלוח געווען צום זיידען אין קיך פון דער דיענערשאפט און פון דער קיך צום שוסטער אליאכין אין מאָסקווע.

— טהייערער זיידוניו, קום צו פאָהרען — האָט וואינקא גע־שריעבען ווייטער — ווי גאָט איז דיר ליעב, איך בעט דיך, נעהם מיך צו פון דאַנען. האָב רחמנות איבער מיר, דעם אונגליקליכען יתום, אָניט שלאָגען מיך אַלע און עסען ווילט זיך א גרויל, און עס איז אזוי אומעטיג, אז איך קען גאָר נישט אזוי פיעל ארויסזאָגען, איך הער ניט אויף צו וויינען. און אָנומעלט האָט דער בעל הבית מיר אזא זעץ גע־טהאָן מיט א קאפּיל איבער'ן קאָפּ, אז איך בין געפאלען און האָב זיך קוים אָטשוכעט... מיין לעבען איז פערלאָרען, ערגער פון א וועלכען ניט־איז הינטישען... און איך לאָז נאָך גריסען אליענע'ן, יעגאָר דעם קרומען און דעם קוטשער, און מיין הארמאָניק גיב קיינעם נישט

אוועק. איך פערבלייב דיין אייניקעל איוואן זשוקאָוו, טהייערער זיידוניו, קום צו פאָהרען.

וואנקא האָט צונויפגעלעגט דעם בריעף אין פיער'ען, האָט איהם אריינגעלייגט אין א קאָנווערט, וואָס ער האָט נעכטען געהאט גע־קויפט פאר א קאָפּיקע און, טראַכטענדיג א ווײלע, האָט ער איינגע־טונקט די פעדער און אָנגעשריעבען דעם אדרעס:

א י ן ד אָ ר ף צ ו ם ז י י ד ע ן.

דערנאָך האט ער זיך א קראַץ געטהאָן, ווידער א טראַכט געטהאָן און צוגעשריעבען:

ק אָ נ ס ט א נ ט י ן מ א ק א ר י ט ש'ן.

צופריעדען מיט דעם, וואָס מען האָט איהם ניט געשטערט צו שרייבען, האָט ער זיין היטעל אָנגעטהאָן און אָהן זיין פעלצעל, אין איין העמד, איז ער ארויסגעלאָפען אויף דער גאס...

די קצבים פון די יאַטקעס, ביי וועלכע ער האָט נעכטען געפרעגט, ווי אזוי מען שיקט א בריעף האָבען איהם ערקלעהרט, אז בריעף ווארפט מען אריין אין די פּאָסט־קאַסטענס און פון דאָרט צושיקט מען זיי איבער דער גאַנצער וועלט אויף פּאָסט־פערד מיט שיכור'ע פּוהרמאַנעס און הילכענדיגע גלעקלאַך.

וואנקא איז צוגעלאָפען צום ערשטען פּאָסט־קאַסטען און האָט ארונטערגעשטופּט דעם טהייערען בריעף אין שפּאַלט אריין...

איינגעליולעט פון זיסע האָפנונגען, האָט ער, אין א שעה ארום, געשמאַק געשלאָפען... און איהם האָט זיך גע'חלום'ט אַן אויווען. אויפ'ן אויווען זיצט דער זיידע, די באָרפוסע פיס ארונטערגעהאַנגען, און לעזט א בריעף פאר די קעכינס... נעבען אויווען געהט ארום וויאון און דרעהט מיט'ן ווידעל...

שלאָפען ווילט זיך

נאכט. די ניאניע ווארקא, א מיידעל א יאָהר דרייצעהן אלט, וויעגט א וויעג, אין וועלכער עס ליעגט א קינד, און זינגט זיך אונטער דער נאָז, קוים וואס מען הערט:

אָ—אָ שלאָף־זשע, שלאָ־אָף, קינדעלע,
איך וועל דיר זינגען אַ ניגע־לע־ע...

פאר דאס הייליגע בילד ברענט א גרין לעמפעל; דורך'ן גאַנצען צימער פון איין ווינקעל ביז'ן אנדערן איז פערצויגען א שטריק, אויף וועלכער עס הענגען ווינדעלאך און גרויסע שווארצע פּאנטאלאָנעס. פון דעם לעמפעל שלאָגט אָפּ אויפ'ן סופיט א גרויסער גרינער פלעק און די ווינדעלאך און די פּאנטאלאָנעס ווארפען פון זיך לאנגע שאָ־טענס אויף דער אייוועז, וויעג און אויף ווארקא'ן... ווען דאס ליכט פון'ם לעמפעל הייבט אָן צו ווינקען, הייבען אויך אָן צו ווינקען און צו בעוועגען זיך דער פלעק און די שאָטענס, ווי פון א ווינד. עס שטיקט און עס שמעקט מיט בארשט און שוך־ווארג.

דאס קינד וויינט. עס איז שוין לאנג הייזעריג און פערמארטערט געוואָרען פון וויינען. אבער עס וויינט נאָך אלץ און ווער וויים, ווען עס וועט אנשוויגען ווערען. און ווארקע'ן ווילט זיך שלאָפען. איהרע אויגען קלעפּען זיך, דער קאָפּ ציהט ארונטער, קוים וואס זי האלט איהם איין, און די האלז טהוט וועה. זי קען ניט א מאך טהאָן ניט מיט די אויגען־לעדלאך, ניט מיט די ליפּען, און עס דוכט זיך איהר, אז איהר פּנים האט אויסגעטריקענט, איז עפּעס א הילצערנער געוואָ־רען, אז איהר קאָפּ איז קליין געוואָרען, אזוי קליין, ווי דאס קעפּעל פון א שפּיעלקע.

— שלאָ־אָף — שלאָ־אָף — ציהט זי אונטער דער נאָז — איך וועל דיר אָפּקאָכען קאַ־אַ־שינ־קע־ע!..

אין אײװען שרײט א גריל. אין דעם צװײטען צימער אהינטער דער טהיר כראָפּעט דער בעל הבית און זײן פּועל אפאנאסי... די װיעג סקריפּעט רחמנות'דיג, װארקא אלײן ציהט אונטער דער נאָז דאס שלאָף־ליעדעל — און דאס אלעס גיעסט זיך צונויף אין אײן־בײנאכטיגער אײנליולענדער מוזיק, װעלכע עס איז אזוי זיס צו הערען, ליעגענדיג אין בעט.

איצט אבער צורײצט די דאָזיגע מוזיק, צורײצט, מארטערט און דריקט, װארום זי טרײבט ארויף א דרעמיל, און שלאָפען טאָר מען ניט; זאָל װארקא, חלילה, אנשלאָפען װערען, װעלען די בעלי בתים זי נהרג'ן.

דער שײן פון'ם לעמפּעל װינקט. דער גרינער פלעק און די שאָ־טענס הײבען אָן זיך צו בעװעגען, קריכען ארײן אין די האלב־אָפענע, אונבעװעגליכע אויגען פון װארקא'ן און פערװאנדלען זיך אין איהר האלב אײנגעשלעפערטען מוח אין נעבעלדיגע חלומות. זי זעהט דונ־קעלע װאָלקענס, װאס יאָגען זיך אײנער נאָך'ן אנדערן איבער'ן הי־מעל, און שרײען, װי דאס קינד. נור אָט האט א װינד א בלאָז געטהאָן, די װאָלקענס זײנען פערשװאונדען, און װארקא זעהט א ברײטען, קויטיגען שאָסעע, איבער װעלכען עס ציהען זיך לאנגע שורות פוהרען, מענשען מיט קלומיקעס אויפ'ן רוקען שלעפּען זיך און עפּעס שאָטענס בעװעגען זיך הין און צוריק, אהער און אהין; פון בײדע זײטען דורך'ן קאלטען, בײזען נעבעל זעהען זיך ארוים װעלדער. מיט אמאָל װארפען זיך די מענשען מיט די שאָטענס אין דעם טיעפען קויט ארײן.

— װאס טהוט איהר? — פרעגט װארקא?

— שלאָפען, שלאָפען! — ענטפערט מען איהר.

און זײ װערען אנשלאָפען שטארק. שלאָפען געשמאַק, און אויף די טעלעגראפישע דראָטען זיצען קראָען, שרײען, װי דאס קינד, און סטארען זיך זײ אויפצואװעקען.

— א־א־א! שלאָף, שלאָ־אָף, קינדעלע.

איך װעל דיר זינגען א ניגעלע־ע! — ציהט װארקא אונטער דער נאָז און זעהט זיך שוין אין דעם פינסטערען, פערשטיקטען שטי־בעל בײ איהרע עלטערען.

אויף דער פּאָדלאָגע װארפט זיך ארום איהר זעליגער פאָטער,

יעפים סטעפּאַנאָוו. זי זעהט איהם ניט, הערט נור, ווי ער קייקעלט זיך ארום איבער דער פאָדלאָגע פאר וועהטאָג און קרעכצט. ביי איהם, זאָגט ער, האט זיך צושפּיעלט דאס נאָגעניש. דער וועהטאָג איז אזוי גרויס, אז ער איז ניט אימשטאַנד אַ וואָרט ארויסצורײדען, ציהט נור אין זיך די לופט און קלאַפּט מיט די צייהן:

— בו־בו־בו־בו...

די מאַמע פּעלאַגעא איז אוועקגעלאָפען אין הויף צום פריץ אָנ־זאָגען, אז יעפים שטאַרבט. זי איז שוין לאַנג אוועק, שוין צייט זי זאָל צוריק זיין. וואַרקאַ ליעגט אויפ'ן אויווען, שלאָפט ניט און הערט זיך צו צו איהר פאָטער'ס „בו־בו־בו". נור אָט הערט זי, ווי עמיצער איז צוגעפאָהרען צום שטיבעל.

דאָס האָט דער פריץ געשיקט דעם יונגען דאָקטאָר, וועלכער איז געקומען צו איהם צו גאַסט פון שטאָדט.

דער דאָקטאָר קומט אריין אין שטיבעל; אין דער פינסטערניש זעהט מען איהם ניט, מען הערט נור, ווי ער הוסט און קלאַפּט מיט דער טהיר.

— צינדט אָן פייער — מאַכט ער.

— בו־בו־בו... — ענטפערט יעפים.

פּעלאַגעא טהוט זיך אַ וואָרף צום אויוועוען און הויבט אָן צו זוּ־כען שוועבעלאַך.

אַ מינוט איז שטיל, דער דאָקטאָר זוכט אויף ביי זיך אין די קעשענעס אַ שוועבעלע און צינדט אָן.

— אָט גלייך, גלייך, טאַטעלע — זאָגט פּעלאַגעא, כאַפּט זיך ארויס פון שטיבעל און אין אַ ווײלע ארום קעהרט זיך צוריק מיט אַ ברעקעל פון אַן אויסגעברענט ליכט.

די באַקען ביי יעפים'ען זיינען ראָזעווע, די אויגען בלישצען און זיין בליק איז בעזאָנדערס שאַרף, אקוראַט ווי יעפים זעהט דורך און דורך אי דאָס שטיבעל, אי דעם דאָקטאָר.

— נו, וואָס? וואָס האָט זיך דיר פערגלוסט? — מאַכט דער דאָקטאָר, איינבויגענדיג זיך צו איהם: — עהע, דאָס איז שוין לאַנג ביי דיר?

— וואָס מאַכט עס אויס? די צייט צו שטאַרבען איז געקומען, אייער וואוילגעבורטה... איך וועל שוין נישט לעבען...

— רייד נישט קיין נאַרישקייטען, מיר וועלען דיך געזונד מאַכען!

— דאָס ווי איהר פערשטעהט, אייער וואויל־געבורט, מיר דאַנקען אייך אונטערטהעניגסט, אָבער מיר פערשטעהן... ווען דער טויט איז געקומען, וואָס קען מען שוין דעמאָלט...

דער דאָקטאָר זוכט איהם אונטער אַרום אַ פערטעל שעה; דער־נאָך הויבט ער זיך אויף און זאָגט:

— איך קען גאָר נישט טהאָן... דו מוזט פאָהרען אין שפּיטאָל, דאָרט וועט מען דיר אַן אָפּעראַציאָן מאַכען. פאָהר אָבער גלייך... אונבעדינגט פאָהר! צו שפּעט אביסעלע, אין שפּיטאָל שלאָפען שוין אַלע, נור דאָס מאַכט נישט, איך וועל דיר אַ בריעף געבען. דו הערסט?

— טאַטעלע, אָבער אויף וואָס וועט ער פאָהרען? — מאַכט פּעלאַגעא — ביי אונז איז ניטאָ קיין פערד.

דער דאָקטאָר געהט אוועק, דאָס ליכט געהט אויס און ווידער דערהערט זיך „בו־בו־בו"...

שפּעטער אין אַ האַלב שעה פאָהרט מען ווידער צו צום שטיבעל. דאָס האָט דער פּריץ געשיקט אַ וואָגען, אום צו פאָהרען אין שפּי־טאָל. יעפים נעהמט זיך צונויף און פאָהרט...

אָט איז געוואָרען טאָג, אַ שעהנער, ליכטיגער טאָג. פּעלאַגעא איז ניטאָ אין שטיבעל, זי איז אוועק אין שפּיטאָל, צו געוואָהר ווערען, וואָס הערט זיך דאָרט מיט יעפים'ן. ערגעץ־וואו וויינט אַ קינד און װאַרקא הערט, ווי עמיצער זינגט מיט איהר קול:

— שלאָף־שלאָף־שלאָף, קינדעלע־ע,
איך וועל דיר זינגען אַ ניגעלע־ע!

פּעלאַגעא האָט זיך צוריקגעהערט; זי צלם'ט זיך און שעפּצעט:

— ביינאַכט האָט מען איהם אריינגעגעבען און פאַרטאָג האָט ער גאָט זיין נשמה אָפּגעגעבען... זאָל ער האָבען אַ ליכטיגען גן עדן, אייביגע רוה... זיי זאָגען, צו שפּעט געכאַפּט זיך... פריהער האָט מען געדאַרפט...

װאַרקא געהט אין וואַלד אוועק און וויינט דאָרט, נור פּלוצים גיט עמיצער איהר אַזאַ זעץ איבער'ן נאַקען, אַז זי שלאָגט זיך מיט'ן

שטערן אָן אַ בירקע־בוים. זי הויבט אויף די אויגען און דערזעהט פאַר זיך איהר בעל הבית דעם שוסטער.

— וואָס איז מיט דיר, דו שטיק פּאַסקודסטוואָ? — זאָגט ער — דאָס קינד וויינט, און דו שלאָפסט?..

ער טהוט זי אַ ריעס שטאַרק פאַר'ן אויער, זי טהוט אַ טרייסעל דעם קאָפּ, וויעגט די וויעגעלע און זינגט איהר ליעדעל.

דער גרינער פלעק און די שאָטענס פון די פּאַנטאַלאָנעס און ווינדעלאַך פלאַטערען ווידער, ווינקען צו איהר און באַלד בעהערשען זיי ווידער איהר מוח. זי זעהט ווידער דעם קויטיגען שאָסעע. די מענשען מיט די קלומיקלאַך אויפ'ן רוקען און די שאָטענס האָבען זיך צולייגט און שלאָפען געשמאַק. וואַרקאַ'ן ווילט זיך מורא'דיג שלאָפען; זי וואָלט זיך אויך מיט פערגעניגען אװעקגעלייגט, אָבער איהר מאַמע פעלאַגעא געהט און טרייבט זי אונטער. ביידע איילען אין שטאָדט אריין, צו פערדינגען זיך אויף פלעצער.

— שענקט אַ נדבה אין גאָט'ס נאָמען! — בעט די מאַמע ביי מענשען אויפ'ן וועג — האָט רחמנות, גוטע הערךן!

— דערלאַנג אהער דאָס קינד! — ענטפערט איהר עמיצענ'ס אַ בעקאַנטער קול — דערלאַנג אהער דאָס קינד! — חזר'ט איבער יע־נע שטימע, שוין בייז און גראָב: — דו שלאָפסט, אויסוואורף?

וואַרקאַ שפּרינגט אויף, קוקט זיך אום און פערשטעהט, וואָס דאָס מיינט: ניטאָ שוין קיין שאָסעע, קיין פּעלאַגעא, קיין אַנדערע מענשען, עס שטעהט נור אין מיטען צימער איהר בעל הבית'טע אליין, וועלכע איז געקומען אָנזויגען איהר קינד.

ביז וואַנען איהר דיקע בעל הבית'טע מיט די ברייטע שולטערען זויגט און נעהמט איין דאָס קינד, שטעהט וואַרקאַ, קוקט אויף איהר און וואַרט, ביז יענע וועט פאַרטיג ווערען.

און הינטער די פענסטער ציהט זיך שוין אין דער לופטען אַ בלויקייט, די שאָטענס און דער גרינער פלעק אויפ'ן סופיט ווערען בלאַסער. באַלד טאָג.

— נעהם! — מאַכט די בעל הבית'טע, פערשפּיעלענדיג דאָס העמד ביי דער ברוסט: — וויינט. הפנים, מען האָט עס אַן עין הרע געגעבען.

וואַרקאַ נעהמט דאָס קינד, לייגט עס אין וויגעלע אריין און הויבט

אָן ווידער צו וויעגען. דער גרינער פלעק און די שאָטענס פערשווינ־דען ביסלעכווייז און עס איז שוין ניטאָ מעהר, וועד עס זאָל אין קאָפּ קריכען און דעם מוח פערנעבלען.

און שלאָפען ווילט זיך ווי פריהער, אוי, שלאָפען! ווארקא שפּאַרט צו דעם קאָפּ אויף אַ ברעג פון דער וויעג און וויעגט זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער, אום ביייצוקומען דעם שלאָף, אָבער די אויגען קלעפּען זיך פאַרט און דער קאָפּ איז אַזוי שווער.

— ווארקא, הייץ איין די אויווען! — דערהערט זיך פון אהינטער דער טהיר די שטימע פון'ם בעל הבית.

דאָס מיינט, אַז עס איז שוין צייט אויפצושטעהן און נעהמען זיך טהאָן ארבייט...

ווארקא לאָזט איבער די וויעג און לויפט אין שטאַהל נאָך האָלץ. זי האָט זיך דערפרעהט. אַז מען לויפט און מען געהט, ווילט זיך אַזוי ניט שלאָפען, ווי ווען מען זיצט. זי טראָגט אריין האָלץ, הייצט איין די אויווען און שפירט, ווי עס גלייכט זיך אויס איהר פערשלאָ־פענער פּנים און ווי עס ווערט קלערער אין איהר מוח.

— ווארקא, שטעל דעם סאַמאָוואר! — שרייט די בעל הבית'־טע.

ווארקא שפּאַלט אָן שפּענדלאָך, נור קוים האָט זי זיי אָנגעצונ־דען און אינ'ם סאַמאָוואר אריינגערוקט, דערהערט זיך אַ נייער בע־פעהל:

— ווארקא, פּוץ אָפּ דעם בעל הבית די קאַלאָשען.

זי זעצט זיך אויף דער פּאָדלאָגע, פּוצט די קאַלאָשען און טראַכט, אַז עס וואָלט זעהר גוט געווען אריינצורוקען דעם קאָפּ אין אַ גרוי־סען, טיעפען קאַלאָש און אַ ביסעל אַ דרעמיל טהאָן...

און פּלוצים וואַקסט אוים דער קאַלאָש, בלאָזט זיך אויף, פאַר־נעהמט אַזש דעם גאַנצען צימער, ווארקא לאָזט ארוים די בערשטעל פון דער האַנד, אָבער באַלד טהוט זי אַ טרייסעל דעם קאָפּ, שצירעט אוים די אויגען און סטאַרעט זיך צו קוקען אַזוי, אום די זאַכען זאָ־לען נים וואַקסען און ניט טאַנצען פאַר איהרע אויגען.

— ווארקא, וואַש אוים די טרעפּ פון דרויסען, עס איז מיאוס פאַר די קונדען!

ווארקא וואַשט די טרעפּ, ראַמט אויף אין די צימערען, דערנאָך

הייצט זי איין די צווייטע אויוועז און לויפט אין קראָם. ארבייט איז פאַראַן פיעל, ניטאָ קיין איין פרייע מינוט.

אָבער גאָר נישט איז אזוי שווער, ווי צו שטעהן אויף איין אָרט אין קיך ביים טיש און שיילען קארטאָפעל. דעם קאָפּ ציהט צום טיש, די קארטאָפעל טאַנצען פאר די אויגען, דאָס מעסער פאַלט פון די הענד און דערביי נאָך געהט ארום די דיקע, בייזע בעל הבית'טע מיט פערקאָטשעטע ארבעל און שרייט אזוי, אז אין די אויערען קלינגט. עס איז אויך אַן אָפּקומעניש צו דערלאַנגען מיטאָג־צייט צום טיש, וואשען, נייהען. עס זיינען פאראַן מינוטען, ווען איהר גלוסט זיך מורא'דיג, ניט קוקענדיג אויף גאָרנישט, א וואָרף טהאָן זיך אויף דער פּאָדלאָגע און שלאָפען.

דער טאָג געהט אוועק. קוקענדיג, ווי עס דונקלען די פענסטער, שטעהט ווארקא, דריקט זיך די שלייפען, וואָס זיינען איצט ווי הילצערנע און שמייכעלט ניט וויסענדיג אליין ווארום.

די פארנאַכטיגע דונקעלקייט לאַסצעט איהרע קלעפּעדיגע אויגען און פערשפּרעכט איהר א געשמאַקען און גיכען שלאָף.

פארנאַכט קומען צום בעל הבית געסט.

— ווארקא, שטעל דעם סאַמאָוואר! — שרייט די בעל הבית'טע.

דער סאַמאָוואר איז א קליינער און איידער די געסט טרינקען זיך אָן געננוג מיט טהעע, דארף מען איהם א פינף מאָל ווארעמען.

נאָכ'ן טהעע שטעהט אָפּ ווארקא א גאַנצע שעה אויף איין אָרט, קוקט אויף די געסט און וואַרט אויף נייע בעפעהלען.

— ווארקא, כאַפּ זיך ארוים, קויף דריי פלעשער ביער!

זי טהוט זיך א כאַפּ פונ'ם אָרט און סטארעט זיך צו לויפען וואָס שנעלער, אום צו פערטרייבען דעם שלאָף.

— ווארקא, טהו א לאָף נאָך שנאַפּס! ווארקא, וואו איז דער קאָרקענ־ציהער? ווארקא, שייל אָפּ א הערינג!

נור אָט, ענדליך, זיינען די געסט אוועק. מען לעשט אוים דאָס פייער. דער בעל הבית און די בעל הבית'טע לייגען זיך שלאָפען.

— ווארקא, טהו א וויעג דאָס קינד! — דערהערט זיך דער לעצטער בעפעהל.

אין אויוועז שרייט דער גריל; דער גרינער פלעק אויפ'ן סופיט און די שאָטענס פון די פּאַנטאַלאָנעס און ווינדעלאך קריכען ווידער

אין די האלב־געעפענטע אויגען פון ווארקא'ן, פינטלען און מישען איהר דעם מוח.

— א־א־א שלאף, שלאף, קינדעלע ;

איך וועל דיר זינגען א ניגעלע...

און דאס קינד רייסט זיך, געהט אויס פון די כוחות, שרייענדיג. ווארקא זעהט ווידער דעם קויטיגען שאסע, די מענשען מיט די קלור־מיקעס, פעלאגעא'ן און דעם פאטער יעפים'ן. זי פערשטעהט אלעס, אלעמען דערקענט זי, נור איין זאך קען זי ניט פערשטעהן אין איהר דרעמיל: וואס אזוינס האט עס איהר אזוי געשמידט הענד און פיס, שטיקט זי און לאזט זי ניט לעבען... זי קוקט זיך ארום, זוכט יענע בייזע קראפט, אום זיך צו בעפרייען פון איהר, אבער געפינט זי ניט. צום סוף, אויסגעמאטערט, נעהמט זי צונויף איהרע אלע כוחות, שטרענגט אן איהר גאנצע זעהונגס־קראפט, קוקט ארויף אויף דעם גרינעם פלעק, וואס ווינקט צו איהר, און, צוהערענדיג זיך צו דעם געשריי, געפינט זי אוים דעם שונא, וואס לאזט זי ניט לעבען.

דער שונא איז דאס קינד...

זי לאכט. זי וואונדערט זיך: ווי אזוי האט זי פריהער ניט פערשטאנען אזא איינפאכע זאך, אזא קלייניגקייט?

דער גרינער פלעק, די שאטענס און דער גריל אויך לאכען, דאכט זיך, און וואונדערען זיך...

א קרענקליכע פארשטעלונג בעהערשט ווארקא'ן. זי הויבט זיך אויף פון טאבורעט און, מיט א ברייטען שמייכעל און ניט בעוועגענדיג מיט די אויגען, געהט זי זיך דורך איבער'ן צימער. עס איז איהר אנגענעהם און פרעהלאך פון דעם געדאנק, אז באלד וועט זי זיך בעפרייען פונ'ם קינד, וועלכעס האט איהר הענד און פיס געשמידט... טויטען דאס קינד און דערנאך שלאפען, שלאפען, שלאפען...

לאכענדיג, ווינקענדיג און דראהענדיג דעם גרינעם פלעק מיט די פינגער, גנב'עט זיך ווארקא צו צו דער וויעג און בויגט זיך אריבער איבער דאס קינד. דערשטיקט עס, לייגט זי זיך גיך אוועק אויף דער פאדלאגע, לאכט פון פרייד, וואס זי וועט קענען שלאפען, און א מינוט שפעטער שלאפט זי שוין שטארק, ווי א טויטע...

אַניוטא

אין א בילינען נאָמער פון די מעבעלירטע צימערן, בעקאַנט אונ־טער׳ן נאָמען „ליסאַבאָן״, איז דער סטודענט־מעדיק פון דריטען קורס, סטעפּאַן קלאָטשקאָוו, ארומגעגאַנגען פון איין ווינקעל אינ׳ם אַנדערן און האָט מיט התמדה געזוברעוועט זיין מעדיצין. פון דער לאַנגער און אָנגעשטרענגטער זובראָוועקע האָט ביי איהם אין מויל געגומען טריקענען און אויפ׳ן שטערען האָט א שוויים ארויסגעשלאָגען.

נעבען פענסטער, וואָס איז פערצויגען געווען ביי די זייטען מיט אייז־קווייטען, איז געזעסען אויף א טאַבורעט אַניוטא, דאָס מיידעל, וואָס האָט מיט איהם געוואוינט, א קליינצינקע, מאָגערינקע ברוי־נעטקע, א יאָהר 25 אלט, זעהר א בלייכע, מיט פריינדליכע גרויע אויגען.

איינגעבויגט דעם רוקען, האָט זי אויסגענייהט מיט רויטע פּאָ־דים א קראַגען פון א מענערשען העמד. די ארבייט איז געווען אַן איי־לענדיגע... דער זייגער אינ׳ם קאָרידאָר האָט שוין געשלאָגען צוויי, און אינ׳ם נאָמער איז נאָך נישט געווען אויפגעראַמט, צוגעקליבען. די צונויפגעדרעהטע קאָלדרע, צו־וואָרפענע קישענס, ביכער, קליידער, א גרויסע שיסעל וואַסער, פול מיט שמוציגע זייפען־בלעזלאך, — אַלעס האָט זיך געדאַכט, איז צונויפגעוואָרפען אין איין קופּע, ווי אומיסטנע...

דער רעכטער לונגען בעשטעהט פון דריי טהיילען — האָט קלאָטשקאָוו געזוברעוועט — די גרענעצען! דער אויבערשטער טהייל אויף דער פאָדערשטע ווענטיל פון דער ברוסט דערגרייכט ביז פיער־פינף ריפּען. ביי דער זייטיגער אויבערפלעכע — ביז פיער ריפּען... אהינטען ביז דער ספּינא סקאַפּולא...

קלאָטשקאָוו האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאָרשטעלען זיך דאָס,

וואָס ער האָט נור־וואָס פאַרגעלעזען, און פעררייסען די אויגען צום סופים. נישט געקענט זיך עם קלאָהר פאַרשטעלען, האָט ער גענומען אויף זיך טאַפּען דורכ׳ן וועסט די אויבערשטע ריפּען.

— די דאָזיגע ריפּען זיינען עהנליך צו די קלאַווישען פון א קלאַוויר — האָט ער געזאָגט — מען מוז זיך צוגעוועהנען צו זיי, אום זיך ניט צומישען אין רעכנונג. איך וועל מוזען זיי אויסשטודי־רען אויף א סקעלעט און אויף א לעבעדיגען מענשען... אנו, אניוטא, גיעב אַקאָרשט, איך וועל זיך אויף דיר אריענטירען!

אניוטא האָט געוואָרפען דאָס אויסנייהען, ארונטערגענומען פון זיך די בלוזע און זיך אויסגעגלייכט. קלאָטשקאָוו האָט זיך געזעצט אַנטקעגען איהר, אַנגעכמורעט זיך און גענומען צעהלען איהרע רי־פּען.

— הם... דעם ערשטען ריפּ קען מען זיך גאָר נישט דערטאַפּען... אָט דאָס איז דער צווייטער ריפּ... אזוי... דאָס איז דער דריטער... הם... גאַנץ ריכטיג... קאָרטשעסט זיך אזוי?

— ביי אייך זיינען די פינגער קאַלט!

— נו, נו, שטעה איין.. וועסט נישט שטאַרבען... הייסט עס, דאָס איז דער דריטער ריפּ און דאָס איז דער פערטער... דו זעהסט אוים אזוי מאָגער און די ריפּען, קוים וואָס מען דערטאַפּט זיי... דאָס איז דער צווייטער... דאָס איז דער דריטער... ניין, אזוי צופּלאָנטערט מען זיך און קיין קלאָרען בעגריעף קען מען נישט האָבען... איך מוז עס אויסמאָהלען. וואו איז מיין קויהל?

קלאָטשקאָוו האָט גענומען א קויהל און אויסגעמאָהלט ביי אניוטא׳ן אויף דער ברוסט עטליכע פּאַראַלעלנע שטריכען, וואָס האָבען געזאָלט פאָרשטעלען די ריפּען.

— אויסגעצייכענט. קלאָהר, ווי אויפ׳ן דלאָן... אנו, איצט וועט מען קענען אביסעל א קלאַפּ טהאָן אויך. הויב זיך אָקאָרשט אויף!

אניוטא האָט זיך אויפגעהויבען און פעררייסען ארויף דעם קינבאַק. קלאָטשקאָוו האָט זי גענומען אויסקלאַפּען און זיך אזוי היינגעריסען מיט דעם, אז ער האָט נישט בעמערקט, ווי איהרע ליפּען, נאָז און פינגער זיינען בלוי געוואָרען פאַר קעלט. אניוטא האָט געציטערט און מורא געהאט, אז דער מעדיק, בעמערקט, ווי זי טרייסעלט זיך,

קען נאָך ווארפען זיין קלאַפּען און מאַהלען מיט'ן קויל און דערנאָך וועט ער, חלילה, נאָך דורכפאַלען אויפ'ן עקזאמען.

— איצט איז אַלעס קלאָהר — האָט קלאַטשקאָוו געזאָגט און אויפגעהערט צו קלאַפּען — דו זייַ זיך דערוויילע און וויש נישט אַרונטער דעם קויל און איך וועל נאָך אַבסילע אַ זוברעווע טהאָן.

און דער מעדיק האָט ווידער אָנגעהויבען צו געהן איבער'ן צימער און געזוברעוועט.

אַניוטאַ, מיט שווארצע פּאַסען אויף דער ברוסט, ווי אַ טאַטו־אירטע, איז געזעסען, האָט זיך געקאָרטשעט פאַר קעלט און געטראַכט. זי איז בכלל נישט געווען קיין רעדעוודיגע, האָט תמיד געשוויגען און אַלץ געטראַכט, געטראַכט...

פאַר די גאַנצע זעקס־זיעבען יאָהר, זינט זי שלעפּט זיך אַרום איבער די מעבלירטע צימערען, האָט זי אַזוינע, ווי קלאַטשקאָוו, גע־קענט אַ מענער פינף. איצט האָבען זיי שוין אַלע לאַנג געהאַט געענ־דיגט די קורסען, גרויסע לייט געוואָרען, און אַלס אַנשטענדיגע מענ־שען האָבען זיי שוין לאַנג, פערשטעהט זיך, פערגעסען אָן איהר. איי־נער פון זיי וואוינט אין פּאַריז, צוויי זיינען דאָקטוירים, אַ פערטער איז אַ מאַהלער און דער פינפטער, זאָגט מען, איז שוין זאָגאַר אַ פּראָ־פעסאָר... קלאַטשקאָוו איז דער זעקסטער... אין גיכען וועט ער אויך ענדיגען דעם קורס און ווערען אַ גרויסער מאַן.

קיין ספק נישט, קלאַטשקאָוו'ן ערוואַרטעט אַ שעהנע צוקונפט, אַמאָל שפּעטער וועט זיכער פון איהם אַרויסקומען אַ גרויסער מענש, דערוויילע אָבער איז איהם זעהר קלאָגעדיג: ער האָט נישט קיין טאַ־באַק, נישטאָ קיין טהעע און פונ'ם צוקער זיינען אויך פערבליבען בלויז פיער שטיקלאָך. מען דאַרף וואָס גיכער ענדיגען דאָס אויסניי־העַן און אָפּטראָגען צום קונד און דערנאָך פאַר דעם פערטעלע, וואָס זי וועט בעקומען פאַר דער אַרבייט, קויפען טהעע און טאַבאַק.

— קען מען אַריינגעהן? — האָט זיך דערהערט הינטער דער טהיר.

אַניוטאַ האָט שנעל אַרויפגעוואָרפען אויף די אַקסלען אַ וואָלענע טוך. אין צימער איז אַריין דער מאַהלער פעטיסאָוו.

— איך האָב צו אייך אַ בקשה — האָט ער אָנגעהויבען, ווענ־דענדיג זיך צו קלאַטשקאָוו'ן און קוקענדיג ווילד פון אונטער די

קוטשמעס האָאר, וואָס זיינען צוזאַמענגעוואַקסען...

— טהוט מיר א געפאלען און אנטלייהט מיר אייער שעהן מיידעל אויף א פּאָאר שטונדען. איך מאָהל, פערשטעהט איהר מיך, א בילד און איך מוז האָבען א מאָדעל־מיידעל.

— אָך, מיט פערגעניגען! — האָט געזאָגט קלאַטשקאָוו — געה, אַניוטאַ!

— וואָס האָב איך דאָרט נישט געזעהן! — האָט אַניוטאַ שטיל ארויסגערעדט.

— נו, זיי נישט קיין נאר! א מענש בעט צוליעב דער קונסט און נישט צוליעב א וועלכער ניט איז נארישקייט. וואָרום נישט העלפען, אז דו קאָנסט?

אַניוטאַ האָט זיך גענומען אָנטאָן.

— וואָס מאָהלט איהר? — האָט קלאַטשקאָוו געפרעגט.

— פּסיכעי'ן. א גוטער סוזשעט, עס קומט אָבער אלץ נישט ארויס, ווי געהעריג איז. מיר קומט אלץ אויס צו מאָהלען פון פערשיע־דענע מאָדעל־מיידלאַך. נעכטען האָב איך געמאָהלט איינע מיט בלויע פיס. וואָרום, פרעג איך, זיינען ביי דיר די פיס בלוי? זאָגט זי מיר, ווייל די זאָקען קריכען אָפּ. און איהר זוברעוועט נאָך אלץ? א גליקליכער מענש זייט איהר, איהר האָט געדולד.

— מעדיצין איז אזא מין מאַכאַראַיקע, וואָס אָהן זובראַוואקע קען מען נישט אויסקומען.

— הם... ענטשולדיגט, קלאַטשקאָוו, איהר לעבט אָבער אזוי שווייניש, דער רוח ווייס, ווי איהר לעבט!

— וואָס הייסט? אַנדערש קען איך נישט לעבען... פון טאַטען בעקום איך בלויז צוועלף רובעל א חדש און אויף דעם געלד צו לעבען אַנשטענדיג איז אַביסעלע א צו שווערער עסק.

— טאָקי אַביסעלע צו ווייניג געלד — האָט געזאָגט דער מאָה־לער און מיט פעראַכטונג זיך פערקרימט — אָבער דאָך קען מען בע־סער לעבען. אַן ענטוויקעלטער מענש איז פערפליכטעט צו זיין אַן עסטעטיקער. ניט אמת? און ביי אייך איז דאָ דער רוח ווייס וואָס!.. די בעט נישט פערבעט, שמוציג וואַסער, מיסט, קאַשע פון נעכטען אויף א טעלער... פוי!

— דאָס איז אמת — האָט געזאָגט דער מעדיק און זיך פאַרשעהמט — אָבער אַניוטא האָט היינט קיין צייט נישט געהאַט אויפצוראמען. די גאַנצע צייט פערנומען.

אז דער מאהלער און אַניוטא זיינען ארוים, האָט זיך קלאַטשקאָוו אוועקגעלייגט אויף דער זאָפע און אָנגעהויבען צו זובּרעווען ליידענדיגערהייט. דערנאָך איז ער נישט וועלענדיג אַנשלאָפען געוואָרען און, אויפגעכאַפּט זיך אין אַ שעה ארום, האָט ער אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די פויסטען און זיך טרויעריג פערטראַכט.

ער האָט זיך דערמאָנט אַן די ווערטער פון דעם מאהלער, אַז אַן ענטוויקעלטער מענש איז פערפּפליכטעט צו זיין אַן עסטעטיקער, און די דאָזיגע אומגעבונג זיינע האָט זיך איהם איצט אויסגעוויזען אַזוי העסליך און אַפּשטויסענד... אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך אויף אַן אמת דערזעהן אין דער שעהנער אומגעבונג פון זיין צוקונפט, בעת ער וועט אויפנעהמען פּאַציענטען אין זיין קאַבינעט, וועט טרינקען טהעע אין אַ גרוימען עס־צימער צוזאַמען מיט זיין ווייב, אַן אנשטענדיגער דאמע, — און איצט האָט דאָס שיסעל מיט׳ן שמוציגען וואַסער, וואו עס האָבען ארומגעשוואומען שטיקלאַך פון אויסגערויבענטע פּאַפּיראָסען, אויף איהם אַן אַפּשטויסענדיגען איינדרוק געמאַכט. אַניוטא האָט זיך איהם אויך איצט פאַרגעשטעלט מיאוס, אַפּגעלאָזט, רחמנות׳דיג... און ער האָט בעשלאָסען צוגעהן זיך מיט איהר גלייך, אונגעזאַמט.

אַז זי האָט זיך צוריקגעקעהרט פונ׳ם מאהלער און די פוטער פון זיך אַרונטערגענומען, האָט ער זיך אויפגעהויבען און צו איהר געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע:

— אָט וואָס, מיין ליעבע... זעץ זיך און הער מיך אוים. מיר מוזען זיך צושיידען! מיט איין וואָרט, מעהר וויל איך מיט דיר נישט לעבען.

פון דעם מאהלער האָט זי זיך צוריקגעקעהרט אַזוי אויסגעמאַטערט, אַזוי אָהן כוחות. פונ׳ם לאַנגען שטעהן און פּאָזירען פאַר יענעם האָט דער פּנים זיך ביי איהר אויסגעצויגען, מאָגערער געוואָרען און דער קינבאַק איז געוואָרען שפּיציגער, שאַרפער. זי האָט גאָר נישט געענטפערט אויף דעם מעדיק׳ס ווערטער, די ליפּען בלויז האָבען ביי איהר אַ צוק געטהאָן.

— דו מוזט צוגעבען, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועלען מיר זיך סיי־ווי־סיי מוזען צושיידען — האָט דער מעדיק גערעדט — דו ביזט אַ וואוילע, אַ גוטע און נישט קיין נאַר, דו וועסט פערשטעהן...

אַניוטאַ האָט ווידער אָנגעטאָן די פוטער, שווייגענדיג איינגע־וויקעלט איהר אויסגענייהטע ארבייט אין אַ פּאַפּיר, צונויפגענומען איהרע שפּולקעס פּאָדים, נאָדלען; אויפ'ן פענסטער האָט זי געפונען אַ פּאַפּירל מיט פיער שטיקלאַך צוקער, האָט זי עס אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש נעבען די ביכער.

— דאָס איז אייער... צוקער... — האָט זי שטיל געזאָגט און אָפּגעקעהרט זיך, אום צו פערבאָרגען די טרעהרען.

— נו, וואָס וויינסטו? — האָט געפרעגט קלאָטשקאָוו.

ער איז זיך דורכגעגאַנגען דאָס צימער אַ צומישטער און גע־זאָגט:

— כ'לעבען, דו ביזט אַ מאָדנע... דו ווייסט דאָך אַליין, אַז מיר מוזען זיך צוגעהן. אייביג וועלען מיר דאָך ניט לעבען צוזאַמען.

זי האָט שוין געהאַט צונויפגענומען איהרע אַלע פּעקלאַך און זיך שוין אַ קעהר געטהאָן צו איהם, אום צו זעגענען זיך, ערשט ער האָט אויף איהר רחמנות געקראָגען.

— אפשר זי לאָזען נאָך אויף אַ וואָך? — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן — אויף אַן אמת, זאָל זי דאָ נאָך וואוינען, און אין אַ וואָך ארום וועל איך איהר הייסען געהן.

און ווערענדיג בייז אויף זיך אַליין פאַר זיין כאַראַקטערלאָזיגקייט, האָט ער גראָב זיך אַ בייזער געטהאָן אויף איהר:

— נו, וואָס שטעהסטו! געהסט, טאָ געה, אַניט טהו אויס די פוטער און בלייב דאָ! בלייב דאָ!

אַניוטאַ האָט אויסגעטהאָן די פוטער שטיל און פּאַמעליך, דער־נאָך האָט זי זיך אויסגעשנייצט, אויך שטיל, האָט אַ זיפץ געטהאָן און איז אויף די שפּיץ־פינגער אַוועק צו איהר שטענדיגען פּלאַץ, צום טאַבורעט נעבען פענסטער. דער סטודענט האָט אַ כאַפּ געטהאָן דאָס לעהר־בוך און ווידער גענומען ארומלויפען איבער'ן צימער פון איין ווינקעל אין דעם אנדערן.

— דער רעכטער לונגען בעשטעהט פון דריי טהיילען — האָט ער גע׳חזר׳ט — דער אויבערשטער טהייל אויף דער פאָדערשטער ווענטעל פון דער ברוסט עררייכט ביז פיער־פינף ריפּען...

און אינ׳ם קאָרידאָר האָט עמיצער געשריען אויפ׳ן גאַנצען קול:

— גר—ריגאָרי, דעם סאַמאָוואר!



וואָס זי האָט דערצעהלט

מיט א יאָהר ניין צוריק, איינמאָל א פארנאכט, אין דער צייט פון היי־שניידען, בין איך און פיאָטער סערגעיאיטש, וועלכער האָט פערנומען די שטעלע פון א אונטערזוכונגס־ריכטער, אוועקגעפאָהרען רייטענדיג אויפ'ן סטאַנציאָן נאָך בריעף.

דאָס וועטער איז געווען גרויסאַרטיג, נור צוריקוועגס האָט זיך דערהערט דאָס קראַכען פון דונערען, און מיר האָבען דערזעהן א בייזען, שווארצען וואָלקען, וועלכער איז געגאַנגען גלייך אויף אונז. דער וואָלקען איז צוגעקומען אַלץ נעהענטער צו אונז און מיר צו איהם.

פון ווייטען, הינטער'ן וואָלקען, האָט זיך געזעהן אונזער הויז און דער קלויסטער. עס האָבען געבליסטשעט מיט א זילבערנעם גלאַנץ די הויכע טאָפּאָל־בוימער. עס האָט געשמעקט מיט רעגען און מיט פריש־אָבגעשניטענעם היי. מיין בעגלייטער איז געווען זעהר גוט אויפגעלייגט. ער האָט געלאַכט און גערעדט אַלערליי נארישקייטען. ער האָט געזאָגט, אז עס וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען מיר זאָלען אויפ'ן וועג טרעפען א שלאָס פון מיטעלאַלטער מיט הויכע, שפּיציגע טהורעמס, בעוואַקסען מיט מאָך, זיך דאָרט בעהאַלטען פון רעגען און סוף כל סוף זאָל אונז דאָרט טרעפען א דונער און דער'הרג'ענען...

נור אָט איז איבער'ן ווייץ־און קאָרן־פעלד אַריבערגעלאָפען די ערשטע כוואַליע, ס'האָט א ריס געטהאָן דער ווינד און אין לופטען האָט זיך גענומען דרעהען דער שטויב.

פּיאָטער סערגעיאיטש האָט זיך צולאַכט און אָנגעשפּאַרנט דעם פערד.

— אוי גוט! — האָט ער אויסגעשריען — זעהר גוט!

איך בין געוואָרען הינגעריסען פון זיין פרעהליכקייט און פון דעם געדאַנק, אז באַלד וועל איך דורכגענעצט ווערען ביז'ן ביין, און קען

נאָך אמאָל טאַקע דער'הרג'עט ווערען פון א בליץ און האָב אויך גענומען לאַכען.

דיעזער שטורם און דאָס שנעלע פאָהרען, בעת דער ווינד פאַר־שטיקט דיר דעם אָטהעם און דו פיהלסט זיך, ווי א פויגעל אין לופטען, רעגען אויף און קיצלען די ברוסט...

ווען מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין אונזער הויף, איז שוין קיין ווינד ניט געווען, נור די גרויסע טראָפּענס רעגען האָבען געקלאַפּט איבער'ן גראָז און איבער די דעכער. ארום די פערד־שטאַלען איז ניט געווען קיין לעבעדיגער מענש.

פיאָטער סערגעיאיטש האט אליין ארונטערגענומען די זאָטלען פון די פערד און זיי אריינגעפיהרט אין שטאַל. ווארטענדיג, ביז ער וועט פערטיג ווערען, בין איך געשטאַנען ביים שוועל און געקוקט אויף די קרומע, רעגענדיגע פאַסען; דער זיסלאַכער, אויפרעגענדער גערוך פון פרישע היי האָט זיך דאָ געשפּירט שטאַרקער, ווי אין פעלד; פון די וואָלקענס און רעגען איז געווען דונקעל.

— אָט דאָס איז א טראַסק! — האָט געזאָגט פּיאָטער סערגעי־איטש, צוקומענדיג צו מיר נאָך א שטארקען, לאַנג אָבהילכענדען קלאַפּ פון א דונער, נאָך וועלכען עס האָט זיך געדאכט, אז דער הימעל איז צושפּאָלטען געוואָרען אויף דער העלפט. — וואָס זאָגט איהר?

ער איז געשטאַנען נעבען מיר אויפ'ן שוועל, אָטהעמענדיג שווער פון דעם שנעלען רייטען, און געקוקט אויף מיר. איך האָב געפיהלט, אז ער קוועלט אָן פון מיר...

זיינע אויגען האבען געקוקט ענטציקט און מיט געבעט, דאָס פּנים איז געווען בלאַס, אויף דער באָרד און וואָנצעס האָבען געבלישטשעט רעגען־טראָפּען, וועלכע האבען אויך, ווי עס האט זיך געדאכט, גע־קוקט אויף מיר מיט ליעבע.

— איך ליעב אייך — האָט ער געזאָגט — איך ליעב און בין גליקליך, וואָס איך זעה אייך. איך ווייס, איהר קענט ניט זיין מיין פרוי, אָבער איך וויל גאָרנישט, פערלאַנג קיין זאַך נישט, נור איהר זאָלט וויסען, אז איך ליעב אייך. שווייגט, ענטפערט מיר ניט, שענקט עס ניט קיין אויפמערקזאַמקייט, זייט נור וויסען, אז איהר זייט מיר טהייער און ערלויבט מיר צו קוקען אויף אייך.

זיין התפּעלות האט זיך איבערגעגעבען אויך צו מיר. איך האב

נעקוקט אויף זיין בעגייסטערטען פּנים, געהערט זיין קול, וועלכער האט זיך אויסגעמישט מיט'ן גערויש פון'ם רעגען און, עפּעס אזוי ווי א פער'כישוף'טע, האב איך זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט...

מיר האט זיך געוואָלט אזוי שטעהן און אָהן א סוף קוקען אויף זיינע בליסטשענדיגע אויגען און הערען.

— איהר שווייגט... אָט דאס איז אויסגעצייכענט! — האט געזאָגט פּיאָטער סערגעיאיטש — שווייגט זיך ווייטער.

מיר איז געווען אזוי גוט. איך האב זיך צולאַכט פאר פערגע־ניגען און גענומען לויפען אונטער'ן גוסרעגען צום הויז צו; ער האט זיך אויך פונאנדערגעלאַכט, און אונטערשפּרינגענדיג, געלאָפען נאָך מיר.

טומלענדיג, ווי קינדער, נאַסע, פערסאָפּעטע, קלאַפּענדיג אי־בער די טרעפּ, זיינען מיר ביידע אריינגעפלויגען אין די צימערען.

דער פּאָטער און דער ברודער, וועלכע זיינען ניט געוועהנט געווען מיך צו זעהן א לאַכענדיגע, א פרעהליכע, האבען פערוואונדערט מיך אָנגעקוקט און אויך גענומען לאַכען.

די מורא'דיגע וואָלקענס זיינען אוועק, דער דונער איז אנשווי־גען געוואָרען, און אויף פּיאָטער סערגעיאיטש'עס באָרד האבען נאָך אַלץ געבליסטשעט רעגען־טראָפּענס. א גאַנצען אבענד, ביז וועטשערע, האט ער געזונגען, אונטערגעפּייפט, האט טומעלדיג געשפּיעלט מיט'ן הונד, זיך יאָגענדיג נאָך איהם איבער אַלע צימערען, אזוי אז ער האט שיעור ניט אומגעוואָרפען א מענשען מיט א סאַמאָוואר. און ביים אבענד־ברויט האט ער א סך געגעסען, גערעדט נאַרישקייטען און פער־זיכערט, אז ווען דו עסט ווינטערצייט פרישע אוגערקעס, שמעקט ביי דיר פון מויל מיט פריהלינג.

געלעגט זיך שלאָפען, האב איך אָנגעצונדען א ליכטעל, ברייט פונאנדערגעעפענט מיין פענסטער און עפּעס א זאָנדערבאַר געפיהל האט בעהערשט מיין נשמה. איך האב זיך דערמאָנט, אז איך בין פריי, געזונד, בעריהמט, רייך... אז מען ליעבט מיך, און די הויפּט זאַך, אז איך בין בעריהמט און רייך — בעריהמט און רייך — מיין גאָט, ווי גוט עס איז!... דערנאָך, זיך טוליענדיג אין בעט פון קעלט, וואס האט זיך אריינגעטראָגען צו מיר צוזאמען מיט דעם ביינאַכטי־גען טהוי, האב איך זיך געסטאַרעט צו פארשטעהן צו איך ליעב פּיאָ־

טער סערגעיאיטש'ען צו נײַן? ... און איך בין אנשלאָפען געוואָרען גאָרנישט פארשטעהענדיג...

און ווען איך האב אין דער־פריה דערזעהן אויף מיין בעט ציטערענדע זונען־פלעקען און די שאָטענס פון די לינדען־צווייגען, האט אין מיין געדעכעניש גלייך אָבגעלעבט דאס נעכטיגע. און דאס לעבען האט זיך מיר אויסגעוויזען רייך, פיעלזייטיג און פול מיט פרייד. אונטערזינגענדיג, האט איך זיך פלינק אָנגעטהאָן און בין אוועקגעלאָפען אין גאָרטען...

און דערנאָך וואס איז געווען? דערנאָך.... גאָרנישט מיט גאָרנישט...

ווינטער, ווען מיר האבען געוואוינט אין שטאָדט, איז פּיאָטער סערגעיאיטש צייטענווייז געקומען צו אונז. די דאָרפישע בעקאַנטע זיינען רייצענד נור אין דאָרף, און דאס נור זומער, אין שטאָדט און ווינטערצייט פערליערען זיי א העלפט פון זייער רייץ. ווען דו טראַקטירסט זיי אין שטאָדט מיט טהעע, דאַן דאכט זיך, אז זיי טראָגען אויף זיך פרעמדע רעקלאַך און אז צו לאַנג מישען זיי מיט'ן לעפעלע דעם טהעע. אין שטאָדט האט פּיאָטער סערגעיאיטש אויך אמאָל גערעדט פון ליעבע, עס איז אבער ארויסגעקומען גאַנץ אַנדערש, ווי אין דאָרף...

אין שטאָדט האבען מיר שטארקער געפיהלט די וואנד, וועלכע איז געשטאַנען צווישען אונז: איך בין בעריהמט און רייך, און ער איז אָרעם, איז ניט קיין אדעליגער אפילו, דער זוהן פון א דיאַקאָן, וואס פאַרנעהמט נור די שטעלע פון א אונטערזוכונגס־ריכטער און מעהר גאָרנישט. מירביידע — איך, ווייל איך בין געווען זעהר יונג, און ער, גאָט ווייס וואָרום — האבען געהאַלטען די וואנד פאר זעהר א הויכע און א דיקע. און ער, זייענדיג ביי אונז אין שטאָדט, האט געצוואונגען געשמייכעלט, קריטיקירט די העכערע געזעלשאַפט, אדער גאָר פאַרדריסיג געשוויעגען, ווען אין זיין געגענוואַרט איז נאָך איזעמיצער געווען אין גאַסט־צימער.

עס איז ניטאָ אזא וואנט, וועלכע מען זאָל ניט קענען דורכברעכען, אבער די העלדען פון היינטיגע ראָמאַנען, אויף וויפיעל איך קען זיי, זיינען צו שוואַך, פאַרשלאָפען, פויל און ניט דרייסט, און צו שנעל ווערען זיי געוועהנט מיט דעם געדאַנק און עס ווערט ביי זיי

רעכט, אז זיי זיינען שלים מזל'ניקעס, אז דאס אייגענע לעבען האט זיי אבגענארט. אנשטאט צו קעמפפען, קריטיקירען זיי נור, זידלען די וועלט און רופען זי אן קליינליך, פערגעסענדיג, אז זייער קריטיק אליין פערוואנדעלט זיך ביסלאכווייז אין א מיאוס'ער קליינליכקייט.

מיך האט מען געליעבט; דאס גליק איז געווען נאהענט און עס האט זיך געדאכט, אז עס לעבט מיט מיר זייט ביי זייט; איך האב געלעבט גליקלאך, ניט זוכענדיג צו פארשטעהן זיך אליין, ניט וויסענדיג אויף וואס איך ווארט און וואס איך פערלאנג פון לעבען, און די צייט איז געגאנגען און געגאנגען...

פארביי מיר זיינען פארבייגעגאנגען מענשען מיט זייער ליעבע, ליכטיגע טעג און ווארימע נעכט האבען פערבייגעשוועבט, נאכטיגאלען האבען געזונגען, מיט פרישען היי האט געשמעקט... און דאס אלעס, וואס איז אזוי וואונדערבאר און ליעב אין דער עראינערונג, איז ביי מיר, ווי ביי אלעמען, אוועק שנעל, ניט איבערלאזענדיג קיין שפור, איז ניט אבגעשעצט געווארען און פארשוואונדען ווי אין א נעבעל... וואו איז דאס אלעס?

דער פאטער איז געשטארבען, איך בין עלטער געווארען, אלעס, וואס איז פריהער געפעלען געווען, וואס האט געלאסטשעט, געגעבען האפנונג — דער גערויש פון רעגען, דאס קראכען פון דונער, די געדאנקען וועגען גליק, די געשפרעכען פון ליעבע — דאס אלעס איז געווארען נישט מעהר, ווי אן עראינערונג, און אצינד זעה איך פאר זיך א גלייכע, וויסטע ווייטקייט אהן איין לעבעדיגע באשעפעניש, און דארט, אויף דעם האריזאנט, איז פינסטער און מורא'דיג...

אט האט מען אנגעקלונגען... דאס איז געקומען פיאטער סערגעיאיטש. ווען איך זעה ווינטערצייט די ביימער און דערמאן זיך, ווי זיי האבען געבליהט פאר מיר אין זומער, דאן שעפצע איך:

— אך, מיינע ליעבע!..

און, ווען איך זעה מענשען, מיט וועלכע איך האב פערבראכט מיין פריהלינג, ווערט מיר אומעדיג, ווארים אויף דער נשמה און איך מורמעל דאסזעלבע...

א דאנק מיין פאטער'ס פראטעקציאן האט מען פיאטער סערגעיאיטש'ען שוין לאנג איבערגעפיהרט פון דארף אין שטאדט אריין. ער איז אביסעלע עלטער געווארען, אביסעלע אבגעבליאקירט. אין

ליעבע האט ער זיך שוין לאַנג אויפגעהערט צו ערקלערען, רעדט שוין ניט מעהר קיין נאַרישקייטען, ליעבט נישט זיין שטעלע, איז אויף עפּעס קראַנק, אין עפּעס ענטוישט, האט אַ מאָך געטהאָן אויפ'ן לעבען מיט דער האַנד און לעבט, ווי עס לאָזט זיך.

אָט האט ער זיך געזעצט ביים קאַמין, קוקט שווייגענדיג אויף דעם פייער...

ניט ווּיסענדיג וואס צו זאָגען, האב איך געפרעגט:

— נו, וואס?

— גאָרנישט... — האט ער געענטפערט.

און ווידער אַ שווייגען. דער רויטער שיין פון'ם פייער האט גע־נומען שפּרינגען איבער זיין אומעדיגען פּנים.

איך האב זיך דערמאָנט אָן מיין פערגאַנגענהייט און פּלוצים האבען מיינע אַקסלען גענומען ציטערען, דער קאָפּ האט זיך אראָב־געבויגען און איך האב זיך ביטער צואווייגט. מיר האט מורא'דיג וועה געטהאָן פאר זיך אליין און פאר דעם דאָזיגען מענשען און עס האט זיך מיר אזוי פארבענקט נאָך דאָס, וואס איז שוין אוועק און וואס דאס לעבען קען אונז שוין מעהר נישט געבען. איצט האב איך שוין מעהר נישט געטראַכט וועגען דעם, ווי רייך און בעריהמט איך בין.

איך האב געכליפּעט אויפ'ן קול, געדריקט די שלייפען און גע־מורמעלט:

— מיין גאָט, מיין גאָט! דאס לעבען איז פארלאָרען...

און ער איז געזעסען און האט געשוויגען און ניט געזאָגט מיר: „וויינט נישט." ער האט גוט פערשטאַנען, אז מען דאַרף וויינען, אז איצט איז די ריכטיגע צייט פאר דעם. איך האב געלעזען אין זיינע אויגען, אז איהם טהוט וועה פאר מיר און מיר האט אויך לייד גע־טהאָן פאר איהם און עס האט מיר פארדראָסען אויף דעם אונענט־שלאָסענעם שלים מזל'ניק, פארוואס ער האט ניט געקענט איינאָרד־נען ניט מיין לעבען און ניט זיין אייגענעם.

ווען איך האב איהם בעגלייט אין פאָרצימער, האט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז ער האט אומיסטענע לאַנג אָנגעטהאָן דעם פוטער. אמאָל צוויי האט ער שווייגענדיג אַ קוש געטהאָן מיין האַנד און לאַנג מיר געקוקט אין פארוויינטען פּנים. איך דענק, אז אין דיעזער צייט

האט ער זיך דערמאָנט אָן דעם שטורם, די רעגען־שטראָמען, אונזער געלעכטער, אָן מיין דאַמאָלסדיגען פּנים... איהם האט זיך פאר־וואָלט מיר עפּעס זאָגען, און ער וואָלט עס גערן געטהאָן, האט אבער גאָרנישט געזאָגט און נור אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און שטאַרק אַ דריק געטהאָן מיין האַנד. זאָל איהם גאָט העלפען!

נאָכדעם ווי איך האב איהם בעגלייט, האב איך זיך אומגעקעהרט אין קאַבינעט און זיך ווידער געזעצט אויפ'ן קאַוויאָר נעבען קאַמין. די רויטע קוילען האבען זיך פארצויגען מיט אַש און אָנגעהויבען אויס־געהן... דער פראָסט האָט נאָך בייזער גענומען קלאַפּען אין פענסטער און דער ווינד האט זיך ווענען עפּעס צוזונגען אין קוימען פון'ם קאַמין.

עס איז אריין די דיענסט און געמיינט, אז איך בין איינגעשלאָ־פען, האט זי מיך גענומען וועקען...

דער געבורטס־טאָג

נאָך דעם געבורטס־טאָג מיט זיינע אכט געריכטען און די אונענדליכע געשפּרעכען, איז דעם בעל שמחה'ס ווייב אָלגא מיכאילאָוונא אוועק אין גאָרטען. די פּפליכט אָהן אויפהער צו שמייכלען און ריידען, דער קלאנג פון די געשיר, די אומגעלומפּערטקייט פון דער דינערשאפט, דאס לאנג ווארטען פון איין געריכט ביז'ן צווייטען און דער קאָרסעט, וועלכען זי האט אָנגעטהאָן, אום צו בעהאלטען פון די געסט איהר שוואנגערשאפט, האבען זי אויסגעמאטערט און צוגענומען ביי איהר די לעצטע קרעפטען.

איהר האט זיך געוואָלט אוועקגעהן וואס ווייטער פון הויז, זיצען א ווילע אין שאָטען און אָברוהען, טראכטענדיג וועגען קינד, וואס האט געזאָלט ביי איהר געבאָרען ווערען אין א חדשים צוויי ארום. זי איז געוועהנט געוועזן, אז די דאָזיגע געדאנקען זאָלען איהר קומען אויפ'ן זינען, ווען זי האט פון דער גרויסער אלעע זיך פערקירעוועט לינקס אויף דעם שמאָלען שטעגעל; אָט דאָ, אין דעם דאָזיגען געדיכטען שאָטען פון פלוימען און קארשען־בוימער האבען די טרוקענע צווייגען איהר געדראפּעט די אקסלען און דעם האלז, שפּינוועבס איז איהר אויפ'ן פּנים געפאלען און אין די געדאנקען איז אויסגעוואקסען די געשטאלט פון א קליינינקען מענשעלע פון אונבעשטימטען געשלעכט, מיט די קלאָרע שטריכען און עס האט זיך אָנגעהויבען צו דאכטען, אז ניט דאס שפּינוועבס קיצעלט אזוי ליעבליך דעם פּנים און האלז, נור יענער קליין מענשעלע.... און, ווען צום סוף פון שטעגעל האט זיך בעוויזען דער נידעריגער פארקאן און הינטער איהם די פולע ביהנשטאָקען מיט שערבעלאך צוגעדעקט, ווען אין דער שטעהענדיגער, אונבעוועגליכער לופט האט גענומען שמעקען מיט פרישען היי און האָניג און עס האט זיך געהערט דאס הוזשען פון ביהנען —

דאַן האָט דאָס קליין מענשעלע אין גאַנצען בעהערשט אַלגאַ איוואַ־נאָוונאַ'ן. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ קליין בענקעלע נעבען דעם שטרייענעםביידעל, וואָס איז אויסגעפלאָכטען געוועזען פון צווייגען, און גענומען טראַכטען.

און היינטיגעס מאָל איז זי אויך צוגעקומען צום בענקעלע, האָט זיך געזעצט און גענומען טראַכטען; נור אַנשטאָט דאָס קליין מענשע־לע זיינען אין איהר פאַנטאַזיע ערשיענען גרויסע מענשען, פון וועלכע זי איז נור וואָס אוועק. איהר האָט שטאַרק בעאונרוהיגט, וואָס זי, די בעל הבית'טע, האָט איבערגעלאָזט די געסט; זי האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי צום מיטאָג האָבען איהר מאַן פיאָטער דמיטריטש און איהר אָנקעל ניקאָלאַי ניקאָלאַאיטש אַ ויכוח געהאַט וועגען געריכט פון די געשוואָרענע, וועגען דער פרעסע און פרויען־בילדונג. איהר מאַן האָט, ווי געוועהנליך, דיספּוטירט נור אום צו בעריהמען זיך פאַר די געסט מיט זיין קאָנסערוואַטיזמוס, און די הויפּט זאַך — ניט צו זיין איינפערשטאַנדען מיט דעם אָנקעל, וועמען ער האָט ניט ליעב געהאַט. דער אָנקעל, ווידער, האָט איהם אין אַלעם ווידערשפּראָ־כען, האָט זיך צוגעטשעפּעט צו יעדען וואָרט זיינעם, אום צו ווייזען דעם עולם ביים טיש, אַז ער, דער אָנקעל, ניט קוקענדיג אויף זיינע 59 יאָהר, האָט נאָך פון דעסטוועגען געהאַלטען אין זיך די יוגענדליכע פרישקייט פון גייסט און דעם פרייען גערדאַנק.

אַלגאַ מיכאַילאָוונאַ אַליין האָט צום סוף נישט אויסגעהאַלטען און זיך גענומען צו פערטהיידיגען די פרויען־קורסען — ניט אַזוי פיעל צוליעב דעם, וואָס די קורסען האָבען זיך גענויטיגט אין איהר פערטהיידיגונג, נור ווייל איהר האָט זיך איינפאַך געוואָלט טהאָן צו להכעיס דעם מאַן, וועלכער איז נאָך איהר מיינונג נאָך, געוועזען אונגערעכט.

די דאָזיגע דעבאַטע האָט די געסט מיעד געמאַכט, זיי אַלע האָבען אָבער געהאַלטען פאַר נויטיג זיך אריינצומישען, האָבען אַ סך גערעדט, כאָטש זיי אַלעמען האָט נישט אָנגעהויבען צו האַרען נישט דאָס גע־ריכט פון געשוואָרענע, נישט די פרויען בילדונג...

אַלגאַ מיכאַילאָוונאַ איז געזעסען פון יענער זייט פּאַרקאַן נעבען ביידעל. די זונן האָט זיך בעהאַלטען הינטער די וואָלקענס, די בוימער

און די לופט האבען זיך געכמורעט און דאָך איז געווען היים און שטיקענד.

דאס ניט לאַנג אָבגעשניטענע היי איז געלעגען אונטער די בוי־מער נאָך נישט צוזאַמענגענומען, אומעטיג, בעצירט מיט פערוועלקטע פעלד בליהמעלאָך און האט פון זיך געלאָזען א שווערען, זיסלאַכען גערוך.

עס איז געווען שטיל. הינטער'ן פארקאן האבען איינטאָניג גע־זזשעט די ביהנען...

גאַנץ אונערוואַרטעט האבען זיך דערהערט טריט און שטימען. עמעצער איז געגאַנגען איבער'ן שטעגעל צום פערזייהטען פעלד.

— עס שטיקט! — האט געזאָגט א פרויען־קול — ווי דענקסט איהר, וועט זיין א רעגען, צו נישט?

— עס וועט זיין, מיין רייצענדע, נור נישט פריהער, ווי ביי נאכט — האט געענטפערט א גוט בעקאַנטע מענער שטימע — עס וועט זיין א גוטער רעגען.

אָלגא מיכאילאָוונא האט אויסגערעכענט, אז אויב זי וועט אויף גיך בעהאַלטען זיך אין'ם ביידעל, וועט מען זי נישט בעמערקען און פערבייגעהן, און זי וועט דאן נישט מוזען ריידען און שמייכלען. זי האט אויפגעהויבען דאס קלייד, איינגעבייגט זיך און איז אריין אין ביידעל. גלייך האט איהר אין פנים, אין האלז און אין די הענד א זעץ געטהאָן הייסע, שטיקענדע לופט, ווי פארע. ווען נישט דאס דאַ־זיגע שטיקעניש, דער דריקענדער גערוך פון קאָרן־ברויט און צווייגען, פון וועלכע עס האט פארכאַפּט דעם אָטהעם, וואָלט מען דאַ, אונטער דעם שטרויענעם דאָך, אין דער דונקעלהייט זיך זעהר גוט געקענט בעהאַלטען פון די געסט און טראַכטען וועגען דאס קליין מענשעלע. דא איז אנגענעהם און שטיל.

— וואס פאר א גוטינקער פלאַץ דאָ איז! — האט געזאָגט א פרויען שטימע — לאָמיר דאָ זיצען א ווײַלע, פיאָטער דימיטריטש!

אָלגא מיכאילאָוונא האט גענומען קוקען צווישען די צווייגען. זי האט דערזעהן איהר מאן און זייער גאַסט ליובאָטשקא שעללער, א זיעבצעהן־יאָהריגע מיידעל, וועלכע האט נישט לאַנג געענדיגט דעם אינסטיטוט.

פיאָטער דמיטריטש מיט דער הוט אויף דער פאָטיליניצע, א

אָבגעשוואכטער, א פוילער פון צו פיעל טרינקען צום מיטאָג, איז, שאָקלענדיג זיך, געגאַנגען ארום פּארקאן און האט מיט דער פוס פערשאַרט די היי אין איין קופּע; ליובאָטשקא, א ראָזאָווע פון היץ און א שעהנינקע, ווי אימער, איז געשטאַנען פערלייגט די הענד אויף הינטען און האט נאָכגעקוקט די פוילע בעוועגונגען פון זיין גרויסען, שעהנעם קערפּער.

אָלגא מיכאַילאָוונא האט געוואוסט, אז איהר מאַן געפעלט די פרויען, און זי האט ניט ליעב געהאט איהם צו זעהן מיט זיי. עס איז נישט געלעגען קיין שום בעזונדערער מיין אין דעם, וואס פּיאָטער דימיטריטש האט פויל צוזאַמענגעשאַרט די היי, אום צו זיצען א ווייל׳ע מיט ליובאָטשקאַ׳ן און פּלוידערען וועגען נאַרישקייטען; עס איז אויך גאָרנישט געווען אין דעם, וואס די שעהנינקע ליובאָטשקא האט זאַנפט געקוקט אויף איהם, דאָך האט אָלגא מיכאַילאָוונאַ׳ן פערדראָסען אויף איהר מאַן און זי האט דערפיהלט אי שרעק, אי פערגעניגען דערפון, וואס זי וועט באַלד קענען אונטערהערען זייער געשפּרעך.

— נו, זעצט זיך, צויבערין — האט געזאָגט פּיאָטער דימיטריטש, האט זיך אראָבגעלאָזען אויף די היי און זיך גענומען ציהען — אָט אזוי. נו, דערצעהלט מיר עפּעס.

— אָט איז דיר! איך וועל נעהמען דערצעהלען און איהר וועט אנשלאָפען ווערען.

— איך וועל איינשלאָפען? אַללאַך! קען איך דען אנשלאָפען ווערען, ווען אויף מיר קוקען אזעלכע אויגעלאַך?

און אין דעם מאַן'ס ווערטער, אין דעם, וואס ער איז אין דער מיידעל'ס אנוועזענהייט געזעסען צולעגט מיט דער הוט אויף דער פּאַטילניצע, איז אויך נישט געווען עטוואס בעזונדערעס. ער איז געווען פערצערטעלט פון די פרויען, האט געוואוסט, אז ער געפעלט זיי און זיך איינגעוועהנט צו ריידען מיט זיי אין א גאָר בעזונדערען טאָן, וועלכער, ווי לייט האבען געזאָגט, האט איהם זעהר גוט געקליידעט. מיט ליובאָטשקאַ'ן האט ער זיך געהאַלטען און גערעדט פונקט אזוי, ווי מיט די איבעריגע פרויען. דאָך איז אָלגא מיכאַילאָוונא געווען אייפערזיכטיג.

— זאָגט, איך בעט אייך — האט אָנגעהויבען ליובאָטשקא נאָך

א קורצען שווייגען — איז עס אמת, וואס מען זאָגט, אז איהר שטעהט אונטער א קלאגע, און דארפט זיך שטעלען צום געריכט?

—איך? יאָ... אויף איין וואג־שאַל מיט גנבים שטעה איך אצינד, מיין רייצענדע.

— אבער פארוואס?

— פאר גאָרנישט, אזוי... אַלץ צוליעב פּאָליטיק — האט א גענעץ געטהאָן פּיאָטער דמיטריטש — דער קאַמפּף פון די לינקע מיט די רעכטע. איך האָב זיך ערלויבט צו געברויכען אין אַ אָפיציעלען פּאַפּיער אויסדריקע, וועלכע בעליידיגען אַזעלכע גרויסע גלאַדסטאָנס, ווי אונזער פריעדענס ריכטער קוזימא גריגאָריעוויטש וואָסטריאַקאָוו און וולאַדימיר פּאַוולאָוויטש וולאַדימיראָוו.

פּיאָטער דמיטריטש האָט נאָך אמאָל א גענעץ געטהאָן און ווייטער גערעדט:

— און ביי אונז איז אזא מין אָרדנונג; איהר קענט זיך האָבען א שלעכטע מיינונג וועגען דער זונן, דער לבנה, וועגען וואָס איהר ווילט אליין, אָבער גאָט דער בארימדיגער זאָל אייך אויסהיטען אָנצו־ריהרען די ליבעראַלען! היטען זאָל ער אייך! א ליבעראַל איז דער־זעלביגער אונריינער טרוקענער שוועמעל, וועלכער, ווען איהר ריהרט זיך צו איהם צופעליג צו מיט א פינגער, וועט ער אייך פערשיטען מיט א גאַנצען וואָלקען פון שטויב.

— וואָס איז צווישען אייך פאָרגעקומען?

— גאָרנישט בעזונדערעס. די גאַנצע קאַשע האָט זיך פערקאָכט איבער א פּוסטע נאַרישקייט. א געוויסער לעהרער, א אונבעדייטענדע פּערזענליכקייט, דערלאַנגט וואָסטריאַקאָוו'ן א קלאַגע אויף אַן איי־גענטהימער פון א טראַקטיר, אז יענער זאָל איהם האָבען בעליידיגט מיט וואָרט און טהאָט אין א עפענטליכען פּלאַץ. פון אַלעם איז קענטיג אז אי דער לעהרער, אי דער בעל הבית פון טראַקטיר זיינען געוועזען שכור, ווי לוט, און האבען זיך ביידע גלייך אויפגעפיהרט שלעכט. אויב עס איז געוועזען א בעליידיגונג, איז עס יעדענפאַלס געוועזען פון ביידע זייטען. וואָסטריאַקאָוו האָט געדאַרפט זיי ביידען בעשטראָפען פאַר שטערען די רוהע, ארויסיאָגען זיי — און געענדיגט דעם עסק.

— ווי אָבער פיהרט זיך ביי אונז? ביי אונז שטעהט תמיד אויף דעם ערשטען פּלאַן ניט דער מענש, ניט דער פאַקט, נור די פירמע, דער

שטעמפּעל. דער לעהרער, ער קען זיך זיין דער גרעסטער לומפּ, איז שטענדיג גערעכט, ווייל ער איז א לעהרער; דער בעל הבית פון טראַקטיר אָבער איז שטענדיג אומגערעכט, ווייל ער האלט א טראַקטיר און איז פאררעכענט פאר א קולאַק, א גראָבען יונג. וואָסטריאַקאָוו האָט פער'משפט דעם איינגענטהימער פון טראַקטיר צו זיצען, יענער האָט אַפּעלירט צו א העכערען געריכט. דאָרט האָט מען פּייערליך גוט געהייסען וואָסטריאַקאָוו'ס אורטהייל. נו, האָב איך געוואגט צו האָבען א בעזונדערע מיינונג דעריבער... האָב זיך אַביסעל צוהיצט... דאָס אַלעס...

פּיאָטער דמיטריטש האָט גערעדט רוהיג מיט א פּערעכטליכער איראָניא. אין אמת'ן האָט איהם אָבער דער בעפאָרשטעהענדע קלאַגע זעהר שטאַרק בעאונרוהיגט.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ געדענקט, ווי ער, בעת ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון'ם געריכטס-הויז, האט מיט אַלע קרעפטען געסטאַרעט זיך צו בעהאַלטען פון די שטוב מענשען, אז איהם איז שווער און אז ער איז אונצופריעדען מיט זיך אַליין. זייענדיג א קלוגער מענש, האָט ער געמוזט פיהלען, אז מיט זיין זאַגענאַנטער, בעזונדערער מיינונג איז ער אוועק צו ווייט, און א סך, זעהר א סך ליעגען זיינען נויטיג געווען, אום צו בעהאַלטען פון זיך אַליין און פון לייטען דעם דאָזיגען געפיהל! וויפיעל אוננויטיגע געשפּרעכען, וויפיעל קרימעניש און געמאכטע געלעכטערס איבער זאכען, וועלכע זיינען גאָרנישט קאָמיש געווען!

און דערוואוסט זיך, אז מען האָט איהם פערקלאָגט פאר א געריכט, איז ער פּלוצים מיעד געוואָרען, האָט פערלאָרען דעם מוטה, דעם שלאָף, איז עפּטער, ווי געוועהנליך, געשטאַנען ביים פענסטער און געקלאָפּט מיט די פינגער איבער די שויבען. זיך מודה זיין פאר דער ווייב, אז איהם איז שווער, האָט ער זיך געשעהמט, און איהר האָט עס שטאַרק פערדראָסען...

— מען זאָגט, איהר זייט געווען אין פּאָלטאַוועער גובערניע?

— האָט געפרעגט ליובאָטשקאַ.

— יאָ, איך בין געווען — האָט געענטפערט פּיאָטער דמיטריטש

— אייערנעכטען האָב איך זיך פון דאָרט צוריקגעקעהרט.

— דאָרט מוז זיין גוט?

— יאָ, גוט. זאָגאר זעהר גוט. איך, דאַרפט איהר וויסען, בין אַהין אריינגעפאַלען פונקט אין דער צייט פון הייה שניידען, און אין דער אוקראינע איז דאָס די כאַמע שעהנסטע, פּאָעטישע צייט. אָט דאָ, ביי אונז איז אַ גרויס הויז, אַ גרויסער גאָרטען, אַ סך מענשען און טומעל אַזוי, אַז איהר זעהט גאָר נישט, ווען מען שניידט; דאָ געהט אַלעס אַוועק אונבעמערקט. דאָרט אָבער, אין דאָרף, האָב איך פּופּצעהן אַקער לאַנקע, וועלכע מען קען זעהן, ווי אויפ'ן לאַדאָן. ביי וועלכען פענסטער איהר זאָלט זיך נישט שטעלען, וועט איהר פון אומעדום זעהן די הייה שניטער. אויפ'ן לאַנקע שניידט מען, אינ'ם גאָרטען שניידט מען, קיין געסט זיינען נישטאָ, קיין טומעל אויך נישט און ווילענדיג נישט ווילענדיג הערט איהר און זעהט און פיהלט נור די שניט־צייט.

אויפ'ן הויף און אין די צימערן שמעקט מיט הייה, פון זונען אויפגאַנג ביז זונען אונטערגאַנג קלינגען די שנייד־מעסערס, די קאָסעס. כאָכלאַנדיע איז בכלל אַ ליעבע לאַנד. וועט איהר גלויבען, ווען איך האָב דאָרט ביי די ברונימער צוזאַמען מיט די שטאַרכען געטרונקען וואַסער און אין די אידישע שענקען שלעכטען שנאַפּס, ווען אין די שטילע אָבענדען האָבען זיך צו מיר קלאַנגען פון אַ כאָכלישער פידעל אָדער טאַמבורין דערטראָגען, דאַן האָט אַ פערצויבערטער געדאַנק מיין מוח געררייצט — אַוועקזעצען זיך דאָ ביי זיך אין דאָרף און לעבען זאָלאַנג עס לאָזט זיך, וואָס ווייטער פון די געריכטען, פון די קלוגע געשפּרעכען, פילאָזאָפירענדע פרויען, און לאַנגע מיטאָגען . . .

פּיאָטער דמיטריטש האָט נישט געליינט. איהם איז געווען שווער אויפ'ן הארצען און איהם האָט זיך ווירקליך געוואָלט אָברוהען. און אין פּאָלטאַוואַער גובערניע איז ער אויך געפאָהרען נור אום נישט אָנצוקוקען זיין קאַבינעט, די דינערשאַפט, די בעקאַנטע און אַלעס אַנדערע, וואָס וואָלט איהם געקענט דערמאָנען אָן זיין פערוואונדעטער איינגעבליעבע און זיינע טעות'ן.

ליובאָטשקאַ איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען און גענומען מיט שרעק מאַכען מיט די הענד.

— אַך, אַ ביהן, אַ ביהן! — האָט זי געקוויטשעט — ער וועט אַ בים טהאָן!

— הערט אויף, ער וועט אייך נישט בייסען! — האָט געזאָגט פּיאָטער דמיטריטש — ס'אַראַ שרעקענדיגע איהר זייט!

— ניין, ניין! — האָט אַ געשריי געטהאָן ליובאָטשקאַ, האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם ביהן און איז שנעל אַוועק צוריק.

פּיאָטער דמיטריטש איז אַוועק נאָך איהר און האָט איהר נאָכגעקוקט מיט ליעבע און אומעט. עס קען זיין, אַז קוקענדיג אויף איהר, האָט ער געטראַכט וועגען זיין דאָרף, וועגען איינזאַמקייט און — ווער ווייס? — אפשר האָט ער גאָר געטראַכט וועגען דעם, ווי הארציג און אנגענעהם איהם וואָלט זיך געלעבט אויפ'ן דאָרף, ווען זיין ווייב וואָלט געווען דאָס דאָזיגע מיידעל — אַ ריינע, אַ יונגע, אַ פרישע, נישט קיין איבערגעפיהרטע פון די קורסען, און נישט קיין שוואַנגערע...

ווען די שטימען און טריט זיינען שטיל געוואָרען, איז אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ ארויס פונ'ם ביידעל און איז אַוועק צום הויז. איהר האָט זיך געוואָלט וויינען. אצינד איז זי שוין שטאַרק אייפערזיכטיג געווען אויף איהר מאַן. זי האָט גוט פערשטאַנען, אַז פּיאָטער דמיטריטש איז פארמאַטערט, איז געווען אונצופריעדען מיט זיך און האָט זיך געשעהמט און ווען מען שעהמט זיך, דאַן בעהאַלט מען זיך פריהער פאר אַלץ פון די אייגענע און נאָהענטע און מען רעדט אָפען מיט ווילד פרעמדע. זי האָט אויך געוואוסט, אַז ליובאָטשקאַ איז פאר איהר נישט געפעהרליך, פּונקט אַזוי, ווי אַלע איבעריגע פרויען, וועלכע האָבען איצט געטרונקען קאַפע ביי איהר אין הויז. אין אַלגעמיין אָבער איז אַלעס געווען אונפערשטענדליך, שרעקליך, און אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ'ן האָט זיך געדאַכט, אַז פּיאָטער דמיטריטש געהערט שוין נישט איהר אין גאַנצען, אַז אַ העלפט איז ער שוין פאר איהר פערלאָרען....

— ער האָט נישט קיין רעכט!—האָט זי געבורטשעט און זיך געסטאַרעט צו רעכטפערטיגען איהר אייפערזוכט און כעס אויפ'ן מאַן — ער האָט נישט קיין שום רעכט. איך וועל איהם גלייך אַלעס ארויסזאָגען!

— זי האָט זיך בעשלאָסען אויפצוזוכען דעם מאַן און איהם ארויסזאָגען אַלעס: מיאוס, זעהר מיאוס, וואָס ער געפעלט פרעמדע פרויען און יאָגט זיך נאָך דעם, ווי נאָך מן פונ'ם הימעל; ניט רעכט

און ניט עהרליך, וואס ער גיט אוועק צו פרעמדע, אויף וואס זי, אלס זיין פרוי, האָט א רעכט. פון זיין אייגענער ווייב פערשליסט ער זיין נשמה, זיין געוויסען און עפענט עס אויף פאר דעם ערשטען בעסטען שעהן פנים׳על. וואָס פאר א שלעכטס האָט איהם געטהאָן דאָס ווייב? מיט וואָס האָט זי זיך פערשולדיגט? צום סוף האָט איהר שוין דערע־סען זיינע בעטריעגעריש קאָמעדיעס: שטענדיג מאַכט ער עפּעס אָן אָנשטעל, קאָקעטירט, רעדט נישט דאָס, וואָס ער מיינט, און סטאַרעט זיך צו־ווייזען ניט אזוי ווי ער איז אויף אָן אמת׳ן און ווי ער האָט אייגענטליך געדאַרפט זיין. צו־וואָס טויג איהם די דאָזיגע פאַלשקייט? צו פּאַסט זיך עס פאר אָן אָנשטענדיגען מענשען? ווען ער ליינט, דאָן בעליידיגט ער אי זיך, אי די מענשען, פאר וועמען ער לייגט, און האָט נישט קיין אַכטונג פאר די פראַגען, וועגען וועלכע ער לייגט.

שוין־זשע פערשטעהט ער ניט, אז ווען ער קאָקעטירט און ברעכט זיך פאר׳ן געריכטס־טיש, אָדער ביים מיטאָג, ווען ער רעדט וועגען די בעזונדערע רעכטע פון געזעץ און רעדט אזוי בלויז אויס צולהכעיס דעם אָנקעל, פערשטעהט ער דען ניט, אז דערמיט מאכט ער צו גאָר־נישט אי דאס געריכט, אי זיך אליין, אי די, וואס הערען און זעהען איהם?

ארויסגעקומען אויף דער גרויסער אַלעע, האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ געמאַכט א מינע, אזוי ווי זי וואָלט נאָר וואָס געהאַט ארויסגעגאַנגען וועגען ווירטהשאַפטליכע אנגעלעגענהייטען.

אויף דער טעראַסע האָבען די מענער געטרונקען ליקער און פער־ביסען מיט יאַגאָדעס; איינער פון זיי, אָן אונטערזוכונגס־ ריכטער, א דיקער, עלטערער מענש, א וויצלינג, א פרעהליכער יונג, האָט הפנים, דערצעהלט עפּעס א טריפה׳נע מעשה׳לע, וויל דערזעהענדיג די בעלי הבית׳טע, האָט ער זיך פּלוצים א כאַפּ געטהאָן פאר זיינע פעטע ליפּען, אויסגעפּוטשעט די אויגען און זיך געזעצט.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט ניט געליעבט די דיסטריקט בעאַמטע. איהר זיינען ניט געפעלען געוועזען זייערע אומגעלומפּערטע, צערעמאָ־ניעלע פרויען, די רכילות, דאָס אָפטע פאָהרען צוגאַסט און דאָס חנפה׳נען זיך צו איהר מאַן, וועמען זיי אַלע האָבען געהאַסט. איצט, ווען זיי האָבען געטרונקען, זיינען זאַט געוועזען און האָבען זיך נישט געקליעבען אוועקצו־פאָהרען, איז זייער אָנוועזענהייט פאר איהר גע־

ווען אַ שווערע לאַסט, האָט זי אויסגעמאָרעט און זי אומעטיג געמאַכט, נור, אום נישט צו ערשיינען אונפריינדליך, האָט זי כלומרשט אַ שמייכעל געטהאָן צום אונטערזוכונגס־ריכטער און איהם אַ סטראַשע געטהאָן מיט'ן פינגער.

דורך דעם זאַאל און גאַסט־צימער איז זי דורכגעגאַנגען שמייכלענדיג און מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט געגאַנגען עפּעס בעפעהלען און בעזאָרגען געוויסע זאַכען.

„גאָט זאָל אויסהיטען, עמעצער זאָל מיך אָבשטעלען!" — האָט זי געטראַכט, נור אליין האָט זי זיך געצוואונגען אָבשטעלען אין גאַסט־צימער, אום פון אַנשטאַנד וועגען אויסצוהערען אַ יונגען מאַן, וועלכער איז געזעסען ביי דער פּיאַנאָ און געשפּיעלט; געשטאַנען אַ ווײַלע, האָט זי אויסגעשריען: „בראַוואָ, בראַוואָ, הערר זשאָרזש!" און, צוויי מאָל אַ פּאַטש געטהאָן אין די הענד, איז זי אַוועק ווייטער.

איהר מאַן האָט זי געפונען אינ'ם קאַבינעט. ער איז געזעסען ביים טיש און וועגען עפּעס געטראַכט. זיין פּנים איז געווען שטרענג, פערטראַכט און מיט אַ שולדיגער מינע. דאָס איז שוין געווען ניט דער פּיאָטער דמיטריטש, וועלכער האָט געדעבאַטירט און מיט אַ שולדיגער מינע. דאָס איז שוין געווען ניט דער פּיאָטער דמיטריטש, וועלכער האָט געדעבאַטירט ביים מיטאָג און וועלכען עס האָבען געקענט די געסט, נור גאָר אַן אַנדערער... אַ פערמאַטערטער, אַ שולדיגער און אַ אונצופריעדענער מיט זיך, וועלכען עס קען נור זיין ווייב אַליין. אין קאַבינעט איז ער מסתמא געקומען נאָך פּאַפּיראָסען. פאַר איהם איז געלעגען אַן אָפענער פּאַרטסיגאַר, אָנגעפּילט מיט פּאַפּיראָסען, און איין האַנד האָט ער געהאַלטען אין דעם שופלאַד פונ'ם טיש. בעת ער האָט הפנים די פּאַפּיראָסען געוואָלט נעהמען, האָט ער זיך פערטראַכט און און איז אַזוי פערגליווערט געוואָרען.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ'ן האָט גענומען ווענה טהאָן פאַר איהם. עס איז געווען קלאָהר, ווי טאָג, אַז דיזער מענש האָט זיך געמוטשעט, האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, און קען זיין, געקעמפּפט מיט זיך אַליין.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ איז שווייגענדיג צוגעגאַנגען צום טיש; וועלענדיג ווייזען, אַז זי געדענקט נישט דעם שטרייט, וואָס זיי האָבען געהאַט ביים מיטאָג און אַז זי איז שוין נישט מעהר אין כעס, האָט

זי צוגעמאַכט דעם פּאָרטסיגאַר און איהם אריינגעלייגט צום מאַן אין קעשענע.

— וואָס זאָגט מען איהם? — האָט זי געטראַכט — איך וועל איהם זאָגען, אַז דער ליגען, די פאַלשקייט, איז פּונקט אַזוי, ווי דער וואַלד: וואָס טיעפער אין וואַלד, אַלץ שווערער איז פון איהם ארויס־צוקריעכען. איך וועל זאָגען: דו האָסט זיך הינגעריסען מיט דיין פאַל־שער ראָלע און ביזט אַוועק צו־ווייט; דו האָסט בעליידיגט מענשען, וועלכע זיינען צו דיר צוגעבונדען און האָבען דיר קיין שום שלעכטעס נישט געטהאָן. טאָ געה־זשע, ענטשולדיג זיך פאַר זיי, טהו אַ לאַך איבער זיך אַליין און דיר וועט גרינגער ווערען אויפ׳ן הארצען. און אויב דיר ווילט זיך שטילקייט און איינזאַמקייט, דאַן לאָמיר אַוועק־פאָהרען פון דאַנען צוזאַמען.

געטראָפען זיך מיט דער ווייב׳ס אויגען, האָט פּיאָטער דמיטריטש פּלוצים צוגעגעבען זיין פּנים דעם זעלבען אויסדרוק, וואָס, ער האָט געהאַט ביים מיטאָג און אין גאָרטען — אַ גלייכגילטיגען, עטוואָס שפּאָטישען האָט אַ גענעץ געטהאָן און אויפגעהויבען זיך.

— איצט איז שוין אַרום זעקס — האָט ער געזאָגט, אַ קוק טהאָנ־דיג אויפ׳ן זייגער: — אויב די געסט וועלען האָבען גאָט אין האַר־צען און אַוועקפאָהרען אַ זייגער עלף, בלייבט אונז נאָך אַלץ גאַנצע זעקס שעה צו וואַרטען... פרעהלאַך, מען קען נישט זאָגען.

און אונטערפייפענדיג, איז ער מיט זיין געוועהנליכען, ערנסטען גאַנג, לאַנגזאַם ארויס פון קאַבינעט.

עס האָט זיך געהערט, ווי ער, טרעטענדיג ערנסט, וויכטיג, איז דורכגעגאַנגען דעם זאַאַל, דערנאָך דעם גאַסט־צימער, האָט זיך פון עפּעס צולאַכט און מיט אַן ערנסטען וויכטיגען טאָן געזאָגט צו דעם יונגען מאַן, וועלכער האָט געשפּיעלט: „בראַ־וואָ! בראַ־וואָ!" באַלד איז שטיל געוואָרען, זיינע טריט האָבען זיך שוין מעהר נישט געהערט; ער איז מסתמא ארויס אין גאָרטען.

אצינד האָט שוין אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ נישט געפיהלט קיין אייפער־זוכט און פערדרוס, נור אַ אמת׳ער האַס האָט זי אין גאַנצען באַהערשט, אַ האַס צו זיינע טריט צו זיין נעמאַכטען געלעכטער. זי איז צוגע־גאַנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט אין גאָרטען. פּיאָטער איז שוין געגאַנגען איבער דער אַלעע. דעם קאָפּ לייכט אָבגעוואָרפען, איין

האנד פארליינט אין קעשענע און קאָנקענדיג מיט די פינגער פון דער צווייטער האנד, האָט ער וואזשנע געשפּרייזט, זיך קאָטשענדיג אין גאַנג און מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי ער וואָלט געווען זעהר צופריעדען און מיט זיך, אי מיט דעם מיטאָג, אי מיט דעם מאָגען, אי מיט דער נאַטור...

אויף דער אַלעע האָבען זיך בעוויזען צוויי קליינע גימנאַזיסטען, די קינדער פון דער גוטס־בעזיצערין טשיזשעווסקאַיא, וועלכע זיינען נור־וואָס געקומען און הינטער זיי אַ סטודענט גובערנער אין אַ ווייסען רעקעל און אין זעהר שמאָלע הויזען.

צוגעקומען צו פּיאָטער דמיטריטש'ן, האָבען די קינדער מיט דעם סטודענט זיך אָבגעשטעלט און, הפּנים איהם גראַטולירט מיט זיין געבורטסטאָג. מאַכענדיג אַ שעהנע באַוועגונג מיט די אַקסלען, האָט ער אַ גלעט געטהאָן די קינדער איבער די בעקלאַך און געצוואונגען דערלאַנגט דעם סטודענט די האנד, ניט קוקענדיג אויף איהם. דער סטודענט האָט, הפּנים, געלויבט דאָס וועטער און עס פערגליכען מיט דער פּעטערבורגער לופט, ווייל פּיאָטער דמיטריטש האָט געזאָגט אין דער הויך און מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט גערעדט ניט מיט אַ גאַסט, נור מיט אַ אונטערזוכונגס־ריכטער, אָדער מיט אַן עדות:

— וואָ־אָס? ביי אייך אין דער פּעטערסבורג איז קאַלט? און דאָ, ביי אונז, טאַטעלע מיינער, איז אַן אמת'ער ריח ניחוח און פון אַלע אירדישע פּרוכטען איז דאָ לרוב. האָ? וואָס?

און, פערלייגט איין האנד אין קעשענע, און אַ קנאַק געטהאָן מיט די פינגער פון דער אַנדערער, איז ער אַוועק ווייטער. ביז וואַנען ער איז נישט פערשוואונדען הינטער די קוסטעס פון ניס־בוימער, האָט איהם אָלגאַ איוואַנאָוונאַ אַלץ נאָכגעקוקט און זיך געוואונדערט: פון וואַנען קומט צו אַ פיער און דרייסיג יאָהריגען מענשען דער דאָזיגער וואַזשנער, גענעראַלסקער גאַנג? פון וואַנען דער שעהנער, פעסטער טראָט? פון וואַנען יענער שטרענגער טאָן פון אַ וואַזשנעם בעאַמטען און די אַלע „וואָ־אָס", „יאָ־אָ" און „טאַטעלע מיינער?"

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך דערמאָנט, ווי אין די ערשטע מאָנאַטען נאָך איהר חתונה איז זי, אום זיך נישט צו לאַנגווייליגען אינ'ם הויז איינע אליין, געפאָהרען אויף די פּריצישע צוזאַמענפאָהרונגען. מאָנכעס מאָל פלעגט זיך טרעפען, אַז אָנשטאָדט איהר טויף־פּאָטער

דעם גראַף אַלעקסעי פּעטראָוויטש, האָט איהר מאַן פערנומען דעם פּלאַץ פונ'ם פּאַרזיצענדען. אויף דעם פּאַרזיצענדענס פּאַטעל, אינ'ם מונדיר און מיט דער קייט אויף דער ברוסט פלעגט ער זיך אין גאַנצען ענדערן. פייערליכע בעוועגונגען, א דונערענדע שטימע, „וואַ־אָס" „יאַ־אַ" און א פערעכטליכער טאָן... אלעס געוועהנליכעס, מענשליכעס, זיין אייגענעם איך, וועלכען אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ איז געוועהנט געווען צו זעהן אין איהם אין דער־היים, — דאָס אַלעס איז פערשוואונדען אין דער גרויסקייט, און אויפ'ן פּאַטעל איז געזעסען ניט פּיאָטער דמיטריטש, נור עפּעס גאַר אַן אנדער מענש, וועמען אַלע האָבען גערופען הערר פּאַרזיצענדער.

דאָס בעוואוסטזיין, אַז ער איז א מאַכט, האָט איהם געשטערט צו זיצען רוהיג אויף אָן אָרט, און ער האָט רק געזוכט א געלעגענהייט, אום אָנצוקלינגען, א קוק טהאָן שטרענג אויף דאָס פּובליקום, א געשריי טהאָן... פּלוצים פלעגט ער גאָר ווערען קורצזיכטיג און טויב, פלעגט נעהמען שלעכט הערען און זעהן. און קנייטשענדיג זיך מיט גדלות, פלעגט ער פאָדערען, מען זאָל ריידען העכער און קומען נעהענטער צום טיש.

פון זיין גרויסער גדלות האָט ער שוועֶר געקענט אונטערשיידען פּנים'ער און קלאַנגען, אַזוי אַז אין יענע מינוטען זאָל, דאַכט זיך, צו איהם צו קומען אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ אליין, וואָלט ער צו איהר אויך אַ געשריי געטהאָן: „ווי איז אייער נאָמען?"

צו די עדות פון די פּויערים, האָט ער געזאָגט „דו", אויף דאָס פּובליקום האָט ער אַזוי געשריען, אַז מען האָט איהם געקענט הערען אויף דער גאַס און מיט די אַדוואָקאַטען האָט ער זיך גאָר אונמעגליך געהאַלטען. איז איהם אויסגעקומען צו ריידען צו א געשוואָרענעם אַדוואָקאַט, איז פּיאָטער דמיטריטש געזעסען צו איהם מיט א זייט און געזשמורעט די אויגען אויפ'ן סופית, וועלענדיג דערמיט ווייזען, אַז דער אַדוואָקאַט איז דאָ גאָרנישט נויטיג, אַז ער אַנערקענט איהם נישט און הערט זיך נישט צו זיינע רייד. איז אָבער פאַר איהם געשטאַנען און גערעדט א איינפאַכער פּריוואַט אַדוואָקאַט, דאַן האָט פּיאָטער דמיטריטש אויפגעשטעלט מויל און אויערען, האָט אָבגעמאָסטען דעם דאָזיגען אַדוואָקאַט מיט א אָבלאַכעדיגען, פערניכטענדען

בליק, ווי איינער זאָגט: — אָט וואָס פאַר אַ אדוואָקאַטען מיר האָבען אַצינד!

— וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען? — פלעגט ער איהם אין מיטען דערינען אונטערברעכען. און אויב דער אדוואָקאַט האָט ווען עס איז געברויכט עפּעס אַ געדרעדעלטע אויסלענדישע פראַזע, און, צום שלים מזל, האָט ער עס נאָך נישט ריכטיג אויסגערעדט, דאַן פלעגט פּיאָטער דמיטריטש ווערען גאָר אַ לעבעדינער און פלעגט פרעגען: „וואָ־אָ־ס? ווי? וואָס מיינט עס?" און מיט דעם טאָן פון אַן עלטערען, פון אַ לעהרער, פלעגט ער באַמערקען: „געברויכט נישט קיין ווערטער, וועלכע איהר פערשטעהט נישט".

און געענדיגט זיין רעדע, פלעגט דער אדוואָקאַט אוועקגעהן פונ'ם טיש אַ רויטער, אין גאַנצען אין שוויים. און פּיאָטער דמיטריטש, שמייכלענדיג זעלבסטצופריעדען און פייערענדיג זיין נצחון, פלעגט זיך מיט גדלות אָבוואַרפען אויפ'ן ווענטעל פונ'ם פּאַטעל.

און זיין האַלטונג מיט די אדוואָקאַטען, האָט ער אביסעל נאָכ־געמאַכט דעם גראַף אַלעקסעי פּעטראָוויטש, נור ביים גראַף, ווען יע־נער האָט למשל געזאָגט: „פּערטהיידיגער, שווייגט אַ ווייל!" איז דאָס ארויסגעקומען גוטמוטהיג און נאַטירליך, ווי ביי אַן אַלטען מאַן, און ביי פּיאָטער דמיטריטש'ען — גראָב און אָנגעצויגען.

2.

עס האָבען זיך דערהערט אַפּלאָדיסמענטען. דאָס האָט דער יונגער מאַן ביי דער פּיאַנאָ געענדיגט שפּיעלען. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך דערמאָנט אָן די געסט און זיך געאיילט אין גאַסט־צימער.

— איך האָב געהערט און ניט געקענט אָברייסען זיך — האָט זי געזאָגט, צוגעהענדיג צו דער פּיאַנאָ — איהר האָט מערקוויר־דיגע פעהיגקייטען! אָבער דענקט איהר נישט, אַז אונזער פּיאַנאָ דאַרף מען טאָנען?

אין דיעזער צייט זיינען אין גאַסט־צימער אריין די צוויי גימ־נאַזיסטען און מיט זיי דער סטודענט.

— מיין גאט, מיטיא און קאליא! — האט, ציהענדיג די ווער־טער און מיט פרייד, געזאגט אלגא מיכאילאוונא, געהענדיג זיי אנטקעגען: — וואס פאר א גרויסע איהר זייט געווארען! עס איז אויך נארנישט צו דערקענען! און וואו איז אייער מאמא?

— איך גראטוליר אייך מיט דעם געבורטסטאג — האט אנגע־הויבען דער סטודענט דרייסט — און ווינש אייך אל דאס גוטס. יע־קאטערינא אנדרעעוונא גראטולירט און בעט אום ענטשולדיגונג. זי איז נישט גאר אין גאנצען.

— אך, וואס פאר א שלעכטע זי איז! איך האב זי א גאנצען טאג ערווארטעט. און איהר זייט שוין לאנג פון פעטערסבורג? — האט געפרעגט אלגא מיכאילאוונא ביים סטודענט — ווי איז דארט איצט דאס וועטער? — און זיך נישט דערווארט אויף אן ענטפער, האט זי פריינדליך א קוק געטהאן אויף די גימנאזיסטען און ווידער־האלט: — ווי גרויס זיי זיינען אויסגעוואקסען! נאך נאר נישט לאנג פלעגען זיי קומען אהער מיט דער ניאנע, און איצט זיינען זיי שוין גימנאזיסטען! די אלטע ווערען עלטער און די יונגע וואקסען... האט איהר שוין געגעסען מיטאג?

— אך, בעאונרוהיגט זיך ניט, איך בעט אייך! — האט געזאגט דער סטודענט.

— איהר האט דאך נאך נישט געגעסען?

— אום גאטעס ווילען, בעאונרוהיגט אייך נישט.

— אבער איהר זייט דאך הונגעריג? — האט געפרעגט אלגא מי־כאילאוונא מיט א גראבען, הארטען קול, אין וועלכען עס האט גע־קלונגען אונגעדולד און פערדרוס. דאס איז ביי איהר ארויסגעקומען אונערווארטעט. באלד האט זי זיך פערכאפט, האט זיך צוהוסט, איז רויט געווארען און א שמייכעל געטהאן: — ווי גרויס זיי זיינען אויס־געוואקסען! — האט זי געזאגט ווייך.

— בעאונרוהיגט זיך נישט! — האט נאך אמאל געזאגט דער סטודענט.

דער סטודענט האט געבעטען, מען זאל זיך נישט בעאונרוהיגען, די קינדער האבען געשוויגען; קענטיג, אז אלע דריי האבען געוואלט עסען. אלגא מיכאילאוונא האט זיי אוועקגעפיהרט אין עס־צימער און געהייסען וואסילי'ן גרייטען דעם טיש.

— אייער מאַמא איז גאָרנישט קיין גוטע! — האָט זי געזאָגט, אוועקזעצענדיג זיי: — זי האָט מיך אין גאַנצען פערגעסען. נישט קיין גוטע, נישט קיין גוטע... אָט אַזוי זאָלט איהר טאַקע זאָגען. און איהר, וועלכע קורסען בעזוכט איהר? — האָט זי געפרעגט ביים סטודענט.

— די מעדיציניש׳ע.

— און איך, שטעלט זיך פאָר, האָב אַ שוואַכקייט צו דאָקטוירים. מיך פערדריסט זעהר, וואָס מיין מאַן איז נישט קיין דאָקטאָר. וואָס פאַר אַ מוטה דאַרף מען עס האָבען אום צו מאַכען אַן אָפּעראַציאָן, למשל, אָדער צו פּאַלמעסען אַ טויטען קערפּער! שרעקליך! איהר האָט נישט מורא? איך וואָלט, דאַכט זיך, געשטאָרבען פאַר שרעק. איהר וועט געוויס אויסטרינקען אַביסעל שנאַפּס?

— בעמיהט זיך נישט, איך בעט אייך.

— פון וועג מוז מען, מען מוז אויסטרינקען. איך בין אַ פרוי, און דאָך טרינק איך אויך ווען־עס־איז, און מיטיא און קאָליאַ וועלען טרינקען מאַלאַגע, גאָר אַ שוואַכינקער וויין, האָט קיין מורא נישט. ס׳ארא וואוילע יונגען זיי זיינען, ווירקליך! שוין באַלד צייט זיי חתונה מאַכען.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט גערעדט אָהן אויפהער. זי האָט געוואוסט פון פּראַקטיק, אַז פאַרנעהמענדיג די געסט, איז אַ סך לייכטער און בעקוועמער צו ריידען, איידער צו הערען. ווען מען רעדט, איז נישט נויטיג אָנצושטרענגען זיך, זיין אויפמערקזאַם, אויסטראַכטען ענטפערס אויף די פראַגען און בייטען דעם אויסדרוק פון דעם פּנים. נור נישט ווילענדיג האָט זי געשטעלט עפּעס אַן ערנסטע פראַגע, דער סטודענט האָט גענומען ריידען, ערקלעהרען, און ווילענדיג נישט ווילענדיג האָט זי שוין געמוזט אויסהערען. דער סטודענט האָט געוואוסט, אַז זי איז אַמאָל געווען אויף די קורסען און דערפאַר, ריידענדיג מיט איהר, האָט ער זיך געסטאַרעט אויסצוזעהן זעהר ערנסט.

— וועלכע קורסען בעזוכט איהר? — האָט זי געפרעגט, פאַרגעסענדיג, אַז זי האָט עס שוין איין מאָל געפרעגט.

— די מעדיציניש׳ע.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז שוין לאַנג נית געווען מיט די דאַמען.

— יאָ. הייסט ער, אז איהר וועט זיין א דאָקטאָר? — האָט זי געזאָגט, זיך אויפהויבענדיג: — דאָס איז גוט. מיר פערדריסט, וואָס איך אליין בין נישט געגאַנגען אויף די מעדיציניש קורסען. אלזאָ, עסט דאָ אָב מיטאָג, מיינע הערשאפטען, און קומט ארויס אין גאָרטען, איך וועל אייך בעקאַנט מאכען מיט די פריילינס.

זי איז ארויס און אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער: עס איז געווען פינף מינוט צו זעקס. זי האט זיך געוואונדערט, וואס די צייט שלעפּט זיך אזוי לאַנגזאַם, און איהר איז מורא'דיג געוואָרען פון דעם געדאַנק, אַז ביז האַלבע נאַכט, ווען די געסט וועלען זיך צופאָהרען, איז נאָך געבליעבען גאַנצע זעקס שעה. ווי דער'הרג'ט מען די דאָזיגע זעקס שטונדען? וואס פאר א פראַזען רעדט מען? ווי האַלט מען זיך מיט דעם מאַן?

אין גאַסט צימער און אויף דער טעראַסע איז נישט געווען קיין לעבעדיגער מענש. אַלע געסט האָבען זיך צוזייהט און צושפּרייט איבער'ן גאָרטען.

—מען וועט זיי דארפען פאַרשלאָגען אַ שפּאַציר אין וואַלד, אָדער דורכצופאָהרען זיך אויף שיפלאָך, ביז מען וועט דערלאַנגען טהעע — האָט געטראַכט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, געהענדיג מיט שנעלע טריט צום קראָקעט, פון וואַנען עס האָבען זיך געהערט שטימען און געלעכ־טער: — און די אַלטע לייט וועט מען דארפען אַוועקזעצען שפּיעלען אין קאָרטען...

פונ'ם קראָקעט־פּלאַץ, איהר אַנטקעגען, איז געגאַנגען דער לאַקעי גריגאָרי מיט לעדיגע פלאַשען.

— וואו זיינען די דאַמען? — האָט זי געפרעגט.

— נעבען די מאַלינעס. דער הערר איז אויך דאָרט.

— אָך, גאָט מיינער! — האָט פונ'ם קראָקעט־פּלאַץ עמיצער מיט פערדרוס געשריען — איך האָב אייך דאָך שוין טויזענד מאָל געזאָגט! אום צו קענען די באַלגאַרען, מוז מען זיי זעהן! מען קען נישט אור־טהיילען נאָך די צייטונגען!

צי פון דעם דאָזיגען געשריי, צי פון עפּעס אַנדערש, נור אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט פּלוצים דערפיהלט אַ שטאַרקע שוואַכקייט אין גאַנצען קערפּער, הויפּטזעכליך אין די פיס און אין די אַקסלען. איהר

האָט זיך פּלוצים פערוואָלט נישט ריידען, נישט הערען, נישט בעוועגען זיך.

— גריגאָרי — האָט זי געזאָגט שוואַך און מיט אָנשטריינגונג — ווען איהר וועט דערלאַנגען טהעע אָדער עפּעס אנדערש, זאָלט איהר זיך נישט ווענדען צו מיר, איך בעט אייך, פרעגט ביי מיר גאָרנישט, רעדט וועגען קיין זאַך נישט... טהוט אַלעס אליין און... און ניט קלאַפּט מיט די פיס... איך בעט אייך... איך קען נישט, ווייל...

זי האָט נישט דערעדט און איז אַוועק ווייטער צום קראַקעטפּלאַץ. נור אויפ'ן וועג האָט זי זיך דערמאָנט אָן די דאַמען און איז אַוועק צו די מאַלינעס.

דער הימעל, די לופט און די בוימער האָבען זיך געכמורעט, אַזוי ווי פריהער, און האָבען געוויזען אויף רעגען; עס איז געווען הייס און שטיקענד. אונגעהויער גרויסע סטאַיעס קראָהען, פאַרפיהלענדיג אַ שטורם, האָבען זיך מיט אַ געשריי געטראָגען איבער'ן גאָרטען.

וואָס נעהענטער צום גרינס גאָרטען, אַלץ אָבגעלאָזענער, פינסטערער און סמעלער זיינען געוואָרען די אַלעען; אויף איינער פון זיי, וועלכע האָט זיך בעהאַלטען אין דער געדיכטעניש פון די ווילדע באַרען־בוימער, יונגע דעמבעס און זויער־קלעע, האָבען גאַנצע וואָלקענס פון קליינע, שוואַרצע פליגעלאַך ארומגערינגעלט אָלגאַ מיכאילאָוונאַ'ן; זי האָט פערשטעלט דעם פּנים מיט די הענד און האָט מיט געוואַלד זיך גענומען פאַרשטעלען דאָס קליין מענשעלע... אָבער אין איהרע געדאַנקען האָבען זיך געטראָגען גריגאָרי, מיטיאַ, קאָליאַ, די פּנים'ער פון די פּויערים, וועלכע זיינען אין דער־פריה געקומען גראַטולירען...

עס האָבען זיך דערהערט טריט ,און זי האָט געעפענט די אויגען. איהר אַנטקעגען איז שנעל געגאַנגען דער אָנקעל ניקאָלאַי ניקאָלאַיאיטש.

— דאָס ביזטו, מיין ליעבע? עס פרעהט מיך זעהר... — האָט ער אָנגעהויבען, שטיקענדיג זיך: — אויף צוויי ווערטער...

ער האָט אָפּגעווישט מיט אַ טיכעל זיין געגאָלטע, רויטע מאָרדע, איז פּלוצים אָבגעטראָטען אַ טריט צוריק, אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און אויסגעפּוטשעט די אויגען: — ביז ווי לאַנג נאָך וועט עס אַזוי אָנגעהן, מאַמעלע מיינע? — האָט ער גענומען ריידען שנעל

— איך פרעג ביי דיר: וואו איז דער גרענעץ? איך רעד שוין נישט פון דעם, וואס זיינע משונה׳דיגע, דעספּאָטישע מיינונגען דעמאָראַ־ליזירען די אומגעבונג, וואס ער בעליידיגט אין מיר און אין יעדען עהרליך דענקענדען מענשען אלעם, וואס איז הייליג און גוט—פון דעם רעד איך נישט, אבער זאָל ער כאָטש זיין אנשטענדיג! וואו איז דאס געהערט געוואָרען? שרייט, רעוועט, ברעכט זיך, קרימט פון זיך עפּעס א מין נאַפּאָלעאָן, לאָזט קיינעם א וואָרט נישט אויסריידען... דער טייפעל וויים איהם! אזעלכע פייערליכע בעוועגונגען, א גענע־ראלסקער געלעכטער, א גדלות׳דיגער טאָן! אבער ערלויבט מיר אייך צו פרעגען: וואס איז ער דאס אזעלכער? איך פרעג דיך: ווער איז ער דאס אזוינס? דער ווייב׳ס מאַן, א קליינשטעדטעלדיגער טיטוליר־טער, וועמען עס האט אָבגעגליקט צו קריגען א רייכע ווייב! אן אויפ־געקומענער גביר און א יונקער, איינער פון די, וואס אזעלכע זיינען דאָ א סך! שצעדרין׳ס א טיפּ! ביי גאָט, איינס פון די צוויי: אדער ער ליי־דעט פון דער גרויסקייט־מאַניע, אדער עס איז גערעכט יענער אלטער, אָבגעלעבטער שצור, דער גראַף אלעקסעי פּעטראָוויטש, ווען ער זאָגט אז די היינטיגע קינדער און יונגע לייט וואקסען ערשט אוים שפּעט און ביז פערציג יאָהר שפּיעלען זיי זיך אין פוהרמאַנעס און אין גענע־ראלען!

— דאָס איז אמת, אמת... — האָט צוגעגעבען אָלגאַ מי־כאילאָווּנאַ — אָבער לאָז דורכגעהן.

— אָצינד בערעכען זיך, צו־וואָס דאָס קען פיהרען? — האָט וויימער גערעדט דער פּעטער, פאַרשטעלענדיג איהר דעם וועג:

— מיט וואָס וועט זיך ענדיגען דאָס דאָזיגע שפּיעל אין גענעראַלען און קאָנסערוואַטיזמוס? פּערקלאָגט פאַר׳ן געריכט איז ער שוין, איז אריינגעפאלען! מיך פרעהט עס! האָט אזוי לאַנג געשריען און גע־קלאפּט, ביז ער האט זיך דערדעדט צו דער אנקלאָגע־באַנק און נים נור אין א געוועהנליכען דיסטריקטס־געריכט, נור אין אן העכערען געריכט! ערגער, קען שוין דאכט זיך, נישט זיין! צוויימענס, האָט ער זיך מיט אלעמען צוקריגט! היינט איז זיין געבורטסטאָג, און זעה, קוק זיך איין: עס זיינען נישט געקומען נים וואָסטריאַקאָוו, נישט יאַכאָנטאָוו, נים וולאדימיראָוו, נישט שעוואוד, נים דער גראַף... וואָס דאַרף מען נאָך האָבען מעהר קאָנסערוואַטיוו, ווי דער גראַף אלעקסעי פּעטראָ־

וויטש, און אפילו ער איז אויך נישט געקומען צו פאהרען און וועט שוין קיין מאל מעהר נישט קומען! וועסט זעהן, אַז ער וועט נישט קומען!

— אַך, גאָט מיינער, אָבער וואָס בין איך שולדיג? — האָט גע־פרעגט אָלגאַ מיכאילאָוונאַ.

— וואָס הייסט? דו ביזט זיין ווייב! דו ביזט אַ קלוגע, ביזט געוועזען אויף די קורסען און עס ווענדעט זיך אָן דיר, צו מאַכען פון איהם אַן עהרליכען ארבייטער!

— אויף די קורסען לערענט מען נישט, ווי צו ווירקען אויף שווע־רע מענשען. איך וועל נאָך, דאַכט זיך, מוזען בעטען ביי אייך אַלע־מען אום ענטשולדיגונג דערפאַר, וואָס איך בין געוועזען אויף די קור־סען — האָט געזאָגט אָלגאַ מיכאילאָוונאַ שאַרף — הער אויס, אָנקעל, ווען מען וועט ביי דיר אונטער'ן אויער, אַ גאַנצען טאָג שפּיעלען איינע און דיזעלבע גאַממען, וועסטו נישט איינזיצען אויף אַן אָרט און וועסט אַנטלויפען. איך אבער הער שוין אַ גאַנצען קיילעכדיגען יאָהר, יעדען טאָג איינס און דאָס זעלבע, איינס און דאָס זעלבע. מיינע הער־רען, מען מוז דאָך האָבען אביסעל מיטלייד אויך!

דער פעטער האָט געמאַכט אַ זעהר ערנסטען פּנים, האָט זי פאַר־שענדיג אָנגעקוקט און פאַרקרימט דאָס מויל מיט שפּאָטישען שמיי־כעל.

— אַזוי גאָר! — האָט ער אויסגעזונגען מיט דעם קול פון אַ גרייז— ענטשולדיג! — האָט ער צוגעלייגט און זיך צערעמאָניעל פערנויגט: — אויב דו ביזט אליין אריינגעפאלען אונטער זיין איינ־פלוס און האָסט געענדערט דיינע איבערצייגונגען, האָב איך צו דיר גאָרנישט, האָסט עס נור פריהער געדאַרפט זאָגען. ענטשולדיג!

— יאָ, איך האָב געביטען מיינע איבערצייגונגען! — האָט זי אַ געשריי געטהאָן — פרעה זיך!

— ענטשולדיג!

דער אָנקעל האָט זיך צום לעצטען מאָל צערעמאָניעל מיט אַ זייט פערנייגט און, אין גאַנצען צוזאַמענגעקאַרטשעט, האָט ער אַ שאַר גע־טהאָן מיט'ן פוס און איז אוועק צוריק.

— פּרא אדם — האָט אַ טראַכט געטהאָן אָלגאַ מיכאילאָוונאַ — ער וואָלט בעסער געפאָהרען צו זיך אהיים.

די דאַמען און די יוגענד האָט זי געטראָפען אין'ם גאָרטען און נעבען די מאַלינעס. איניגע האָבען געגעסען מאַלינעס, אַנדערע, וועמען די מאַלינעס האָבען שוין דערעסען, זיינען אַרומגעגאַנגען צווישען די בוימלאַך מיט יאַגדעס, אָדער האָבען זיך געגראָבען אַרום די זיסע אַרבעסלאַך. אַ ביסעל אָן דער זייט פון די מאַלינעס, נעבען אַ פערצווייגטען קאַרשען־בוים, וועלכער איז אונטערגעשפּאַרט געוועזען מיט שטעקענס, וואָס מען האָט אַרויסגעשלעפּט פונ'ם אַלטען גערטעל, איז געשטאַנען פיאָטער דמיטריטש און געשניטען די גראָז. די האָאָר זיינע זיינען איהם אויף דעם שטערן געפאַלען, דער האַלזטוך האָט זיך אָבגעבונדען, דאָס קייטעל פון זייגערל האָט זיך פונ'ם לעבעל אָבגעטשעפּעט אין זיין יעדען טריט און יעדער מאַך מיט דער קאָסע, האָט זיך געפיהלט אַ שטאַרקע פיזישע קראַפט און פערשטענדניס פאַר דער דאָזיגער אַרבייט.

נעבען איהם זיינען געשטאַנען ליובאָטשקאַ און זיין שכן'ס אָבערסט בוקרעיעוו'ס טעכטער, נאַטאַליאַ און וואַלענטינאַ, אָדער ווי אַלע האָבען זיי, געוועהנליך, גערופען, נאַטאַ און וואַטאַ. ביידע זעהר פולע בלאָנדינקעס פון אַ יאָהר 16—17, אין ווייסע קליידער, מערקווירדיג עהנליך איינע אויף דער אַנדערער. פיאָטער דמיטריטש האָט זיי געלערנט קאָסען.

— דאָס איז זעהר איינפאַך... — האָט ער גערעדט — מען דאַרף נור קענען האַלטען די קאָסע און זיך ניט היצען, דאָס הייסט, נישט געברויכען מעהר קראַפט, ווי עס איז נויטיג. אָט אַזוי... ווילט איהר אפשר איצט פּרובירען? — האָט ער געפרעגט ביי ליובאָטשקאַ'ן און איהר געגעבען די קאָסע — נו, פּרובירט אַקאָרשט!

ליובאָטשקאַ האָט ניט ריכטיג גענומען די קאָסע אין די הענד, איז פלוצים רויט געוואָרען און זיך צולאַכט.

—— שרעקט זיך ניט, ליובאָוו אַלעקסאַנדראָווּנאַ! — האָט אַ געשריי געטהאָן אָלגאַ מיכאַילאָווּנאַ הויך אויפ'ן קול, אַזוי אַז אַלע דאַמען זאָלען הערען, אַז זי איז מיט זיי: — שרעקט זיך נישט! מען דאַרף זיך לערנען! איהר וועט הייראַטהען מיט אַ טאָלסטאָוועץ, וועט ער אייך צווינגען צו קאָסען.

ליובאָטשקאַ האָט אויפגעהויבען די קאָסע און זיך ווידער צולאַכט און, אָהן קרעפטען פון לאַכען, האָט זי איהר גלייך צוריק אַראָבגעלאָזט.

אי זי האָט זיך געשעהמט, אי עס איז איהר אָנגענעהם געווען, וואָס מען רעדט מיט איהר, ווי מיט אַ ערוואַקסענער.

נאַטאַ, ניט שמייכלענדיג און אָהן מורא, מיט אַן ערנסטען קאַל־טען פּנים, האָט גענומען די קאָסע, האָט מיט איהר אַ מאַך געטהאָן און לופטען און האָט זי פערפּלאָנטערט אין גראָז; וואַטאַ, אויך נישט שמייכלענדיג, אַ ערנסטע, אַ קאַלטע, ווי די שוועסטער, האָט שוויי־גענדיג גענומען די קאָסע און זי אריינגעשטעקט אין דער ערד.

אָבגעטהאָן די דאָזיגע ארבייט, האָבען ביידע שוועסטער זיך גע־נומען אונטער די הענד און זיינען שווייגענדיג אוועק צו די מאַלינ־קעס.

פּיאָטער דמיטריטש האָט געלאַכט און געשטיפּט, ווי אַ אינגעל, און די דאָזיגע קינדערש־שטיפערישע שטימונג, ווען ער פּלעגט ווערען מערקווירדיג גוטמוטהיג, האָט זיך צו איהם געפּאַסט מעהר, ווי אַלעס אַנדערעס. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט איהם דאָן געליעבט, נור דיעזע פרעהליכע שטימונג האָט ביי איהם געוועהנליך אָנגעהאַלטען נישט לאַנג. אזוי איז אויך געווען היינטיגעס מאָל, זיך אַ ווײַלע אַ שפּיעל געטהאָן מיט דער קאָסע, האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו צוגעבען זיין שטיפעריי אַ ערנסטען כאַראַקטער.

— ווייסט איהר, ווען איך ארבייט מיט דער קאָסע, פיהל איך זיך געזינדער און נאָרמאַלער — האָט ער געזאָגט — ווען מען זאָל מיך צווינגען צופריעדען שטעלען זיך נור מיט אַ גייסטיגען לעבען, וואָלט איך, דאַכט זיך, פון זינען אראָב. איך פיהל, אז איך בין נישט געבאָ־רען געוואָרען צו זיין אַ קולטורעלער מענש! איך וואָלט גענדארפט שניידען, אַקערן, זייהען, פערד פיהרען אין שפּאַן...

און ביי פּיאָטער דמיטריטש מיט די דאַמען האָט זיך פערפיהרט אַ געשפּרעך וועגען די אייגענשאַפטען פון פיזישער ארבייט, וועגען קולטור און דערנאָך וועגען דער שעדליכקייט פון געלד און איי־גענטהום.

הערענדיג דעם מאַן ריידען, האָט זיך אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ ניט ווי־לענדיג דערמאָהנט אָן איהר נדן.

— עס וועט קומען אַ צייט — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן, ווען ער וועט מיר ניט קענען פאַרגעבען, וואָס איך בין רייכער פון איהם.

ער איז שטאָלץ און האָט א סך איינענליעבע. ער וועט מיך נאָך אמאָל פערהאַסען דערפאַר, וואָס ער האָט פיעל מיר צו פערדאַנקען.

זי האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען בוקרעיעוו'ן, וועלכער האָט געגעסען מאַלינעס, און אויך אנטהייל גענומען אין געשפּרעך.

— ביטטע — האָט ער געזאָגט, מאכענדיג א וועג פאַר אָלגא מיכאילאָוונא און איהר מאַן: — אָט דאָ זיינען די רייפסטע מאַלינקעס... אַלזאָ, איז נאָך פּרודאָנ'ס מיינונג נאָך קומט אויס, אז אייגענטהום איז גנבה — האָט ער פאָרטגעזעצט מיט א העכערען קול — איך מוז אָבער צו געבען, אז איך אנערקען ניט פּרודאָ'ען און האַלט איהם נישט פאַר קיין פילאָסאָף. פאַר מיר זיינען די פראַנצויזען קיין אויטאָריטעטען נישט, זאָל זיי גאָט מוחל זיין!

— נו, וואָס אנבעלאַנגט צו די פּרודאָנס, די באָקלס און די אנדערע, ווי זיי הייסען דאָרט, אין דעם בין איך גאָר א קליינער בקי — האָט געזאָגט פיאָטער דמיטריטש — וועגען פילאָסאָפיע זאָלט איהר זיך ווענדען אָט צו איהר, צו מיין ווייב. זי איז געווען אויף די קורסען און די אַלע פּרודאָנ'ס און שאָפּענהויערס ווייס זי דורך און דורך...

אָלגא מיכאילאָוונא'ן איז ווידער אומעטיג געוואָרען. זי איז ווידער אוועק איבער דער שמאָלער שטעגעלע, פאַרביי די עפּעל און בארען־בוימער, און ווידער האָט איהר פּנים אָנגענומען אזא אויסדרוק, ווי זי וואָלט געהן וועגען זעהר א וויכטיגער זאַך.

און אָט איז דעם גערטנערס הייזעל... אויפ'ן שוועל זיצט דעם גערטנערס ווייב, וואַרוואַרא, און פיער קליינע קינדער מיט די גרויסע, געשאָרענע קעפּ. וואַרוואַרא איז אויך געווען שוואַנגער און האָט אויך, ערוואַרטעט געלעגען צו ווערען. בעגריסט זיך מיט איהר, האָט אָלגא מיכאילאָוונא שווייגענדיג אָרומגעקוקט זי און די קינדער און געפרעגט:

— נו, ווי פיהלסטו זיך?

— אָט, אזוי....

עס איז איינגעטראָטען א שווייגען. ביידע פרויען האָבען שווייגענדיג פערשטאַנען איינע די אנדערע.

— עס איז שרעקליך צו געבאָרען דאָס ערשטע מאָל — האָט געזאָגט אָלגא מיכאילאָוונא, א טראַכט טהאָנדיג: — מיר דאַכט זיך אַלץ, אז איך וועל עס נישט אריבערטראָגען, וועל שטאַרבען.

— מיר האָט זיך אויך אזוי געדאכט, אָבער אָט, איך לעב דאָך... מאַלע וואָס עס דאכט זיך!

ווארוואַרא, וועלכע האָט געשוואָנגערט שוין צום פינפטען מאָל און האָט געהאַט ערפאַהרונג, האָט געקוקט אויף איהר פריצטע פון אויבען אַראָב און גערעדט מיט איהר מיט דעם טאָן פון אַ לעהרער, און אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט נישט ווילענדיג געפיהלט איהר אויטאָריטעט. איהר האָט זיך געוואָלט ריידען וועגען איהר מורא, וועגען קינד, וועגען איהרע עמפּפינדונגען, האט אבער מורא געהאַט, אז דאס וועט ווארוואַראַ׳ן אויסקוקען קליינליך און נאאיוו. און זי האָט געשוויגען און געוואַרט, אז ווארוואַראַ אליין זאָל איהר עפּעס זאָגען.

— אָליאַ, מיר געהען אהיים! — האָט אַ געשריי געטהאָן פּיאָטער דמיטריטש פון צווישען די מאַלינעס.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ׳ן איז אָנגענעהם געווען אזוי צו שטעהן, ווארטען און קוקען אויף ווארוואַראַ׳ן. זי וואָלט מרוצה געוואָרען אזוי צו שטעהן און שווייגען בּאָטש ביז שפּעט אין דער נאכט. זי האָט אָבער געמוזט געהן.

קוים איז זי אָבגעגאַנגען פון הייזעל, ווי איהר אנטקעגען זיינען שוין געלאָפען ליובאָטשקאַ, וואַטאַ און נאַטאַ. די לעצטע זיינען ניט דערלאָפען אויף אַ געוויסע שטרעקע אוןביידע צוזאַמען האָבען זיך אָבגעשטעלט ווי איינגעגראָבענע; ליובאָטשקאַ איז אָבער דערלאָפען און זיך אָנגעהאַנגען איהר אויפ׳ן האַלז.

— ליעבע! גוטע! טהייערינקע! — האָט זי גענומען ריידען, קושענדיג זי אויפ׳ן פּנים און אויפ׳ן האַלז: — לאָמיר פאָהרען טרינקען טהעע אויפ׳ן אינזעל.

— אויפ׳ן אינזעל! אויפ׳ן אינזעל! — האָבען געזאָגט מיט איין מאָל נאַטאַ און וואַטאַ.

— אָבער עס וועט דאָך זיין רעגען, מיינע ליעבע.

— עס וועט ניט זיין, עס וועט ניט זיין! — האָט אַ געשריי געטהאָן ליובאָטשקאַ, מאַכענדיג אַ וויינענדיגען פּנים: — אַלע זיינען איינפערשטאַנדען צו פאָהרען! מיין ליעבע, גוטע!

— דאָרט קלייבען זיך אַלע צו פאָהרען אויפ׳ן אינזעל טהעע טרינקען — האָט געזאָגט פּיאָטער דמיטריטש, צוגעהענדיג: — מיר

וועלען פאָהרען אויף שיפלאך, און די סאַמאָווארען און אלע איבעריגע זאכען דארף מען אָבשיקען מיט דער דינערשאפט אויף א קאוטש.

ער איז אוועק צוזאמען מיט דער פרוי און האָט זי גענומען אונ־טער'ן אָרעם. אָלגא מיכאילאָוונא'ן האָט זיך פערוואָלט זאָגען דעם מאַן עטוואָס אונאנגענעהמעס, א שטאָך טהאָן איהם, כאָטש ווענען איהר נדן דערמאָהנען, וואָס הארטער און ביטערער, האָט זיך איהר גערואכט, אלץ בעסער. זי האָט א טראכט געטהאָן און געזאָגט:

— פאַר וואָס איז עפּעס דעם גראף אלעקסעי פעטראָוויטש נישט געקומען? א שאָד!

— איך בין זעהר צופריעדען, וואָס ער איז נישט געקומען — האָט געלייגט פיאָטער דמיטריטש — דער דאָזיגער משוגענער האָט מיר דערעסען נאָך ערגער, ווי א ביטערער רעטאך.

— דו האָסט דאָך אָבער מיט אזא אונגעדולד איהם ערווארטעט צום מיטאָג?

.3

אין א האלבע שטונדע ארום, האָבען אלע געסט זיך ארומגע־קליבען ארום ברעג, וואו עס זיינען געווען צוגעבונדען די שיפלאך. אלע האָבען א סך גערעדט, געלאכט און פון צופיעל טומעל האָבען זיי בשום אופן נישט געקענט אויסזעצען זיך אין די שיפלאך. דריי שיפלאך זיינען געווען פול אָנגעשטאָפּט מיט פּאסאזשירען, און צוויי זיינען געשטאַנען גאָר לעדיגע. פון די דאָזיגע צוויי שיפלאך זיינען פארפא־לען געוואָרען די שליסלען און פון'ם טייך זיינען אלע ווייליע געלאָפען אין הויף אריין מענשען, זיי אויפצוזוכען.

איינינע האבען געזאָגט, אז די שליסלען זיינען ביי גריגאָרי'ן, אנדערע — אז זיי זיינען ביים פערוואלטער, די דריטע האבען געראַ־טען רופען א שמיעד און צוברעכען די שלעסער. און גערעדט האבען אלע מיט אמאָל, איבערשלאָגענדיג און פארטויבענדיג איינער דעם אנדערן.

פיאָטער דימיטריטש האט אונגעדולדיג געשפרייזט איבער'ן ברעג און געשריען:

— דער טייפעל וויים וואס דאס איז! די שליסלען דארפען שטענדיג ליגען אין פירהויז אויף דעם פענסטער! ווער האט עס גע־וואגט זיי פון דאָרט אוועקצונעהמען? דער פערוואלטער קען, ווען ער וויל, זיך פערשאפען אַן אנדער שיפעל!

צום סוף האבען זיך די שליסלען געפונען. דאַן האט זיך ארויס־געוויזען, אז עס פעהלען צוויי וויאָסלעס. ווידער האט זיך אויפגע־הויבען א טומעל.

פיאָטער דמיטריטש, וועמען עס האט דערעסען ארומצושפרייזען, איז ארייננעשפרונגען אין א שמאָלער און א לאַנגער שיפעל, ווי א מולטער, וועלכע איז געמאכט געווען פון א טאָפאָל־בוים, און, א וויג נעטהאָן זיך אזוי, אז ער איז שיעור נישט ארייננעפאלען אין וואסער אריין, איז ער אָבגעשוואומען פון ברעג. נאָך איהם, מיט א הויכען געלעכטער און קוויטשעריי פון די פריילענס, האבען גענומען שווימען די איבעריגע שיפלאָך, איינס נאָך דער אַנדערער.

דער ווייסער, פערוואָלקענטער הימעל, די בוימער ביים ברעג, די וואסער־פלאַנצען און שיפלאָך מיט מענשען און מיט וויאָסלעס האבען זיך אָבגעטונקט אין'ם וואסער, ווי אין א שפיעגעל; אונטער די שיפלאָך, ווייט אין דער טיעפעניש, אין טיעפען אָבגרונד, איז אויך געווען א הימעל און פויגלען זיינען דאָרט געפלויגען.

איין ברעג, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען דער גוט, איז געווען א הויכער, א געקרימטער און אין גאַנצען מיט בוימער בעדעקט; אויף דעם צווייטען, א גלייכען, האבען געגרינט ברייטע, אָנגעפילטע לאָנקעס און טייכלאָך האבען געבליסטשעט.

די שיפלאָך זיינען אָבגעשוואומען ארום א פופציג קלאפטערס און פון צווישען די אומעדיג־איינגעבויגענע ווערבעס אויף דעם גלייכען ברעג האבען זיך בעוויזען הייזלאָך, א טשערעדע קיה; עס האבען זיך גענומען הערען ליעדער, שכור'ע געשרייען און קלאַנגען פון א האר־מאָניק.

דאָ און דאָרט איבער'ן טייך האבען זיך געטראָגען פישער־שיפ־לאָך, אין וועלכע עס זיינען געפאָהרען די פישער, אָנצושטעלען אויף בייַ נאַכט זייערע נעצען. אין איינער פון די שיפלאָך זיינען געזעסען

אָנגעשנאָסקעטע מוזיקאַנטען־ליעבהאָבער און האבען געשפּיעלט אויף אליין געמאכטע פיעדלען און אויף א וויאָלאָנטשעל.

אָלגא איוואַנאָווגא איז געזעסען ביים רודער. זי האט פריינדליך געשמייכעלט און פיעל גערעדט, אום צו פארנעהמען די געסט, און אליין האט זי פון דער זייט קרום געקוקט אויף דעם מאַן. שטעהענדיג און ארבייטענדיג מיט איין וויאָסלע, האט ער זיך געטראָגען אויף זיין שיפעל אין פאַראויס פון אַלעמען.

דאס לייכט, שפּיציג שיפעל, וועלכען די געסט האבען גערופען מלאך המות, און פּיאָטער דמיטריטש אליין האט זי עפּעס גאָר א נאָ־מען געגעבען „פּענדעראַקליא,” איז געלאָפען זעהר שנעל. עס האט געהאט א לעבעדיגען, כיטרען אויסדרוק און עס האט זיך געדאכט, אז דאס שיפעל האסט דעם שווערען פּיאָטער דמיטריטש'ן און ווארט נור אויף א פּאַסענדער געלעגענהייט, אום אויסצוגליטשען זיך פון אונטער זיינע פיס.

אָלגא מיכאַילאָוונא האט געקוקט אויף דעם מאַן און איהר איז מיאוס געווען זיין שעהנהייט, וועלכע איז אַלעמען אזוי געפעלען, זיין פּאַטילניצע, זיין פּאָזע, זיין פערטרויליכע האַלטונג מיט פרויען; זי האט געהאסט אלע פרויען, וועלכע זיינען געזעסען אין'ם שיפעל, איז געווען אייפערזיכטיג און אין דער זעלבער צייט האט האט זי יעדע מינוט אויפגעציטערט און געשראָקען זיך, אז דאס לייכט שיפעלע זאָל זיך נישט איבערקעהרען און אָנמאכען צרות.

— פּאָרזיכטיג, פּיאָטער! — האט זי א געשריי געטהאָן און דאס הארץ איהר'ס איז פערשטאָרבען פאר שרעק — זעץ זיך אין שיפעל! מיר גלויבען אזוי אויך, אז דו ביזט א העלד!

די מענשען, וואס זיינען געזעסען מיט איהר אין שיפעל, האבען זי אויך נערוועז געמאכט. דאס זיינען אלץ געווען געוועהנליכע, ניט קיין שלעכטע מענשען, איצט אבער האט איהר יעדער פון זיי אויס־געוויזען אונגעוועהנליך און שלעכט. אין יעדער'ן פון זיי האט זי גע־זעהן נור די פאַלשקייט.

— אָט יענער יונגער שאָטען אין די גאָלדענע ברילען מיט דעם שעהן בערדעל — האט זי געטראכט — איז א רייכער, א זאטער, אימער גליקליכער, דער מאמענקעס א זוהנדעלע, וועלכען אלע האַלטען פאַר אַן עהרליכען, פריידענקענדען, פאָרגעשריטענעם מענשען. עס

איז נאָך קיין יאָהר נישט אוועק, זייט ער האט געענדיגט דעם אוני־ווערזיטעט און איז געקומען וואוינען אהער אין בעצירק, און שוין רעדט ער פון זיך: „מיר, די כלל טהוער." עס וועט נישט אוועק א יאָהר, ווי איהם, אזוי ווי פיעל אנדערע, וועט לאַנגווייליג ווערען, און ער וועט אוועקפאָהרען קיין פעטערסבורג. און אום צו רעכטפערטיגען זיך פאר זיין אנטלויפען, וועט ער איבעראל זאָגען, אז די ארבייט אויף'ן דאָרף איז גאָרנישט ווערטה און אז ער איז אָבגענאַרט, ענ־טוישט. און פון דער צווייטער שיפעל, ניט אָברייסענדיג די אויגען, קוקט אויף איהם זיין יונג ווייבעל און גלויבט, אז ער איז „א דאָרפי־פישער כלל טהוער," גראדע אזוי ווי אין א יאָהר ארום, וועט זי גלוי־בען, אז די ארבייט אויף'ן דאָרף איז גאָרנישט ווערטה.

און אָט איז א פולער, ריין־ראזירטער הערר, אין א שטרויענער הוט מיט א ברייטער באנד און א טהייערען סיגאר אין מויל. יענער ליעבט צו זאָגען: „עס איז אונז שוין צייט צו וואַרפען די פאַנטאַ־זיעס און זיך נעהמען עפּעס טהאָן!" ביי איהם געפינען זיך ענגלישע שווייגען, זעלטענע ביהנשטאָקען, אַנאַנאַסען, א אוילפאַבריק און עס ווערט געפיהרט א צווייערליי איטאַליענישע בוכהאלטעריי. אבער יע־דען זומער פערקויפט ער זיין וואלד אויף האָלץ און פערזעצט זיין ערד שטיקערווייז, אבי נור צו קענען אין יעסען־צייט פאָהרען מיט זיין געליעבטער אין קרים.

און אָט איז דער פעטערל ניקאָלאַי ניקאָלאַאיטש, וועלכער איז אזוי בייז אויף איהר מאַן און פון דעסטוועגען פאָהרט ער עפּעס אויך ניט אוועק אהיים!..

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האט געוואָרפען א בליק אויף אנדערע שיפ־לאך און איבעראל האט זי געזעהן נור אונאינטערעסאַנטע, צודרומ־שקעטע, פאַלשע און נארישע מענשען. זי האט זיך דערמאָנט אָן אלע־מען, וועמען זי האט נור געקענט אין איהר דיסטריקט, אבער בשום אופן האט זי זיך נישט געקענט דערמאָנען כאָטש אויף איין איינציגען מענשען, אויף וועמען זי זאָל קענען זאָגען א גוט וואָרט.

אלע האבען זיך איהר אויסגעוויזען אונפעהיג, בלאַס, נאַריש, פאַלש און הערצלאָז; אלע האבען גערעדט ניט דאס וואס זיי האבען געמיינט און געטהאָן ניט דאס, וואס זיי האבען געוואָלט.

לאַנגווייליגקייט און פערצווייפלונג האבען זי געשטיקט; איהר

האט זיך געוואָלט אויפהערען שמייכלען, אויפשפּרינגען און א גע־שריי טהאָן: „איהר האט מיר דערעסען!" און דערנאָך ארויסשפּרינ־גען פון שיפעל און אוועקפאָהרען צום ברעג.

— מיינע הערשאַפטען, לאָמיר נעהמען פּיאָטער דמיטריטש'ען אויפ'ן בוקסיר! — האט עמעצער א געשריי געטהאָן.

— אויפ'ן בוקסיר! אויפ'ן בוקסיר! — האבען אונטערגעכאַפּט די איבעריגע — אָלגא מיכאַילאָוונא, נעהמט אייער מאַן אויפ'ן בוקסיר!

אום צו טהאָן, וואס מען האט פון איהר פערלאַנגט, האט אָלגא מיכאַילאָוונא, וועלכע איז געזעסען ביים רודער, געמוזט ניט דורכ־לאָזען דעם ריכטיגען מאָמענט און אָנכאַפּען די „פּענדעראַקליע" פאר'ן קייט ביי דער נאָז. ווען זי האט זיך איינגעבויגט נאָך דער קייט, האט פּיאָטער דמיטריטש זיך א קרים געטהאָן און צושראָקען זי אָנגע־קוקט.

— דו זאָלסט זיך דאָ כאָטש נישט פערקיהלען! — האט ער געזאָגט.

— אויב דו האָסט מורא פאר מיר און פאר'ן קינד, טאָ פאַרוואס מוטשעסטו מיך אזוי? — האט א טראַכט געטהאָן אָלגא מיכאַי־לאָוונא.

פּיאָטער דמיטריטש האט איינגעזעהן, אז ער איז בעזיעגט און, נישט וועלענדיג שווימען אויפ'ן בוקסיר, איז ער אראָבגעשפּרונגען פון זיין שיפעל אין אן אַנדערער, וועלכע איז אָהן דעם אויך געווען פול געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען. אריינגעשפּרונגען איז ער אזוי אונ־פאָרזיכטיג, אז די שיפעל האט זיך שטאַרק אויסגעבויגט און אלע האבען גענומען שרייען פאר שרעק.

— דאס איז ער אזוי געשפּרונגען אום צו געפעלען די פרויען — האט א טראַכט געטהאָן אָלגא מיכאַילאָוונא — ער ווייס, אז דאס איז שעהן...

פּלוצים האט זי דערפיהלט, ווי איהר גאַנצער קערפּער, די הענד און פיס טרייסלען זיך ביי איהר און זי האט געטראַכט, אז דאס איז אודאי אויס לאַנגווייליגקייט, פערדרוס, מחמת דעם אָנגעשטרענגטען שמיי־כעל און דער אונבעקוועמער לאַגע, אין וועלכער זי האט זיך געפונען אין שיפעל. און אום צו בעהאַלטען פון די געסט דאס דאָזיגע ציי־

טערען, האט זי זיך געסטארעט ריידען העכער, לאַכען, בעוועגען זיך...

— אז איך זאָל זיך פּלוצים צוואווינען — האט זי געטראַכט — וועל איך זאָגען, אז מיר טהוען די צייהן וועה...

צום סוף זיינען די שיפלאך צוגעקומען צום אינזעל פון „גוטער האָפנונג," אזוי האט געהייסען יענער האלב־אינזעל, וועלכער איז ענטשטאַנען דערפון, וואס דער טייך האט זיך אריינגעקעהרט אין א שפּיציגען ברעג. אויף דעם דאָזיגען ברעג איז געווען א געדיכטער וועל־דעל פון בירקען־בוימער, דעמבעס, ווערבעס און טאָפּאָל־בוימער. אונ־טער די בוימער זיינען שוין געשטאַנען טישען, פון די סאמאָווארען האט געשלאָגען א רויך און ארום די געשיר האבען געפּאַרעט וואסילי און גריגאָרי אין זייערע פּראַקען און די ווייסע, געשטריקטע הענד־שקעס.

אויפ'ן צווייטען ברעג, אנטקעגען „דער גוטער האָפנונג" זיינען געשטאַנען עקיפּאַזשען מיט עסענוואַרג. פון דאָרט האט מען די קערב און פּעק מיט שפּייזען אריבערגעפיהרט צום אינזעל אין א קליין שי־פעל, וואס איז עהנליך געווען צו דער „פּענדעראַקליע." ביי די לאַקעיען, די פוהרמאַנעס און אפילו ביים פּויער, וועלכער איז געזעסען אין שי־פעל, איז דער אויסדרוק פון די פּנים'ער געווען א פּרעהליכער, א יום טוב'דיגער, אזעלכער, ווי עס קען נאָר זיין ביי קינדער און דער די־נערשאַפט.

בעת אָלגא מיכאַילאָוונא האט פּערקאָכט טהעע און אָנגעגאָסען די ערשטע גלעזער, האבען די געסט דערווייל א נאַש געטהאָן פון די נאַליווקעס און אנדערע זיסיגקייטען.

דערנאָך האט זיך אויפגעהויבען א טומעל, ווי עס פּאסירט גע־וועהנליך אויף אַלע פּיקניקס אין צייט פון טהעע טרינקען, א טומעל, וועלכער איז לאַנגווייליג און מאַטערט אוים די בעל הבית'טע. גריי־נאָרי און וואסילי האבען נאָך ניט אוספּעיעט פּארנאַנדערטראָגען טהעע ווי פון אלע זייטען האבען זיך שוין ווידער צו אָלגא מיכאַילאָוונא'ן געצויגען הענד מיט לעדיגע גלעזער. איינער האט געבעטען צוקער, אַן אנדערער — שטאַרקערען טהעע, א דריטער — עפּעס אנדערעס, א פיערטער האט געדאַנקט. און דאס אַלעס האט אָלגא מיכאַילאָוונא געמוזט געדענקען און אַלעמען צופריעדען שטעלען.

אָן דער זייט פון טיש האבען ארומגעבלאָנדזשעט, ווי די שאָטענס, אומעדיגע פיגורען און האבען געמאַכט אַן אָנשטעל, אז זיי זוכען בלומרשט שוועמלאַך אין גראָז, אדער זיי לייענען די אויפשריפטען אויף די קערבעלאַך. דאס זיינען געווען די יעניגע, פאר וועמען עס האט אויסגעפעהלט גלעזער.

— איהר האט שוין געטרונקען טהעע? — האט געפרעגט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, און דער ביי וועמען זי האט עס געפרעגט, האט געבעטען, מען זאָל זיך נישט בעאונרוהיגען און פערזיכערט, אז ער קען ווארטען, כאָטש פאר דער בעל הבית'טע וואָלט א סך בעסער און בעקוועמער געווען, ווען די געסט זאָלען נישט ווארטען, נור זאָלען זיך אביסעל צואיילען.

מאנכע פון זיי, פערנומען מיט א געשפּרעך, האבען זייער טהעע געטרונקען לאַנגזאַם און די גלעזער פערהאַלטען צו האלב שעה, אַנדערע ווידער, הויפּטזעכליך אזעלכע, וואס האבען צום מיטאָג א סך געטרונקען, האבען נישט אָבגעטראָטען פון'ם טיש און געטרונקען איין גלאָז נאָך דעם אנדערן, אזוי, אז אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האט קוים צייט געהאַט אָנצופילען די גלעזער.

איינער, א יונגער מאַן, א וויצלינג, האט געטרונקען ניט קיין זיסען טהעע, האט צוגעביסען דעם צוקער און אַלץ גערעדט: „איך, זינדיגער מענש, האט ליעב צו חיות'ן זיך מיט דאס כינעזישע גרעזעל.״ — און אלע ווייִלע האט ער מיט א טיעפען זיפץ געבעטען: — „גיט מיר נאָך א גלעזעלע!״ געטרונקען האט ער א סך, דעם צוקער האט ער געבראָמשקעט אין דער הויף און האט דערביי געטראכט, אז דאס איז קאָמיש, אָריגינעל און, אז ער מאַכט אויסגעצייכענט נאָך די סוחרים.

קיינער האט נישט פערשטאַנען, אז די דאָזיגע אַלע קליינינקייטען זיינען געווען א אמת'ע אָבקומעניש פאר דער בעל הבית'טע, און עס איז טאַקע אויך שווער געווען צו פערשטעהן, ווייל אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האט די גאַנצע צייט פריינדליך געשמייכעלט און געפּלוידערט נארישקייטען.

און געפיהלט האט זי זיך זעהר נישט גוט... עס האבען זי גערייצט די פיעלע מענשען, דאס געלעכטער, די פראַגען, דער וויצלינג, די צומישטע און צומאַטערטע לאַקעיען, די קינדער, וועלכע

האבען זיך ארומגעדרעהט ארום טיש; איהר האט צורייצט, וואס וואָטא איז עהנליך צו גאָטא׳ן, קאָליא צו מיטאַ׳ן, און וואס מען קען בשום אופן נישט דערגעהן קיין טאָלק, ווער פון זיי האט שוין גע־טרונקען טהעע און ווער נישט. זי האט געפיהלט, ווי איהר אָנגע־שטרענגטער און פריינדליכער שמייכעל פערוואַנדעלט זיך אין א שלעכטען אויסדרוק, און יעדע מינוט האט זיך איהר געדאכט, אז זי וועט זיך גלייך צואוויינען.

— מיינע הערראשאפטען, עס געהט א רעגען! — האט עמעצער א געשריי געטהאָן.

אַלע האבען גענומען קוקען אויף דעם הימעל.

— יאָ, ווירקליך, א רעגען... — האט אונטערשטיצט פּיאָטער דמיטריטש און זיך אָבגעווישט די באַק.

פון הימעל זיינען אראָבגעפאלען נור עטליכע טראָפּען, קיין אמת׳ער רעגען איז נאָך נישט געוועזן, אבער די געסט האבען געוואָר־פען זייער טהעע און גענומען איילען זיך.

פון אָנהויב האבען אַלע געוואָלט פאָהרען אין עקיפּאַזשען, דער־נאָך האבען זיי זיך איבערלעגט און זיינען אוועק צו די שיפלאָך.

אונטער דעם אויסרייד, אז זי מוז שנעלער פאָהרען, כדי צו בע־זאָרגען דעם אָבענד־מאָהלצייט, איז אָלגאַ מיכאילאָוונאַ אָבגעשטאַנען פון דער געזעלשאפט און איז אוועק אהיים אין אַן עקיפּאַזש.

זיצענדיג אין עקיפּאַזש, האט זי פריהער פון אַלץ געלאָזט אָב־רוהען איהר פּנים פון דעם שמייכעל. מיט א בייזען, שלעכטען פּנים איז זי געפאָהרען איבער׳ן דאָרף און מיט א בייזען פּנים האט זי גע־ענטפערט אויף די גרוסען פון די פּויערים, וועלכע זי האט געטראָפען אויפ׳ן וועג.

געקומען אהיים, איז זי דורכגעגאַנגען דורך די הינטערשטע טרעפּ צו זיך אין שלאָף־צימער און האט זיך צוגעלעגט אויף דעם מאַן׳ס בעט.

— גאָט מיינער — האט זי געשעפּטשעט — צו וואס טויג אָט די דאָזיגע קאַטאָרזשנע ארבייט? צו וואס דרעהען זיך דאָ ארום די מענשען און מאַכען אַן אָנשטעל, אז זיי איז פרעהלאָך? פארוואס שמייכעל איך און זאָג ליגען? איך בעגרייף נישט, איך פערשטעה נישט!

עס האבען זיך דערהערט טריט און שטימען. דאס האבען זיך אומגעקעהרט די געסט.

— זאָלען זיי — האט א טראכט געטהאָן אָלגא מיכאַילאָוונא — איך וועל נאָך ליגען א ווייל.

אבער אין שלאָפצימער איז אריין די דיענסט און געזאָגט:

— מאַמדאַם, מאַריא גריגאָריעוונא, פאָהרט אוועק!

אָלגא מיכאַילאָוונא איז אויפגעשפרונגען, האט פעררינכט איהרע האָאָר און איז, איילענדיג זיך, ארויס פון שלאָפצימער.

— מאַריא גריגאָריעוונא, וואס טהוט זיך דאס מיט אייך? — האט זי אָנגעהויבען מיט א בעלייריגטען קול, געהענדיג אנטקעגען דעם גאַסט — וואוהין איילט איהר זיך דאס אזוי?

— שוין צייט, טייבעלע מיינס, שוין צייט! איך האב זיך דאָ שוין אזוי אויך פארזעסען. אין דער היים ווארטען אויף מיר די קינדער.

— איהר זייט גאָרנישט קיין גוטע! פארוואס האט איהר די קינדער נישט גענומען מיט זיך?

— ווען איהר וועט עס ערלויבען, מיין ליעבע, וועל איך אייך ברענגען די קינדער אָן אנדערש מאָל, אין א מיטען-וואָך, היינט אבער...

— אך, ביטטע — האט זי אונטערבראָכען אָלגא מיכאַילאָוונא — עס וועט מיך זעהר פרעהען! אייערע קינדער זיינען אזעלכע ליעבינקע! קושט זיי אַלעמען פאר מיר... נור, ווירקליך, איהר בעליידיגט מיך! צו וואס זיך אזוי איילען, איך פערשטעה ניט!

—ס'איז צייט, ס'איז צייט... גוט נאַכט, מיין ליעבע. גיט אַכטונג אויף זיך. איהר זייט דאָך איצט אין אזא צושטאַנד....

און ביידע האבען זיך געקושט.

בעגלייט דעם גאַסט ביז צום קאַוטש, איז אָלגא מיכאַילאָוונא אוועק אין גאַסטצימער צו די דאַמען. דאָרט איז שוין געווען אָנגעצונדען פייער, און די מענער האבען זיך געזעצט שפּיעלען אין קאָרטען.

4

נאָך דעם אָבענד־מאָהלצייט, ארום א פערטעל נאָך איינס, האָבען זיך די געסט גענומען פונאנדערפאָהרען. אָלגא מיכאַילאָוונא איז ארויס אויפ'ן בריקעל בעגלייטען די געסט און האט גערעדט:

— ווירקליך, איהר וואָלט מיטגענומען א שאַל! עס ווערט קיהל

— איהר וועט זיך נאָך, גאָט זאָל היטען, פערקיהלען!

— בעאונרוהיגט זיך נישט, אָלגא מיכאַילאָוונא! — האבען געענטפערט די געסט, איינזעצענדיג זיך אין די קארעטען — נו, א גוטע נאַכט! געדענקט, מיר ערוואַרטען אייך ביי אונז! נאַרט אונז נישט אָב!

— טפּפּרר! — האט א קוטשער איינגעהאַלטען די פערד.

— טרייב אָן, דעניס! גוט נאַכט, אָלגא מיכאַילאָוונא!

— קושט די קינדער פון מיינעטוועגען!

דער קאָוטש האט זיך גערירט פון'ם אָרט און איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש. אין דעם רויטען שיין, וואס דער לאָמפּ האט געוואָרפען אויף דעם וועג, האבען זיך גלייך בעוויזען נאָך א פּאָאַר, אדער דריי אונגעדולדיגע פערד און א פיגור פון א קוטשער מיט אויסגעצויגענע הענד אין פאָראויס.

ווידער האט זיך אָנגעהויבען דאס קושען זיך, פאַרווירפע און ביטעס צו קומען נאָך אמאָל אדער צו נעהמען א שאַל.

פּיאָטער דמיטריטש איז ארויסגעלאָפען פון פירהויז און האט נעהאָלפען די דאמען זיך צו זעצען אין קאָוטש.

— דו פאָהר אצינד דורך יעפרעמאָווּשצינע — האט ער געלערנט דעם קוטשער — דורך מאַנקינאָ איז נעהנטער, אבער דאָרט איז דער וועג אַן ערגערער. דו קענסט נאָך אמאָל אויסקעהרען זיך מיט'ן קאָוטש מיט אַלעמען... גוט נאַכט, מיין רייצענדע! פיעל קאָמפּלימענטען צו אייער מאַהלער!

— גוט נאַכט, מיין טהייערע אָלגא מיכאַילאָוונא! געהט אריין אין הויז, איהר קענט זיך נאָך צוקיהלען! ס'איז פייכט!

— וואס זיינען דאס ביי אייך פאַר פערד? — האט געפרעגט פּיאָטער דמיטריטש.

— דאס האבען מיר נישט לאַנג געקויפט ביי באידאראָוו'ן — האט געענטפערט דער קוטשער.

— וואוילינקע פערדלאַך...

און פיאָטער דמיטריטש גלעט די פערדלאַך איבער די רוקענס.

— נו, ריהר זיך! זאָל גאָט געבען, אין א גוטער שעה!

אויפ'ן סוף איז דער לעצטער גאסט אוועקגעפאָהרען. דער רויטער שיין אויף דעם וועג האט זיך גענומען וויגען, איז אוועקגעשוואומען אָן א זייט, איז געוואָרען שמאָל און פארלאָשען זיך — דאס האט וואסילי אוועקגעטראָגען פון באלקאָן דעם לאָמפּ.

אין פריהערדיגע צייטען, בעגלייטענדיג די געסט, פלעגט מאן און ווייב יעדעס מאָל נעהמען שפרינגען אין זאאַל איינער פאר דעם אנדערען, פּאטשען אין די הענד און זינגען: „זיי זיינען אוועקגע־פאָהרען! אוועקגעפאָהרען! אוועקגעפאָהרען!“ אצינד אבער איז דאס אָלגא מיכאילאָוונא'ן נישט געלעגען אין זינען. זי איז אוועק אין שלאָפצימער, האט זיך אויסגעטהאָן און אין בעט געלייגט.

איהר האט זיך געדאכט, אז זי וועט גלייך אנשלאָפען ווערען און וועט שלאָפען זעהר פעסט. די פיס און די אקסלען האבען איהר שטארק געצויגען, דער קאָפּ איז שווער געווען פון דעם סך רעדען, און אין גאנצען קערפּער האט זיך, ווי פריהער, געפיהלט א מאָדנע מין אונבעקוועמליכקייט.

צוגעדעקט זיך איבער'ן קאָפּ, איז זי א מינוט דריי געלעגען רו־היג, דערנאָך האט זי ארויסגעקוקט פון אונטער דער דעקע אויפ'ן לעמפּעל, האט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט און א שמייכעל געטהאָן.

— אוי גוט, גוט... — האט זי געשעפּטצעט און אונטערגעבוי־גען די פיס, וועלכע זיינען לענגער געוואָרען, ווי עס האט זיך איהר געדאכט, פון דעם סך ארומגעהן — שלאָפען, שלאָפען...

די פיס האבען זיך עפּעס נישט גוט איינגעלעגט, דער גאנצער קערפּער האט זיך געפיהלט אונבעקוועם און זי האט זיך איבערגע־קעהרט אויף דער צווייטער זייט.

איבער דעם שלאָפצימער איז מיט א הוזשען געפלויגען א גרויסע פליג און האט זיך אונרוהיג געקלאפּט אָן סופיט.

עס האט זיך אויך געהערט, ווי גריגאָרי און וואסילי, טרעטענדיג

פאַרזיכטיג, ראַמען אויף אין זאַאַל די טישען. אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ'ן האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט דאַן וועט זי קענען איינשלאָפען און איהר וועט ווערען בעקוועם, ווען די דאָזיגע אַלע קלאַנגען וועלען איינגעשטילט ווערען. און ווידער האָט זי זיך אונגעדולדיג איבערגעקעהרט אויף דער אַנדערער זייט.

פון גאַסטצימער האָט זיך דערהערט דעם מאַן'ס קול. עמעצער האָט זיך געמוזט אָבשטעלען נעכטיגען, ווייל פּיאָטער דמיטריטש האָט זיך צו עמעצען געווענדעט און גערעדט הויך, אויף אַ קול.

— איך וועל נישט זאָגען, אַז גראַף אַלעקסעי פּעטראָוויטש איז אַ פאַלשער מענש. נור נישט ווילענדיג זעהט ער אויס אַזוי צו זיין, ווייל איהר אַלע סטאַרעט זיך צו זעהן אין איהם ניט דאָס, וואָס ער איז אין דער ווירקליכקייט. אין זיינע משונה'דיגע שטיק זעהט איהר אַן אָריגינעלען פערשטאַנד, אין דעם פערטרויטען אומגאַנג מיט מענשען — גוטמוטהיגקייט און דערפאַר, וואָס ער האָט קיין שום אַנשויאונגען נישט, האַלט איהר איהם פאַר אַ קאָנסערוואַטאָר. לאָמיר שוין אפילו צוגעבען, אַז ער איז ווירקליך אַ קאָנסערוואַטאָר פון דער פיער און אַכציגסטער פּראָבע, טאָ וואָס איז דערפון געדרונגען? וואָס איז אייגענטליך אין גאַנצען דער קאָנסערוואַטיזמוס?

פּיאָטער דמיטריטש, וועלכער איז געווען אין כעס אי אויף דעם גראַף, אי אויף די געסט, אי אויף זיך אליין, האָט זיך איצט געקיהלט מיט בייזע רייד. ער האָט געזידעלט דעם גראַף און די געסט און פאַר כעס אויף זיך אליין, איז ער בערייט געווען צו זאָגען און פערדיגען אַלעם אין דער וועלט.

בעגלייט דעם גאַסט, איז ער נאָך אַ ווײַלע ארומגעגאַנגען איבער'ן גאַסטצימער, פון איין ווינקעל אין דעם אַנדערן, און איז דערנאָך אריין אין שלאָפצימער.

אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ איז געלעגען אויף דעם רוקען, צוגעדעקט מיט דער דעקע ביז'ן גאַרטעל (איצט איז איהר שוין געווען הייס) און האָט מיט אַ בייזען פּנים נאָכגעקוקט דער פליעג, וועלכע האָט געקלאַפּט איבער'ן סופית.

— עמעצער איז דען געבליעבען נעכטיגען? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ. יעגאָראָוו.

פּיאָטער דמיטריטש האט זיך אויסגעטהאָן און געלעגט אויף זיין בעט. ער האט שווייגענדיג פאררויכערט א פּאַפּיראָס און האט אויך געגומען נאָכקוקען דער פליעג. זיין בליק איז געווען בייז און אונ־רוהיג.

א מינוט פינף האט אָלגאַ מיכאילאָווגאַ שווייגענדיג געקוקט אויף זיין שעהנעם פּראָפיל. עפּעס האט זיך איהר אויסגעדאַכט, אז ווען דער מאַן זאָל זיך פּלוצים אומקעהרען צו איהר מיט'ן פּנים און זאָגען: „אָליאַ, מיר איז שווער אויפ'ן הארצען!" דאַן וואָלט זי זיך צואווייגט אדער צולאַכט, און איהר וואָלט גרינגער געוואָרען. זי האט געטראַכט, אז די פיס ברעכען איהר און דער גאַנצער קערפּער פּיהלט זיך אזוי אונבעקוועם, ווייל איהר נשמה איז צו פיעל אָנגעשטרענגט.

— פּיאָטער, וועגען וואס טראַכסטו? — האט זי געפרעגט.

—אזוי, פון גאָרנישט... — האט געענטפערט דער מאַן.

— אין דער לעצטער צייט, האָסטו גענומען פון מיר עפּעס בע־האַלטען, האָסט עפּעס אזעלכע געהיימניסע. דאס איז נישט גוט.

— פארוואס איז דאס נישט גוט? — האט געענטפערט פּיאָטער דמיטריטש טרוקען — יעדער פון אונז האט זיך זיין בעזונדער, פּער־זענליך לעבען, דערפאר מוזען אויך זיין פּערזענליכע געהיימניסע.

— פּערזענליך לעבען, געהיימניסע... דאס זיינען אלץ ווערטער. פערשטעה דאָך, אז דו בעליידיגסט מיך! — האט געזאָגט אָלגאַ מי־כאילאָווגאַ. האט זיך אויפגעהויבען און אויפגעזעצט אין דער בעט— אויב דיר איז שווער אויפ'ן הארצען, טאָ פארוואס בעהאַלטסטו דאס פון מיר? און ווארום איז דיר בעקוועמער צו זיין אָפענהערציג מיט פרעמדע פרויען, ווי מיט דיין אייגען ווייב? איך האב דאָך געהערט, ווי דו האָסט היינט אויף דעם פעלד זיך צוגאָסען פאר ליובאָטשקאַ'ן.

— נו, מזל טוב דיר. איך גראַטוליר. עס פרעהט מיך זעהר, וואס דו האָסט געהערט.

דער טאָן, די ארט און ווייזע, ווי ער האט עס געזאָגט, האט מען גערדאַרפט פערשטעהן אויף אזאַ אופן: לאָז מיך צורוה, שטער מיר נישט צו טראַכטען.

אָלגאַ מיכאילאָווגאַ איז געוואָרען אויסער זיך. פערדרוס, האס און כעס, וועלכע האבען זיך אָנגעקליבען אין פערלויף פון דעם גאַנ־צען טאָג, האבען פּלוצים געגומען זידען אין איהר; איהר האט זיך

פערוואָלט גלייך אויפ'ן אָרט, ניט אָבלייגענדיג אויף מאָרגען, ארויס־זאָגען דעם מאַן אַלעס, אַלעס, וואס זי טראַכט פון איהם, איהם בעליי־דיגען, זיך מיט איהם אָברעכענען... אַנשטרענגענדיג זיך נישט צו שרייען, האט זי געזאָגט:

— דאַן זאָלסטו וויסען, אז דאס אַלעס איז העסליך, העסליך און העסליך! היינט א גאַנצען טאָג האב איך דיך געהאַסט — אָט וואס דו האָסט אָנגעמאַכט!

פיאָטער דמיטריטש האט זיך אויך אויפגעהויבען און אוועק־געזעצט.

— העסליך, העסליך, העסליך! — האט ווייטער גערעדט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, און גענומען ציטערען מיט'ן גאַנצען קערפּער — האָסט מיר נישט מיט וואס צו גראַטולירען! גראַטוליר בעסער זיך אליין! א חרפּה און א שאַנדע! דו האָסט אָנגערעדט אזוי פיעל ליגענס, אז דו שעהמסט זיך צו בלייבען מיט דער ווייב אין איין צימער! פאַלשער מענש דו! איך זעה דיך דורך און פערשטעה דיין יעדען טריט!

— אָליא, ווען דו ביזט נישט גוט אויפגעלעגט, זאָלסטו מיר לאָ־זען וויסען פריהער. דאַן וועל איך שלאָפען אין קאַבינעט.

געזאָגט עס, האט פיאָטער דמיטריטש גענומען א קישען און איז ארויס פון'ם שלאָפצימער.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האט זיך אויף דעם נישט געריכט. עטליכע מינוט איז זי געזעסען שטיל, מיט אַן אָפענעם מויל און ציטערענדיג מיט דעם גאַנצען קערפּער, האט זי געקוקט אויף דער טהיר, הינטער וועלכער איהר מאַן איז פערשוואונדען און זיך געסטאַרעט צו פער־שטעהן, וואס דאס מיינט. צו איז דאס איינער פון יענע גאַנגען, מיט וועלכע עס בענוצען זיך אלע פאַלשע מענשען, ווען זיי פיהלען, אז זיי זיינען אונגערעכט, אדער דאס איז א גוט ארומגעטראַכטע בעליי־דיגונג? ווי זאָל זי עס פערשטעהן?

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האט זיך דערמאָנט אַן איהר שוועסטער־קינד, אַן אָפיציער, א פרעהלאַכער יונג, וועלכער פלעגט איהר אָפט מיט א געלעכטער דערצעהלען, „אז ווען זיין פלונית'טע נעהמט איהם ביי דער נאַכט עסען דעם לעבער," דאַן נעהמט ער געוועהנליך א קי־שען, געהט אוועק אונטערפייפענדיג צו זיך אין קאַבינעט און דאס

וויב בלייבט איבער אין א נארישער, לעכערליכער לאגע. דער דאָזי־נער אָפיציער איז פערהייראַטה מיט א רייכער, אבער זעהר נארישער און קאפריזנער פרוי, וועלכער ניט ער ליעבט, ניט ער אכטעט.

אָלגא מיכאילאָוונא איז אויפגעשפרונגען פון בעט. נאָך איהר מיינונג נאָך, איז איהר איצט פערבליעבען נור איין זאך צו טהאָן: זיך וואס גיכער אָנטהאָן און אויף אימער אוועקפאָהרען פון דיעזער הויז. דאס הויז איז אפילו געווען איהר אייגענע, נור דאס וועט זיין נאָך ערגער פאר איהר מאַן.

ניט לאנג טראכטענדיג, איז זי שנעל אוועק אין קאבינעט, אי־בערצוגעבען דעם מאן איהר בעשלוס („ווייבערשע לאָגיק! — איז איהר דורכגעפלויגען אין די גדאנקען) און פאר'ן אָבפאָהרען איהם גוט אויסזידלען, בעליידיגען איהם...

פיאָטער דמיטריטש איז געלעגען אויף דער זאָפע און געמאכט אן אָנשטעל, ווי ער לעזט א צייטונג. נעבען איהם אויף א שטוהל האט געברענט א ליכט. צוליעב דער צייטונג האט מען נישט געקענט זעהן זיין פנים.

— איהר וועט אזוי גוט זיין, מיר ערקלערען, וואס דאס מיינט? איך פרעג אייך, איך וויל וויסען!

— אייך... — האט איהר איבערגעמישט פיאָטער דמיטריטש, ניט ווייזענדיג זיין פנים — עס האט מיר דערעסען, אָלגא! עהרען־וואָרט, איך בין מיעד און מיר קריכט עס איצט אין קאָפּ נישט... מאָרגען וועלען מיר זיך זידלען.

— ניין, איך פערשטעה דיך אויסגעצייכענט! — האט ווייטער גערעדט אָלגא מיכאילאָוונא — דו האססט מיך! יאָ, יאָ! דו האססט מיך דערפאר, וואס איך בין רייכער פון דיר! דו וועסט עס מיר קיין מאָל נישט פערגעבען און וועסט מיר אימער ליגען! („ווייבערשע לאָגיק!" — האט זיך ווידער דורכגעטראָגען אין איהרע גדאנקען) איך וויים, אז דו לאכסט אצינד פון מיר... איך בין זאָגאר איבער־צייגט, אז דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט אויך נור דערפאר, אום אריינצוקריעגען מיין פערמעגען און האבען א סך פערד... אָך, ווי אונגליקליך איך בין!

פיאָטער דמיטריטש האט איינגעלאָזט די צייטונג און זיך אויפ־געהויבען. די אונערווארטעטע בעליידיגונג האט איהם צומישט. ער

האט קינדערש־הילפלאַז א שמייכעל געטהאָן, האט צומישט אַ קוק גע־טהאָן אויף דער װייב און, װי פערטהיידיגענדיג זיך פון קלעפּ, האט ער אויסגעצויגען צו איהר די הענד און געזאָגט מיט געבעט:

— אָליא!

און ערװאַרטענדיג, אז װעט זאָגען נאָך עטװאס שרעקליכעס, האט ער זיך צוגעדריקט צום װענטעל פון דער זאָפע און זיין גאַנצע גרויסע פיגור האט אויך גענומען אויסזעהן אזוי קינדערש־הילפלאַז, װי זיין שמייכעל.

—אָליא, װי אזוי האָסטו געקענט ארויסברענגען פון מויל אזא זאך? — האט ער אויסגעמורמעלט.

אָלגא מיכאַילאָװנא איז געקומען צו זיך. זי האט פּלוצים דער־פיהלט איהר משוגענע ליעבע צו דעם דאָזיגען מענשען, האט זיך דערמאָנט, אז ער איז איהר מאַן, אָהן װעלכען זי קען קיין איין טאָג ניט איבערלעבען, און װעלכער ליעבט איהר אויך אזוי משוגע. זי האט זיך צואװיינט אין דער הויך, נישט מיט איהר קול, האט זיך אָנגע־כאַפּט פאר'ן קאָפּ און איז אװעקגעלאָפען צוריק צו זיך אין שלאָפ־צימער.

זי איז געפאַלען אויף דער בעט און היסטערישע שלוכצען, װעל־כע שטערען צו אָטהעמען און דרעהען צונויף די הענד מיט די פיס, האבען פערהילכט דעם שלאָפצימער. דערמאָנט זיך, אז מיט דריי־פיער צימערען װייטער נעכטיגט א גאַסט, האט זי בעהאַלטען דעם קאָפּ אונטער דער קישען, אום צו דערשטיקען דאס שלוכצען. די קישען האט זיך אבער אראָבגעקייקעלט אויף די פּאָדלאָגע, און זי אליין איז אויך שיעור נישט אראָבגעפאַלען, װען זי האט זיך איינגעבויגט זי אויפצוהויבען. זי האט א שלעפּ געטהאָן צו זיך די דעקע און געװאָלט פארדעקען דאס פּנים, איהרע הענד האבען זיך אבער נישט געפאָלגט און האבען נערװעז געריסען אלעס, פאר װאס זיי האבען זיך אָנ־געכאַפּט.

איהר האט זיך געדאַכט, אז אלעס איז שוין פערלאָרען, אז דעם ליגען, װאס זי האט געזאָגט, אום צו בעליידיגען איהר מאַן, האט אין שטיקער צושמעטערט איהר גאַנץ לעבען. דער מאַן װעט איהר דאס קיין מאָל נישט פערגעבען. די דאָזיגע בעליידיגונג איז אזוי שטאַרק, אז מען קען עס שוין נישט פערגלעטען נישט מיט קיין לאַסקעס און

נישט מיט קיין שבועות... ווי אזוי וועט זי איבערצייגען דעם מאַן, אז זי האט אליין נישט געגלויבט אין דעם, וואס זי האט געזאָגט?

— געענדיגט, אלעס איז געענדיגט! — האט זי געשריען, נישט בעמערקענדיג, אז די קישען האט זיך ווידער אראָבגעקייקעלט אויפ'ן פאָל — אום גאָטעס ווילען, אום גאָטעס ווילען!

אויפגעוועקט פון איהרע געשרייען, האבען זיך שוין אודאי אויפ־געכאַפּט אי די געסט, אי די דיענערשאַפט; מאָרגען וועט מען אין גאַנצען דיסטריקט וויסען, אז זי האט געהאַט א היסטעריקע און אלע וועלען דערפאר בעשולדיגען פּיאָטער דמיטריטש'ען. זי האט אָנגע־שטרענגט אלע איהרע קרעפטען זיך איינצוהאַלטען, אבער דאס שלוכ־צען איז וואס א מינוט אלץ העכער און העכער געוואָרען.

— אום גאָטעס ווילען! — האט זי געשריען נישט מיט איהר קול און האט נישט פערשטאַנען פארוואס זי שרייט עס — אום גאָ־טעס ווילען!

איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז די בעט אונטער איהר איז איינ־געפאַלען און די פיס האבען זיך פערפּלאָנטעט אין דער דעקע.

אין שלאָפצימער איז אריין פּיאָטער דמיטריטש אין א שלאָף־ראָק און מיט א ליכט אין האנד.

— אָליא, גענוג! — האט ער געזאָגט.

זי האט זיך אויפגעהויבען און שטעהענדיג אין דער בעט אויף די קניע, זשמורענדיג זיך פאר דער ליכט, האט זי שלוכצענדיג ארויס־גערעדט:

— פערשטעה דאָך... פערשטעה...

— נאַ, טרינק אויס! — האט ער געזאָגט און איהר דערלאַנגט וואסער.

זי האט געהאָרכזאַם גענומען דאס גלאָז און געוואָלט טרינקען, נור דאס וואסער האט זיך פערכליופּעט און זיך גענומען גיסען איהר אויף די הענד, אויף דער ברוסט, די קניע... „איך מוז איצט אודאי זיין שרעקליך העסליך!" — האט זי געטראַכט.

פּיאָטער דמיטריטש האט זי שווייגענדיג אריינגעלייגט אין בעט און צוגעדעקט מיט דער דעקע, דערנאָך האט ער גענומען דאס ליכט און איז ארויס.

— אום גאָטעס ווילען! — האט ווידער א געשריי געטהאָן אָלגא מיכאילאָוונא — פיאָטער, פערשטעה דאָך, פערשטעה!

פלוצים האט איהר עפּעס צוזאַמענגעדריקט אונטען אין בויך און אין רוקען מיט אזא קראַפט, אז איהר געוויין האט זיך איבערגעריסען, און זי האט פאר וועהטאָג געגומען בייסען די קישען. אבער דער וועה־טאָג האט זי באַלד אָבגעלאָזט און זי האט ווידער גענומען שלוכצען.

עס איז אריינגעקומען די דיענסט, און פעררעכטענדיג אויף איהר די דעקע, האט זי פערזאָרגט געפרעגט:

— מאַדאַמוניו, וואס איז מיט אייך?

— טראָגט זיך אָב פון דאַנען! — האט שטרענג געזאָגט פּיאָטער דמיטריטש, צוגעהענדיג צו דער בעט.

— פערשטעה דאָך, פערשטעה... — האט אָנגעהויבען אָלגא מיכאילאָוונא.

— אָליא, איך בעט דיך, בערוהיג זיך! — האט ער געזאָגט — איך האב דיך נישט געוואָלט בעליידיגען. איך וואָלט נישט אוועק פון שלאָפצימער, ווען איך זאָל וויסען, אז דאס וועט אזוי ווירקען אויף דיר. מיר איז איינפאַך געווען שווער. איך זאָג דיר, ווי אַן עהרליכער מענש...

— פערשטעה דאָך... דו האָסט געליינט... איך האב גע־ליינט...

— איך פערשטעה.... נו, נו, זאָל זיין גענוג! איך פערשטעה — האט געזאָגט פּיאָטער דמיטריטש צערטליך און זיך געזעצט אויף איהר בעט — דו האָסט עס געזאָגט, ווייל דו ביזט געווען אויפגערעגט, האָסט גערעדט פון היץ, עס פערשטעהט זיך... איך שווער ביי גאָט, אז איך ליעב דיך מעהר פון אלעס אין דער וועלט און, ווען איך האב מיט דיר חתונה געהאט, איז מיר אפילו קיין מאָל אויפ'ן זינען נישט ארויף, אז דו ביזט רייך. איך האב דיך אָהן א מאָס געליעבט און דאס אלעס... איך פערשטעה דיך. איך האב קיין מאָל נישט געליטען קיין נויט און האב נישט געוואוסט דעם ווערטה פון געלד און דערפאר קען איך נישט פיהלען דעם אונטערשיעד פון דיין אייגענטהום ביז מיינעם. מיר האט זיך אימער געדאכט, אז מיר זיינען ביידע גלייך רייך. און דאס, וואס איך האב אין קלייניגקייטען געליינט, בין געווען פאַלש, דאס איז... דאס איז טאַקע אַן אמת. דאס לעבען האט זיך ביי מיר

נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט איינגעשטעלט ווי געהעריג איז, אלעס איז אזוי ניט ערנסט, אז מען קען זיך עפּעס בשום אופן נישט בענעהן אָהן קליינע ליגענס. מיר איז אצינד אליין אויך שווער. לאָמיר דערפון מעהר נישט ריידען, איך בעט דיך!...

אָלגא מיכאילאָוונא האט ווידער דערפיהלט א שטארקען וועהטאָג און האט אָנגעכאַפּט דעם מאן פאר אן ארבעל.

— עס טהוט וועה... וועה... וועה... — האט זי ארויסגע־רעדט שנעל — אַך, ווי עס טהוט וועה!

— דער טייפעל האט געזאָלט נעהמען די געסט! — האט אויס־געמורמעלט פּיאָטער דמיטריטש, אויפהויבענדיג זיך — דו האָסט היינט נישט בעדארפט פאָהרען אויף דעם אינזעל! — האט ער א געשריי געטהאָן — און ווי האב איך, נאַר, דאס דיר געלאָזען פאָה־רען? גאָט מיינער, גאָט מיינער!

ער האט זיך מיט פערדרוס א קראַץ געטהאָן אין קאָפּ, האט א מאַך געטהאָן מיט א האנד און איז ארוים פון שלאָפצימער.

דערנאָך איז ער נאָך עטליכע מאָל אריינגעקומען, זיך געזעצט ביי איהר אויף דער בעט און פיעל גערעדט, דאָ זעהר צערטליך און דאָ בייז, נור זי האט איהם קוים געהערט. דאס שלוכצען האט זיך ביי איהר געביטען מיט שרעקליכע וועהטאָגען, און יעדער נייער וועהטאָג איז געווען שטארקער און האט אָנגעהאַלטען לענגער, ווי דאס פריי־הערדיגע. אין אָנהויב, ווען זי האט געקראָגען די וועהען, האט זי פערהאַלטען דעם אָטהעם און געביסען די קישען, נור דערנאָך האט זי גענומען שרייען מיט אַן אונפּאַסענדען, בענומענעם קול.

איין מאָל, דערזעהענדיג דעם מאן נעבען זיך, האט זי זיך דער־מאָנט, אז זי האט איהם בעליידיגט און ניט לאנג געטראַכט, צו דאס דאַכט זיך איהר, צו דאס איז טאַקע אויף אַן אמתן איהר מאן פּיאָטער דמיטריטש, האט זי אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד זיין האנד און גענו־מען זי קושען.

— דו האָסט געליגט... איך האב געליגט... — האט זי זיך גענומען פארענטפערן — פערשטעה דאָך, פערשטעה... מען האט מיך פערמוטשעט, פון געדולד מיך ארויסגעבראַכט...

— אָליא, מיר זיינען דאָ נישט אליין! — האט געזאָגט פּיאָטער דמיטריטש.

אָלגא מיכאַילאָוונא האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן וואַרוואַרא'ן, וועלכע איז געשטאַנען אויף די קניע נעבען קאמאָד און האט ארויסגעצויגען דעם אונטערשטען שופליאַד. גענענדיגט מיט דעם קאמאָד, האט זיך וואַרוואַרא אויפגעהויבען און, א רויטע פון אָנשטרענגונג, מיט א קאַלטען, פייערליכען פּנים, האט זי זיך גענומען אויפמאַכען א קעסטעלע.

— מאַריא, איך קען נישט עפענען! — האט זי געזאָגט אין דער שטיל — עפען דו, אויב דו קענסט.

די דיענסט מאַריא האט געקאָלופּעט מיט א שעער אין לייכטער, אום ארייןצושטעלען א נייעם ליכט; זי איז צוגעגאַנגען צו וואַרוואַ־רא'ן און איהר געהאָלפען עפענען דאס שאַכטעל.

— קיין זאך זאָל דאָ נישט זיין צוגעמאַכט... — האט גע־שעפּטשעט וואַרוואַרא — עפען, מאַמעלע מיינע, דאס קערבעל אויך. פריץ — האט זי זיך געווענדעט צו פיאָטער דמיטריטש'ען — איהר וואָלט געשיקט צום פאָטער מיכאַאיל, ער זאָל פאר איהר גאָט בעטען! דאס איז זעהר נויטיג.

— טהוט וואס איהר ווילט — האט געזאָגט פיאָטער דמיטריטש, אָטהעמענדיג שווער — אבער אום גאָטעס ווילען, ברענגט שנעל א דאָקטאָר אדער אן אקושערקע! וואסילי איז שוין אוועקגעפאָהרען? שיק נאָך עמעצען. שיק דיין מאַן!

— איך געה צו קינד — האט זיך געכאַפּט אָלגא מיכאַילאָוונא— וואַרוואַרא! — האט זי אויסגעקרעכצט — ער וועט דאָך געבאָרען ווערען נישט קיין לעבעדיגער!

— עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט, פריץ'טע... — האט גע־שעפּטשעט וואַרוואַרא — גאָט וועט העלפען, וועט זיין א לעבעדיגער, ער וועט לעבען.

ווען אָלגא מיכאַילאָוונא איז צום צווייטען מאָל געקומען צו זיך, האט זי שוין מעהר נישט געוויינט, האט זיך נישט ארומגעוואָרפען און האט נור געקרעכצט. פון דאס דאָזיגע קרעכצען האט זי זיך נישט גע־קענט איינהאַלטען אפילו אין דער צייט, ווען די וועהטאָגען האבען זי אויף א ווײַלע אָבגעלאָזט. די ליכט האבען נאָך געברענט, אבער דורך די שטאָרעס האט זיך שוין דורכגעשלאָגען דער פריהמאָרגענ־דיגער שיין. עס האט געמוזט זיין א זייגער פינף אין דער פריה. אין

שלאָפצימער נעבען רונדען טישעל איז געזעסען עפּעס אַן אונבעקאַנטע פרוי אין אַ ווייסען פאַרטוך מיט אַ זעהר איינפאַכען אויסזעהן. נאָך דעם אויסדרוק פון איהר פיגור איז קענטיג געוועו, אַז זי זיצט דאָ שוין לאַנג. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאס איז אַן אַקושערקע.

— עס וועט זיך באַלד ענדיגען? — האט זי געפרעגט און האט אין איהר קול דערהערט עפּעס אַ בעזונדערען, אונבעקאַנטען טאָן, וועלכער איז ביי איהר ביז אהער קיין מאָל נישט געוועזען—דאס שטאַרב איך הפנים פון קינפעט — האט זי זיך אַ טראַכט געטהאָן.

אין שלאָפצימער איז פאַרזיכטיג אריין פּיאָטער דמיטריטש, אָנ־געטהאָן ווי ביי טאָג, און זיך געשטעלט ביים פענסטער מיט'ן רוקען צו דער ווייב. ער האט אביסעל אויפגעהויבען די שטאָרע און ארויס־געקוקט אין פענסטער.

— וואס פאַר אַ רעגען! — האט ער געזאָגט.

— און וויפיעל איז דער זייגער? — האט געפרעגט אָלגאַ מי־כאַילאָוונאַ, אום נאָך אַמאָל צו הערען אין איהר שטימע דעם פרעמ־דען, אונבעקאַנטען טאָן.

— אַ פערטעל צו זעקס — האט געענטפערט די אַקושערקע.

—טאָמער שטאַרב איך טאַקע אויף אַן אמת? — האט אַ טראַכט געטהאָן אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, קוקענדיג אויף דעם מאַן'ס קאָפּ און אויף די שויבען פון די פענסטער, איבער וועלכע עס האט געקלאַפּט דער רעגען — ווי וועט ער לעבען אָהן מיר? מיט וועמען וועט ער טרינקען טהעע, עסען מיטאָג, פאַרברענגען די אָבענדען, שלאָפען?

און אויף איין מאָל האט ער זיך איהר אויסגעוויזען קליין און פער'יתום'ט; זי האט איבער איהם רחמנות געקראָגען און איהר האט זיך פערוואָלט זאָגען איהם עטוואס אנגענעהמעס, עטוואס פרעהליכעס, ערפרעהענדעס. זי האט זיך דערמאָנט, ווי אין פריהלינג האט ער זיך געקליעבען קויפען יאַגד־הינד און זי, האַלטענדיג די יאַגד פאַר אַ וויל־דע און געפעהרליכע אונטערהאַלטונג, האט איהם געשטערט עס צו טהאָן.

— פּיאָטער, קויף זיך יאַגד־הינד! — האט זי ארויסגעקרעכצט.

ער האט אראָבגעלאָזט די שטאָרע און איז צוגעגאַנגען צו דער בעט, ער האט געוואָלט עפּעס זאָגען, נור אין דיעזער צייט האט אָלגאַ

מיכאילאָווגא דערפיהלט א וועהטאָג און האט א געשריי געטהאָן מיט א ווילדען, בענומענעם קול.

פון וועהטאָג, פון די אָפטע געשרייען און קרעכצען איז זי צו־מישט, פארטעמפּט געוואָרען. זי האט געהערט, געזעהן, צייטענווייז אויך גערעדט, האט אבער גאָרנישט פערשטאַנען, וואס עס טהוט זיך ארום איהר און האט קלאָר בעגריפען נור איין זאַך, אז איהר טהוט וועה אדער עס וועט איהר באלד וועה טהאָן. איהר האט זיך אויסגע־וויזען, אז דער געבורטסטאָג איז געווען שוין לאַנג, לאַנג, נישט נעכ־טען, נור עפּעס אזוי, ווי מיט א יאָהר צוריק, און אז די וועהטאָגען מאַטערען איהר שוין א לאַנגע צייט, געדויערען לענגער, ווי איהר קינדהייט, ווי דאס לערנען זיך אין אינסטיטוט, די קורסען, דאס פער־הייראַטהע לעבען און וועלען געדויערען נאָך לאַנג, לאַנג, אָהן א סוף.

זי האט געזעהן, ווי מען האט געבראַכט דער אָקושערקע טהעע; ווי מען האט איהר שפּעטער גערופען צום פריהשטיק און דערנאָך צום מיטאָג; האט געזעהן, ווי פּיאָטער דמיטריטש האט זיך צוגעוועהנט אריינצוקומען, שטעהן לאַנג ביים פענסטער און ווידער ארויסגעהן, ווי עס זיינען אריינגעקומען עפּעס פרעמדע מענער, די דיענסט, וואַרוואַ־רא... וואַרוואַרא האט עפּעס גערעדט און זיך געבייזערט, ווען עמע־צער האט ארויסגעצויגען די שופליאָדען פון קאָמאָד.

אָלגא מיכאילאָווגא האט געזעהן, ווי עס האט זיך געביטען דער שיין אין'ם פענסטער און אין צימער. דאָ איז ער געווען א פארנאַכטי־גער, א מוטנער, א גרויער, ווי א טומאַן, דאָ א העלער, א ליכטיגער, ווי ער איז געווען נעכטען צום מיטאָג. און דאָ ווידער א פארנאַכטי־גער... און יעדע פון די דאָזיגע ענדערונגען האט געדויערט אזוי לאַנג, ווי איהר קינדהייט, ווי דאס לערנען זיך אין אינסטיטוט, די קורסען...

אין אָבענד האבען צוויי דאָקטוירים — איינער א ביינערדיגער, א פּליכעוואַטער, מיט א ברייטער, געלער באָרד, דער אַנדערער מיט א אידישען פּנים, א דונקעלער, אין ביליגע ברילען — געמאַכט אָלגא מיכאילאָווגא'ן אן אָפּעראַציאָן.

דערצו, וואס פרעמדע מענער בעריהרען איהר קערפּער, האט זי זיך פערהאַלטען גאַנץ גלייכגילטיג. זי האט שוין אַצינד נישט געהאַט

נישט קיין חרפה, נישט קיין ווילען און יעדערער האט געקענט מיט איהר טהאָן, וואס ער האט געוואָלט. ווען עמעצער וואָלט זיך אין דער דאָזיגער צייט געוואָרפען אויף איהר מיט א מעסער, אדער וואָלט בע־ליידיגט פיאָטער דמיטריטש'ען, אדער וואָלט צוגענומען ביי איהר דאס רעכט אויף דאס קליין מענשעלע, וואָלט זי נישט געזאָגט קיין איין וואָרט.

אין צייט פון אָפּעראַציאָן האט מען איהר געגעבען כלאָראָפאָרם. ווען זי האט זיך נאָכדעם אויפגעכאפּט, האבען די וועהטאָגען נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען און זיינען געווען אונערטרעגליך. עס איז געווען נאַכט, און אָלגא מיכאַילאָוונא האט זיך דערמאָנט, אז פונקט אזא נאַכט מיט דער שטילקייט, מיט דעם לעמפּעל, מיט דער אַקושערקע, וועלכע איז אונבעוועגליך געשטאַנען ביי דער בעט, מיט פיאָטער דמיטריטש'ען ביים פענסטער, האט זי שוין אַמאָל איבערגעלעבט. נור דאס איז געווען אַמאָל, שוין לאַנג, לאַנג צוריק...

5.

„איך בין נישט געשטאָרבען"... האט א טראַכט געטהאָן אָלגא מיכאַילאָוונא, ווען זי האט ווידער געגומען פערשטעהן, וואס עס טהוט זיך ארום איהר, און ווען קיין וועהטאָגען זיינען שוין מעהר נישט געווען.

אין די צוויי ווייט־פונאַנדערגעעפענטע פענסטער פון'ם שלאָפ־צימער האט אריינגעקוקט א ליכטיגער, זומערדיגער טאָג; אין גאָרטען הינטער'ן פענסטער האבען אָהן אָן אויפהער געטשיריקעט די פויגעלאך.

די שופליאָדען פון'ם קאָמאָד זיינען שוין געווען צוגעמאַכט, דעם מאַן'ס בעט צוגעקליבען. אין'ם שלאָפצימער איז נישט געווען נישט די אַקושערקע, נישט וואַרוואַרא און נישט די דיענסט; נור איין פיאָ־טער דמיטריטש איז ווי פריהער געשטאַנען אונבעוועגליך ביים פענ־סטער און ארויסגעקוקט אין גאָרטען. עס האט זיך נישט געהערט קיין קינדערש געוויין, קיינער האט זי נישט גראַטולירט און קיינער האט

זיך נישט געפרעהט. קענטיג, אז דאס קליין מענשעלע איז געקומען אויף דער וועלט ניט קיין לעבעדיגער.

— פיאָטער! — האט א רוף געטהאָן אָלגא מיכאילאָוונא איהר מאַן.

פיאָטער דמיטריטש האט זיך ארומגעקוקט. וואהרשיינליך, איז זייט דאַן, ווען עס איז אוועקגעפאָהרען דער לעצטער גאסט און אָלגא מיכאילאָוונא האט בעליידיגט איהר מאַן, אוועק זעהר פיעל צייט, ווייל פיאָטער דמיטריטש האט זיך שטארק אומגעביטען און איז מאָגערער געוואָרען.

— וואס איז דיר? — האט ער געפרעגט, צוגעהענדיג צו דער בעט.

ער האט געקוקט אָן א זייט, בעוועגט מיט די ליפען און געשמייכעלט מיט א קינדערש־הילפלאָזען שמייכעל.

— האט זיך שוין אלעס געענדיגט? — האט געפרעגט אָלגא מיכאילאָוונא.

פיאָטער דמיטריטש האט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אבער זיינע ליפען האבען גענומען ציטערען און דער מויל האט זיך צוקרימט.

— אָליא! — האט ער אויסגערעדט, ברעכענדיג די הענד, און פון זיינע אויגען האבען זיך א גאָס געטהאָן גרויסע טרערען — אָליא! איך דארף נישט דיין פערמעגען, נישט די צוזאַמענפאָהרען, (ער האט א כליפּע געטהאָן)... נישט די בעזונדערע אנשויאונגען, נישט די געסט, נישט דיין נדן... גאָרנישט, קיין זאַך דארף איך נישט! פאר־וואס האבען מיר נישט איינגעהיט אונזער קינד? אַך, וואס איז שוין איצט דאָ צו רעדען!

ער האט א מאַך געטהאָן מיט א האנד און איז ארויס פון שלאָפ־צימער.

און פאר אָלגא מיכאילאָוונא איז שוין אלעס געווען פאָלשטענדיג גלייך. אין קאָפּ האט גערוישט און געטומעלט פון די כלאָראָפאָרם, און אויף דער נשמה איז געווען פוסט... יענע טעמפּע גלייכגילטיג־קייט צום לעבען, וועלכע זי האט געפיהלט, ווען צוויי דאָקטוירים האָבען איהר געמאכט די אָפּעראַציאָן, האט זי נאָך אלץ נישט פער־לאָזט....

די פויערים

ניקאָלאַי טשיקאָלדעיעוו, א לאַקעי פון דער מאָסקווער גאַסט־הויז „סלאַווישער באַזאַר", איז קראַנק געוואָרען. עס האָט איהם אָבּ־גענומען די פיס, זיין גאַנג איז שוואַך געוואָרען, אַזוי, אַז איינמאָל געהענדיג איבער'ן קאָרידאָר, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז גע־פאַלען צוזאַמען מיט דעם טאַץ, אויף וועלכען ער האָט געטראָגען פלייש מיט אַרבעסלאַך. ער איז געווען געצוואונגען צו פערלאָזען דעם פּלאַץ.

דאָס ביסעל געלד, וואָס ער האָט געהאַט, אי זיינע אי דער ווייב'ס, האָט ער פערקרענקט, עס איז שוין מעהר נישט געווען פון וואַנען צו לעבען, אָהן בעשעפטיגונג איז געוואָרען לאַנגווייליג, אומע־דיג, און ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען צו זיך אַהיים, אין דאָרף. אין דער היים איז לייכטער צו קרענקען און ביליגער צו לעבען; און נישט אומזיסט זאָגט מען: אין דער היים העלפען די ווענט.

אין זיין דאָרף זשוקאָוואָ איז ער אָנגעקומען פאַרנאַכט. אין די יוגענד עראינערונגען האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט זיין היים אַלס א ריינער, אַנגענעהמער, ליכטיגער נעסט; אַצינד אָבער, אַריינקומענ־דיג אין הויז, האָט ער זיך דערשראָקען: אַזוי פינסטער, ענג און שמוציג איז דאָרט געווען. זיין ווייב אַלגאַ און זיין טאָכטער סאַשאַ, וועלכע זיינען געקומען צוזאַמען מיט איהם, האָבען מיט פערוואונדע־רונג געקוקט אויף דעם גרויסען, שמוציגען פעררויכערטען, אין פליעגען איינגעטונקען אויווען, וועלכער האָט פערנומען כמעט א העלפט פונ'ם שטיבעל. וויפיעל פליגען! דער אויווען האָט זיך אויסגעקרימט, די ברעטער און די ווענט זיינען געלעגען קרום, און עס האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז די גאַנצע שטוב קען יעדע מינוט איינפאַלען. אינ'ם פאָ־דערשטען ווינקעל נעבען די הייליגע־בילדער, זיינען געווען אָנגע־קלעבט בלעטלאַך פון פלאַשען און שטיקלאַך צייטונגס פאַפּיער — דאָס

האָט געזאָלט הייסען בילדער. אומעדום אָרימקייט, אָרימקייט! פון די ערוואַקסענע איז קיינער אין דערהיים נישט געווען, זיי אַלע זיינען געווען אויפ׳ן פעלד און געשניטען. אויפ׳ן אויווען איז געזעסען אַ מיי־דעלע, אַ יאָהר אַכט, מיט אַ ווייסען קאָפּ, אַ ניט געוואַשענע, אַ גלייכ־גילטיגע; זי האָט אפילו נישט אַ קוק געטהאָן אויף די אריינגעקומענע געסט. אונטען האָט זיך אָן וואַנט געריבען אַ ווייסע קאַץ.

— קיס, קיס! — האָט איהר אַ רוף געטהאָן סאַשא — קיס!

— זי הערט נישט האָט געזאָגט דאָס מיידעלע — זי איז טויב.

— פון וואָס?

— אַזוי. מען האָט זי געשלאָגען.

ניקאָלאַי און אָלגא האָבען גלייך פערשטאַנען וואָס דאָ איז פאַר אַ לעבען, זיי האָבען אָבער געשוויגען. שווייגענדיג האָבען זיי אַראָבגע־וואָרפען פון זיך די פעקלאַך און שווייגענדיג זיינען זיי אויף דער גאַס ארויס. זייער שטוב איז געווען די דריטע פון עק און האָט אויס־געזעהן די אָרימסטע און די סאַמע עלטסטע; די צווייטע א׳ז אויך געווען נישט בעסער, דערפאַר האָט די לעצטע געהאַט אַ אייזערנעם דאַך און פאָהרהאַנגלאַך אויף די פענסטער. די דאָזיגע שטוב איז גע־ווען נישט ארומגעצאַמט, איז געשטאַנען אָבגעזונדערט, איינע אַליין און אין איהר איז געווען אַ טראַקטיר. אַלע הייזער זיינען געשטאַנען אין איין ראַנד, און דאָס גאַנץ דערפעל, אַ שטיל׳ס און אַ פערטראַכטעס, מיט די ווידען און אַנדערע ביימער, וועלכע האָבען ארויסגעקוקט פון די הויפען, האָט געהאַט אַ אַנגענעהמען אויסזעהן.

הינטער די פויערשע הייזלאַך האָט זיך גענומען ציהען אַ וועג באַרג אַראָב צום טייך, אַ קרומער, אַ משונה׳דיגער און צווישען לייהם האָבען זיך דאָ און דאָרט אָפּט ארויסגעזעהן ריזיג גרויסע שטיינער. איבער דעם וועג אַרונטער צווישען די דאָזיגע שטיינער און גריבער, פון טע־פּערם אויסגעגראָבען, האָבען זיך געדרעהט שטעגלאַך, און גאַנצע קוּ־פּעס מיט שערבלאַך פון צובראָכענע לייםענע כלים, שוואַרץ־ברוינע און רויטע, זיינען דאָרט געלעגען, און דאָרט אונטען איז אויסגעשפּרייט גע־ווען אַ ברייטע, גלייכע, העל־גרינע לאָנקע, שוין אָן אָבגעקאָשעטע, אי־בער וועלכע עס האָבען איצט ארומגעשפּאַצירט די פויערשע סטאַדעס. דער טייך, אַ קרומער, מיט הערליכע געקרויזטע ברעגען, האָט זיך גע־פונען ביי אַ וויאָרסט פון דער דאָרף. הינטער איהם ווידער אַ ברייטע

לאַנקע, סטאַדעס פיה, סטאַדעס געגז, דערנאָך, אַזוי ווי אויף דער זייט, אַ משוגה'דיגער שווערער וועג בארג ארויף, און אויבען, אויפ'ן בארג, אַ דאָרף מיט אַ פינף־קעפּיגען קלויסטער און ווייטער אביסעל דאָס פריצישע הויז.

— ווי גוט דאָ איז ביי אייך! — האָט אָלגאַ זיך אָנגערופען און זיך איבערגע'צלמ'ט געגען קלויסטער: — ווי פריי, גאָטוניו!

גראָד האָט אין דיעזער צייט גענומען הילכען דער גלאָק פונ'ם קלויסטער צו דער ביינאַכטיגער גאָטעס־דיענסט — דאָס איז געווען שבת פארנאַכט — צוויי קליינצינקע מיידעלאַך, וואָס האָבען אונטער געשלעפּט אַן עמער מיט וואסער, האָבען זיך אומגעקוקט אויפ'ן קלויס־טער, אום צו הערען דאָס גלאָקען־קלאַנג.

— אין „סלאַווישען באזאר” איז אין דיעזער צייט מיטאָג — האָט ניקאָלאַי פערטראַכט ארויסגערעדט.

זיצענדיג ביים ברעג פונ'ם אָבגרונד, האָבען ניקאָלאַי און אָלגאַ געזעהן, ווי די זונן איז אונטערגעגאַנגען, ווי דער הימעל, אַ גאָלדענער, אַ פייערדיגער, האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אינ'ם טייך, אויף די פענסטער פונ'ם קלויסטער און אין דער גאַנצער לופט, וואָס איז געווען אַזוי מילד, אַזוי רוהיג און אַזוי ריין, גאָר ניט ווי די לופט אין מאָסקווע. דערנאָך, אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען און די סטאַדעס זיינען פאַר־איבער מיט אַ מעקען און רעווען, און די געגנז זיינען געקומען צופליהען פון יענער זייט, — און אַלעס איז ווידער שטיל געוואָרען, האָט זיך אין דער לופטען אויסגעלאָשען דער לעצטער שטילער שיין און די אָבענד־פינסטערניש האָט זיך שנעל גענומען אָנרוקען.

דערווייל האָבען זיך צוריקגעקעהרט די אַלטע, ניקאָלאַי'ס טאַ־טע־מאַמע,ביידע פון דעם זעלבען וואוקס, מאָגערע, איינגעהויקערטע, ביידע אָהן צייהן. עס זיינען אויך געקומען די ווייבער — די שניר, מאַריא און פעקלא, וואָס האָבען געאַרבייט אויף יענער זייט טייך ביי אַ גוטס־בעזיצער.

ביי מאַריא'ן, דעם ברודער קיריאַק'ס ווייב, זיינען געווען זעקס קינדער. ביי פעקלאַ'ן, דעם ברודער דעניס'עס ווייב, וועלכער האָט גע־דיענט אין סאָלדאַטען — צוויי קינדער; און בעת ניקאָלאַי, אריינגע־הענדיג אין שטוב, האָט דערזעהן דאָס גאַנץ „ביסעל בלוט”, די דאָזיגע אַלע גרויסע און קליינע קערפּערס, וואָס האָבען זיך ארומגעוואָרפען

אויף די „פּאַליאַטעס”, אין די ווינקלאַך און אין אַלע ווינקלאַך, און בעת ער האָט דערזעהן, מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט דער אַלטער און די ווייבער האָבען געגעסען דעם שוואַרצען ברויט, טונקענדיג איהם אין וואַסער, האָט ער פערשטאַנען, אַז אומזיסט איז ער אַהער געקומען צופאָהרען, אַ קראַנקער, אָהן געלד און מיט אַ פאַמיליע דערצו, — אומזיסט!

— און וואו איז דער ברודער קיריאַק? — האָט ער געפרעגט נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך בעגריסט.

— ער דיענט ביים סוחר אַלס וואַלד-וועכטער — האָט געענטפערט דער פאָטער — אַזוי איז ער אַ נישקשה'דיגער פויער, ער גיסט נור אין זיך צופיעל...

— ער איז נישט קיין אַריינברייגגער! — האָט אַרויסגערעדט די אַלטע מיט טרערען אין קול — אונזערע פויערים זיינען ביטערע, נישט זיי טראָגען אין שטוב אריין, נור זיי טראָגען פון שטוב אַרויס. אי קיריאַק טרינקט, אי דער אַלטער, צו־וואָס זאָל מען דאָ לייקענען, זיי ווייסען אַלע דעם וועג צום שענק.

לכבוד די געסט האָט מען אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר. פון טהעע האָט געשמעקט מיט פיש, דער צוקער איז געווען אַן אַרומגעגריזשעטער, אַ גרויער; איבער'ן ברויט און די געשיר האָבען אַרומגעטאַנצט פּרייסען; עס האָט געעקעלט צו טרינקען, און דער געשפּרעך איז אויך געווען אַ העסליכער — אַלץ וועגען קראַנקהייטען און נויט. זיי האָבען נאָך נישט צייט געהאַט אויסצוטרינקען קיין איין טעצעלע טהעע, ווי פון הויף האָט זיך דערטראָגען אַ הויכער, אויסגעצויגענער, שיכור'ער געשריי:

— מאַ־ר־יאַ!

— דאַכט זיך, קיריאַק געהט — האָט געזאָגט דער אַלטער — נישט אומזיסט האָבען מיר איהם נור וואָס דערמאָנט.

אַלע זיינען אַנשוויגען געוואָרען. און אין אַ ווייַלע אַרום ווידער דער זעלבער געשריי, אַ גראָבער אַן אויסגעצויגענער, ווי פון אונטער דער ערד:

— מאַ־ר־יאַ!

מאַריאַ, די עלטערע שנור, איז בלייך געוואָרען, האָט זיך צוגעדריקט צום אויוועז און עס איז געווען עפּעס אַזוי מאָדנע צו זעהן די

אימה'דיגע מורא, וואס דער פּנים פון דער דאָזיגער געזונדער, שטאַר־קער, נישט שעהנער פרוי האָט אויסגעדריקט. איהר טאָכטער, דיזעלבע מיידעלע, וועלכע איז געזעסען אויפ'ן אויווען און האָט אויסגעזעהן אזוי גלייכגילטיג, האָט זיך פּלוצים צו־וויינט הויך אויפ'ן קול.

— וואָס האָסטו זיך צוקלאָגט, כאָליערע? — האָט אויף איהר א געשריי געטהאָן פעקלאַ, א שעהנע פרוי, אויך א געזונדע מיט ברייטע פּלייצעס: — נישקשה, ער וועט דיך נישט דער'הרג'ענען!

פון דעם אַלטען האָט זיך ניקאָלאַי דערוואוסט, אז מאריא האָט מורא געהאָט צו וואוינען מיט קיריאַקען אין וואלד, און יעדעס מאָל, ווען ער איז געוועזען שיכור, פלעגט ער קומען נאָך איהר אהער און האָט דערביי שטארק געטומעלט און זי אונ'ברחמנות'דיג געשלאָגען.

— מאַריא! — האָט זיך דערהערט דער געשריי ביי דער סאַמע טהיר.

— נעהמט זיך אָן פאר מיר, טהייערינקע, אום גאָטעס ווילען! — האט געגומען שטאַמלען מאריא, אָטהעמענדיג אזוי, ווי מען וואָלט זי אראָבגעלאָזט אין זעהר קאַלטע וואסער: — נעהמט זיך אָן, האָט רחמנות...

אַלע קינדער, וויפיעל עס האָבען זיך נור געפונען אין שטוב, האָבען זיך צו־וויינט און אויף זיי קוקענדיג האָט סאשא אויך גענומען וויינען. עס האָט זיך דערהערט א שיכורער הוסטען, און אין שטוב איז אריין א הויכער שוואַרץ־בערדיגער פויער אין א ווינטערדיגען היטעל און ווייל מען האָט ביי דעם שוואַכען שיין פון לעמפּעלע נישט גע־קענט זעהן זיין פּנים, האָט זיך געדאכט, אז ער זעהט אויס שרעק־ליך.

דאָס איז געוועזען קיריאַק.

צוגעגאַנגען צו דער ווייב, האָט ער זיך פערמאָסטען און איהר א זעץ געטהאָן מיט'ן פויסט איבער'ן פּנים... א צוטומעלטע פון קלאַפּ, האָט זי נישט ארויסגעלאָזט קיין איין קלאַנג, האָט זיך נאָר צוגעזעצט און גלייך איז ביי איהר פון נאָז בלוט ארוים.

— עס איז א חרפּה און א שאַנד — האָט געשטאַמעלט דער אַלטער, ארויפקריכענדיג אויפ'ן אויווען: — פאר געסט אין די אויגען! עס איז א זינד!

און די אַלטע איז געזעסען שטיל, איינגעהויקערט, און האָט וועגען עפּעס געטראַכט; פּעקלאַ האָט געוויגט דאָס וויגעלע...

קענטיג, אַז דער בעוואוסטזיין, וואס ער, קיריאַק, וואַרפט אויף אַלעמען ארויף אזא שרעק, האָט איהם שטאַרק הנאה געטהאָן, און, גע־כאַפּט מאַריאַ'ן פאַר א האַנד, האָט ער זי א שלעפּ געטהאָן צו דער טהיר און גענומען רעווען, ווי א חיה, אום אויסצווזעהן נאָך שרעקלי־כער, נאָך מורא'דיגער, נור אין דיעזער צייט, האָט ער פּלוצים דערזעהן די געסט און האָט זיך אָבגעשטעלט.

— א, איהר זייט געקומען צופאָהרען... — האָט ער אויסגע־רעדט, אָבלאָזענדיג דאָס ווייב — מיין לייבליכער ברודער מיט דער פאַמיליע...

ער האָט געזאָגט א געבעט אנטקעגען דעם הייליגען בילד, און, שאָקלענדיג זיך אויף די פּיס, עפענענדיג ברייט זיינע שיכורע, רויטע אויגען, האָט ער ווייטער גערעדט:

— דער ברודער מיט דער פאַמיליע איז געקומען צו פאָהרען צום טאַטען אין שטוב אריין... פון מאָסקווע, הייסט עס. די גרעסטע הויפּט שטאָדט, הייסט עס, די שטאָדט מאָסקווע די מוטער פון אַלע שטעדט... זייט מיר מוחל...

ער האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער באַנק נעבען סאַמאָוואַר און גענומען טרינקען טהעע, כליאָבטשענדיג אין דער הויך פון טעצעל. אַלע ארום האָבען געשוויגען... ער האָט אזוי אויסגעטרונקען א טע־צעלאָך צעהן, דערנאָך האָט ער זיך צוגעבויגט צו דער באַנק און גע־נומען כראָפּען.

מען האָט זיך גענומען לייגען שלאָפען. ניקאָלאַי'ן, אַלס א חולה, האָט מען געלעגט אויפ'ן אויווען מיט'ן אַלטען; סאַשאַ האָט זיך גע־לעגט אויף דער פּאָדלאָגע און אָלגאַ איז אוועק מיט די ווייבער אין שטאַל.

— נו־נו, קאַסאַטקאַ, — האָט זי גערעדט, לייגענדיג זיך אויף די הייה נעבען מאַריאַ'ן: — מיט די טרעהרען וועסטו דיינע צרות נישט העלפען! לייד און דאָס אַלעס. אין דער הייליגער שריפט שטעהט געשריעבען: ווען עמעצער וועט דיר א זעץ טהאָן אין דער רעכטער באַק, שטעל איהם אונטער די לינקע... יאָ, יאָ, קאַסאַטקאַ!

דערנאָך האָט זי שטילערהייד, מיט א זינגענדיג קול דערצעהלט

ווענן מאָסקווע, ווענן איהר דאָרטיגען לעבען, ווי זי האָט געאַר־בייט אלס דיענסט אין מעבלירטע צימערן.

— און אין מאָסקווע זיינען די הייזער גרויסע, שטיינערנע — האָט זי דערצעהלט — קלויסטער זיינען פאראן א סך — א סך, מען קען זיי גאָרנישט אָבצעהלען, קאַטעקאַ, און אין די הייזער זיינען אלץ פּריצים, און אלץ אזוינע שעהנע, אזוינע אנשטענדיגע!

מאַריא האָט געזאָגט, אז זי איז קיין מאָל נישט געווען ניט אין מאָסקווע און ניט אין קיין אנדערער שטאָדט, זי איז געווען אומוויסענד, האָט נישט געקענט זאָגען קיים שום געבעט און אפילו דעם „פאָטער אונזער" האָט זי אויך נישט געוואוסט. זי און די צווייטע שוועגערין פעקלא, וועלכע איז איצט געזעסען פון דער ווייטענס און זיך צוגע־הערט, זיינען ביידע געווען זעהר אונענטוויקעלט און האָבען גאָרנישט געקענט באנעהמען. ביידע האָבען פיינד געהאַט זייערע מענער; מאַ־ריא האָט געציטערט פאר קיריאַק'ן און ווען זי איז געבליבען מיט איהם אליין, האָט זי זיך געטרייסעלט פאר שרעק און איז פערטויבט גע־וואָרען פון דעם שטאַרקען גערוך פון בראַנפען און טאַבאַק, וואָס האָט זיך געטראָגען פון איהם. און פעקלא האָט אויף דער פראַגע, צו איהר איז נישט אומעטיג אָהן דעם מאַן, געענטפערט מיט פערדרוס:

— כאַפּט איהם דער רוח!

זיי האָבען א ווייל גערעדט און דערנאָך אנשוויגען געוואָרען...

עס איז געווען קיהל און נעבען שטאַל האָט אין איין קול געשריען א האָהן און זיי נישט געלאָזט שלאָפען. ווען דער בלויער, פריהמאָר־גענדיגער שיין האָט זיך שוין דורכגעשלאָגען דורך אלע שפּאַרונעס, איז פעקלא שטילינקערהייד אויפגעשטאַנען, איז ארויס און דערנאָך האָט זיך געהערט, ווי זי איז ערגעץ־וואו אוועקגעלאָפען, קלאַפּענדיג מיט די באָרוועסע פיס.

2.

אָלגא איז אוועק אין קלויסטער און מיטגענומען מיט זיך מאַ־ריא'ן. ווען זיי זיינען געגאַנגען מיט'ן שטעגעלע איבער'ן לאָנקע, איז זיי ביידען פרעהליך געווען. אָלגא'ן איז געפעלען די ברייטקייט, די

פרייקייט אַרום, און מאַריא האָט אין דער שווער ען געפיהלט אַ נאָ־הענטען, אַן אייגענעם מענשען.

עס איז אויפגעגאַנגען די זון. נידעריג איבער'ן לאַנקע האָט זיך געטראָגען אַ פערשלאָפענער רויב־פויגעל; דער טייך האָט זיך געכמאַ־רעט, וואו־ניט־וואו האָט געבלאַנדזשעט אַ נעבעל; אָבער פון יענער זייט באַרג האָט זיך שוין דורכגעריסען אַ פּאַס ליכט; דער קלויסטער האָט געשטראַהלט און אין פריצישען גאָרטען האָבען מיט בענומענע קולות געליאַרעמט בוטשאַנעס.

— דער אַלטער איז נאָך ווי־עס־איז — האָט דערצעהלט מאַריא — די אַלטע אָבער איז אַ שלעכטע, אַ בייזע, רק זי שלאָגט זיך. איי־גענעם ברויט האָבען מיר געהאַט ביז דער פּוטער־וואָך, מעהל קויפען מיר אין טראַקטיר — נו, איז זי בייז; איהר עסט צופיעל, זאָגט זי.

— נו, נו, קאָסאַטקאַ! לייד און דאָס אַלעס. עס שטעהט געש־שריעבען: און גאָט האָט גערופען צו זיך אַלע ליידענדע און פאַרהאָ־רעוועטע...

אָלגאַ האָט גערעדט געלאַסען, אונטערזינגענדיג און דער גאַנג איהרער, איז אויך געווען, ווי ביי אַ פרומער שוועסטער, אַ שנעלער און פערהאָוועטער. זי האָט יעדען טאָג געלעזען די ביבעל, האָט געלעזען אין דער הויך, ווי אַ דיאַקאָן, און האָט פיעלעס נישט פערשטאַנען, אָבער די הייליגע ווערטער האָבען זי געריהרט ביז טרעהרען. זי האָט געגלויבט אין גאָט, אין דער הייליגער מוטער, אין גוטע, פרומע, לייט; האָט געגלויבט, אַז מען טאָר קיינעם אויף דער וועלט נישט בעליידיגען — נישט קיין פּראָסטע מענשען, נישט קיין דייטשען, נישט קיין ציגיי־נער, נישט קיין אידען און וועה איז אפילו דעם, וועלכער האָט נישט קיין רחמנות אויף חיות; זי האָט געגלויבט, אַז אַזוי שטעהט גע־שריעבען אין די הייליגע ביכער, און דערפאַר, ווען זי האָט געלעזען אין דער ביבעל ווערטער, וועלכע זי האָט נישט פערשטאַנען, האָט איהר פּנים אויך געלויכטען מיט אַן אויסדרוק פון רחמנות און גליקזעליג־קייט.

— וואו ביזטו געבאָרען געוואָרען? — האָט געפרעגט מאַריא.

— איך בין געבאָרען אין וולאַדימיר, אָבער מען האָט מיך גענו־מען אין מאָסקווע שוין לאַנג, אַכט יאָהר בין איך דאָן אַלט געווען.

זיי זיינען צו צום טייך. אויף דער אַנדערער זייט, פּאַזע טייך,

איז געשטאַנען עפּעס אַ פרוי און האָט זיך אויסגעטהאָן.

— דאָס איז אונזער פעקלאַ — האָט זי מאַריא דערקענט — אויף דעם פריצישען הויף, הינטער׳ן טייך, איז זי געגאַנגען. צו די פריקאַז־טשיקעס. זי איז אַן אויסגעלאַסענע זעהר און אַפרעכע... זידעלט זיך, אַ שרעק!

פעקלאַ מיט איהרע שוואַרצע ברעמען און צולאָזטע האָאר, נאָך אַ יונגע און אַ שטאַרקע, ווי אַ מיידעל, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן פון ברעג און גענומען קלאַפּען מיט די פיס איבער׳ן וואַסער און פון אַלע זייטען האָבען זיך ארום איהר גענומען טראָגען כוואַליעס.

— אַ שרעק ס׳רא צולאָזענע! — האָט נאָך אַמאָל געזאָגט מאַ־ריא.

איבער׳ן טייך האט זיך געצויגען אַ בריק פון דינע קלעצער און אונטען, אונטער די דאָזיגע קלעצער, אין דעם ריינעם, דורכזיכטיגען וואַסער, האבען ארומגעשוואומען סטאַיעס וואַסער־פויגעל. אויף די גרי־נע בושעס, וועלכע האבען זיך געשפּיעגעלט אין׳ם וואַסער האט געבלי־סטשעט דער טהוי, עס האט געוויהט מיט וואַרימקייט. אויף דער נשמה איז געוואָרען לייכט און גוט. וואָס פאַר אַ וואונדער שעהנער פריה־מאָרגען! און דאס לעבען אויף דיעזער וועלט וואָלט וואהרשיינליך אויך געווען אזא שעהנ׳ס און אזא ליכטיג׳ס, ווען נישט די נויטה, די שרעק־ליכע, אונאויפהערליכע נויטה, פון וועלכער דו קענסט זיך בשום אופן נישט ארויסדרעהען! מען האָט נור געדאַרפט זיך אומקוקען אויף דער דאָרף און גלייך האָט מען זיך דערמאָנט אָן דאָס נעכטיגע — און די בעגייסטערונג, דאָס גליק, וואָס האָט זיך אויסגעדראַכט, אַז עס איז צור־גאָסען ארום, איז אין איין אויגענבליק פערשוואונדען געוואָרען...

זיי זיינען געקומען אין קלויסטער. מאַריא האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר און ניט געוואַגט צו געהן ווייטער. אפילו צו זעצען זיך האט זי נישט געוואגט, כאָטש דאס גאָטעס־דיענסט האט מען אָנגעהויבען ערשט ערשט ניין אזייגער. זי האט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר און איז אזוי אָבגעשטאַנען די גאַנצע צייט.

ווען מען האָט געלייענט די ביבעל, האָט זיך דער עולם פּלוצים גע־נומען ריהרען, מאַכענדיג אַ וועג פאַר דער פאַמיליע פון גוטס־בעזיצער; עס זיינען אריין צוויי מיידלאַך אין ווייסע קליידער און הויט מיט ברייטע ברעגעס, און מיט זיי אַ פולער, ראָזעווער אינגעל אין אַ מאַטראָס־

קען קאסטיום. זייער ערשיינונג האט אויף אלגא׳ן געמאכט א ריהד־רענדען איינדרוק; פון דעם ערשטען קוק אויף זיי האט זי בעשלאסען, אז דאס זיינען אלץ ערלע, געבילדעטע און שעהנע מענשען. מאריא האט אויף זיי געקוקט פון דער זייט פינסטער, אומעטיג, אזוי ווי דאס וואלטען נישט געווען קיין מענשען, נור ווילדע ברואים, וועלכע קענען זי צוטרעטען, ווען זי זאל זיך נישט צואיילען און זיי אבטרעטען דעם וועג.

און בעת דער דיאקאן האט מען זיין באס־שטים עפּעס אויסגע־רופען, האט זיך איהר יעדעס מאל געדאכט, אז זי הערט דעם געשריי: „מא־ר־יא!" — און יעדעס מאל האט זי זיך א טרייסעל געטהאן.

8.

אין דארף האט מען זיך דערוואוסט וועגען די געסט און גלייך נאך דער גאטעס־דיענסט האט זיך אין שטוב צוזאמענגעקליבען א גרויסער עולם. עס זיינען געקומען אי די לעאניטשעוס, אי די מאטוועאיטשעס, אי די איליטשעווס, אבצונעהמען א גרוס פון זייערע קרובים, וועלכע האבען געדיענט אין מאסקווע.

שוין פון לאנג אן האט מען אלע קינדער פון דארף זשוקאווא, וועלכע האבען נור געקענט לעזען און שרייבען, אוועקגעפיהרט אין מאסקווע און זיי דארט אבגעגעבען צו דיענען אין האטעלען און קרא־מען (פונקט אזוי ווי פון דער צווייטער דארף אויף דער אנדערער זייט, האט מען די קינדער אבגעגעבען נור צו בעקער). אזוי איז דאס שוין געגאנגען פון לאנג אן, נאך פון צייט פון לייבאיינגשאפט, ווען א זשו־קאווא׳ר פויער, וועלכער האט געדיענט אלס בופעטשיק אין איינעם פון די מאסקווער קלובען, פלעגט אויסשרייבען צו זיך נור זיינע לאנדס־לייט און די לעצטע, ווען זיי זיינען געווארען שטיקלאך מאכערס, האבען אויסגעשריעבען זייערע פריינד און קרובים און זיי בעזארגט מיט פלעצער און די רעסטאראנען און טראקטירען.

ניקאלאי׳ן האט מען אבגעפיהרט אין מאסקווע, ווען ער איז

אַלט געווען עלף יאָהר און אַ פּלאַץ האָט איהם פערשאַפט איוואַן מאַקאַריטש, פון דער פאַמיליע מאַטוועאיטשעס, וועלכער האָט דאַן געדיענט אַלס טהעאַטער דינער אין גאַרטען „ערמיטאַזש" און אַצינד, רעדענדיג צו די מאַטוועאיטשעס, האָט ניקאָלאַי גערעדט מיט דרך ארץ:

— איוואַן מאַקאַריטש איז מיין וואָהלטהעטער און איך בין פער־פליכטעט טאָג און נאַכט פאַר איהם גאָט בעטען, ווייל צוליעב איהם בין איך געוואָרען אַ מענש.

— טאַטעלע מיינער, — האָט מיט טרעהרען אין די אויגען אַרויסגערעדט אַ הויכע אַלטיטשקע, איוואַן מאַקאַריטש אַ שוועסטער: — ער לאָזט פון זיך גאָרנישט הערען.

— ווינטער האָט ער געדיענט ביי אָמאָן׳ן, און היינטיגען סע־זאָן, האָט מען געהערט, אַז ער אַרבייט ערגעץ הינטער דער שטאָדט אין די גאָרטענס... ער איז די לעצטע צייט אַלט געוואָרען! פריהער פלעגט טרעפען, אַז זומער צייט פלעגט ער ברייגגען אַהיים אַ רובעל צעהן אַ טאָג, אַצינד אָבער זיינען די צייטען שלעכטע, די געשעפטען געהען נישט... ער מאַטערט זיך נעבאַך, דער אַלטער.

די ווייבער, די אַלטע און די יונגע, האָבען געקוקט אויף ניקאָלאַי׳ס פיס אין וואַליקעס, אויף זיין בלייך פּנים און האָבען געזאָגט מיט מיטלייד:

— ביזט נישט קיין מזל׳דיגער, ניקאָלאַי אָסיפּיטש, ניין, נישט קיין מזל׳דיגער! ווי קומט עס!

און אַלע האָבען געלאַסטשעט סאַשע׳ן. איהר איז שוין געוואָרען צעהן יאָהר, נור זי איז געווען קליין געוואַקסען, זעהר מאָגער, און האָט אויסגעזעהן, ווי אַ יאָהר זיעבען אַלט, נישט מעהר. צווישען די אַנדערע מיידלאַך, פאַרברענטע פון דער זונן, שלעכט אַרומגעשאָרענע, אָנגעטהאָן אין לאַנגע אָבגעקראָכענע העמדער, האָט סאַשאַ אַ ווייס־סינקע מיט גרויסע טונקעלע אויגען, מיט אַ רויט שטיינגעלע אין די האָאָר, אויסגעוויזען זעהר אינטערעסאַנט, עפּעס אַזוי ווי אַ חיה׳לע, וועלכע מען האָט געכאַפּט אין פעלד און זי געבראַכט אין שטוב אַריין.

— זי איז ביי מיר אַ געבילדעטע, זי קען לייענען — האָט זיך בעריהמט אָלגאַ, קוקענדיג צערטליך אויף דער טאָכטער: — לעז

אקארשט עפעס, קינדעלע! — האט זי געזאגט, דערלאנגענדיג פון ווינקעל די ביבעל: — דו לעז און פרומע לייט וועלען הערען.

די ביבעל איז געווען אן אלטע, א שווערע, אין א לעדערנעם איינבונד מיט אבגעריסענע ברעגעס און פון איהר האט זיך געטראגען אזא גערוך, ווי אין שטוב וואלטען אריין מאנאכען. סאשא האט אויפגעהויבען די ברעמען און גענומען לעזען הויך אויפ'ן קול מיט א ניגון.

זי האט געלעזען און אלע האבען זיך צוגעהערט.

ביי די לעצטע ווערטער האט זיך שוין אלגא נישט געקענט איינהאלטען און האט זיך צו־וויינט. אויף איהר קוקענדיג האט אויך מאריא גענומען כליפען און דערנאך איוואן מאקאריטש'עס שוועסטער.

דער אלטער האט זיך צוהוסט, גענומען זיך ארומדרעהען און זוכען עפעס א מתנה פאר'ן אייניקעל, האט אבער גארנישט געפונען און נור א מאך געטהאן מיט א האנד. ווען דאס קינד האט געענדיגט לעזען, זיינען זיך די שכנים פונאנדערגעגאנגען איבער זייערע הייזער, געריהרטע און זעהר צופריעדענע מיט אלגא'ן און מיט סאשא'ן.

לכבוד יום טוב איז די פאמיליע געבליבען א גאנצען טאג אין דער היים. די אלטע, וועמען אי דער מאן, אי די שניר, אי די אייניקלאך האבען גערופען באבע, האט זיך געסטארעט צו טהאן אלץ אליין. אליין האט זי געהייצט דעם אויווען און געשטעלט דעם סאמאוואר, געארבייט אין פעלד און אין שטוב און דערנאך נישט אויפגעהערט צו בורטשען, אז מען פערמאטערט זי מיט ארבייט. און שטענדיג האט איהר געקלאפט אין הארצען, אז עמעצער זאל חלילה נישט אויפעסען א איבעריגען ביסען, אז דער אלטער און די שניר זאלען נישט זיצען לעדיג.

דא האט זיך איהר געדאכט, אז דעם טראקטירשציק'ס גענז געהען הינטען ארום אין איהר גארטען און זי איז ארויסגעלאפען פון שטוב מיט א לאנגען שטעקען אין האנד און האט דערנאך א האלבע שעה נאך אנאנד געשריען מיט בענומענע קולות נעבען איהרע קרויט, מאגערע און איינגעטריקענטע, ווי זי אליין; דא האט זיך איהר געדאכט, אז א קראה גנב'עט זיך צו די ציפליאטקעס, און מיט זידלעריי האט זי זיך געווארפען אויף דער קראה. זי האט זיך געזידעלט און געבורטשעט פון פריה ביז נאכט און גאנץ אפט האט זי אויפגעהויבען

אזא געוואלד, אז פארבייגעהער אויף דער גאס האָבען זיך אָבגע־שטעלט.

מיט איהר אַלטען איז זי זיך בעגאַנגען זעהר אונפריינדליך און קיין אַנדער נאָמען, ווי פויליאַק, אָדער כאָליערע, האָט ער פון איהר נישט געהערט. ער איז ווירקליך נישט געווען קיין פליסיגער און האַרעפּאַשנער פויער און עס קען זיין, אז ווען זי וואָלט איהם שטענדיג נישט געטריעבען און געיאָגט, וואָלט ער גאָרנישט געטהאָן, וואָלט נור געזעסען אויפ'ן אויווען און גערעדט. ער האָט לאַנג דערצעהלט דעם זון וועגען געוויסע שונאים זיינע, האָט זיך געקלאָגט אויף די עולות, וועלכע ער מוז כלומרשט יעדען טאָג אויסשטעהן פון די שכנים, און עס איז געוואָרען ניט גוט איהם הערענדיג.

— יאָ — האָט ער דערצעהלט, האַלטענדיג זיך פאַר די זייטען: — יאָ... אין א וואָך נאָך יום טוב האָב איך פערקויפט די הייה צו דרייסיג קאָפּיקעס א פוד, פארקויפט האָב איך מיט מיין אייגענעם ווילען... יאָ... גוט... נור אזוי ווי איך פיהר, הייסט עס, אין דער פריה דאָס הייה מיט מיין אייגענעם ווילען, פיהר און טשעפע קיינעם נישט; אָבער אין א שלעכטער שעה דערזעה איך, ווי פון שענק געהט ארויס דער סטאַראָסטאַ אַנטיפ סיעדעלניקאָוו.

— וואָהין פיהרסטו די הייה, דו אזעלכער און אזעלכער? — און גלייך דערלאַנגט ער מיר איבער'ן אויער.

און קיריאַק'ן האָט פון אויסניכטערען זיך שרעקליך וועה געטהאָן דער קאָפּ און עס איז איהם געווען א חרפה פאר'ן ברודער.

— אָט וואָס בראַנפען טהוט אָן. אָך, דו גאָט מיינער! — האָט ער געשטאַמעלט, טרייסלענדיג מיט זיין קראַנקען קאָפּ: — איהר, ברודער און שוועסטער, האָט קיין פאַראיבעל נישט, מיך פערדריסט עס אליין!

לכבוד יום טוב האָט מען אין טראַקטיר געקויפט א הערינג און פון דער קעפּעל אויסגעקאָכט א יויך. ארום האַלבען טאָג האָבען זיך אַלע געזעצט טרינקען טהעע און געטרונקען האָבען זיי לאַנג, ביז שוויים האָט זיך פון זיי געגאָסען, ווי באָב. און עס האָט זיך געדאַכט, אז זיי ווערען געשוואָלען פון דעם טהעע, און ערשט נאָכדעם האָבען זיי גענומען זופּען דאָס יויך, אַלע פון איין טעפּעל. און דעם הערינג דאָט די באָבע בעהאַלטען.

אויפ'ן אבענד האָט אַ טעפּער איבער'ן גראָבען זיינע טעפּ גע־ברענט. אונטען, אויפ'ן לאָנקע, האָבען די מיידלאַך געטאַנצט אַ קאַראַ־האָד און געזונגען. מען האָט געשפּיעלט אויף אַ האַרמאָניק. און אויף דער אַנדערער זייט פונ'ם טייך האָט אויך געברענט איין אויוועז און מיידלאַך האָבען געזונגען, און פון דער וויטענס האָט דאָס דאָזיגע געזאַנג געקלונגען מעלאָדיש און צערטליך. אין און אַרום טראַקטיר האָבען געטומעלט די פּויערים; זיי האָבען געזונגען מיט שיכורע שטי־מען, יעדער בעזונדער, און האָבען זיך אַזוי געזידעלט, אַז אָלגאַ האָט זיך יעדעס מאָל אַ טרייסעל געטהאָן און געזאָגט:

— אוי, טאַטעלאַך מיינע!...

איהר האָט געוואונדערט, פאַרוואָס עס הערט זיך נאָכאַנאַנד אַזאַ מיאוסע זידלעריי און וואָס די עלטערע לייט, וועמען עס איז שוין צייט צושטאַרבען, זידלען זיך העכער און לענגער פון אַלעמען. און די מייד־לאַך און די קינדער האָבען זיך צוגעהערט צו די דאָזיגע שענדליכע זידלערייען און עס האָט זיי גאָרנישט געאַרט, קענטיג, אַז זיי זיינען דערצו געוועהנט געוועזן נאָך פון וויגעלע אָן.

עס איז שוין געוועזן נאָך האַלבע נאַכט, די אויוועגס, אי דאָ, אי אויף יענער זייט, זיינען שוין אויסגעלאָשען געוואָרען, און אונ־טען, אויפ'ן לאָנקע, און אין טראַקטיר האָט מען נאָך אַלץ געהוליעט.

דער אַלטער און קיריאַק,ביידע שיכורע, זיך האַלטענדיג פאַר די הענד, און שטופּענדיג איינעם דעם צווייטען מיט די פּלייצעס, זיי־נען צוגעקומען צום שטאַל, וואו אָלגאַ און מאַריאַ האָבען געשלאָ־פען.

— לאָז אָב — האָט איהם איינגערעדט דער אַלטער: — לאָז אָב... זי איז אַ פרוי אַ שטילע, אַ דערשלאָגענע... עס איז אַ זינד...

— מאַ־ריאַ! — האָט אַ געשריי געטהאָן קיריאַק.

— לאָז אָב... ס'איז אַ זינד... זי איז אַ וואוילע פרוי.

ביידע זיינען אַ ווײַלע געשטאַנען נעבען שטאַל און זיינען אוועק.

— איך האָב ליעב די בלו־מען פון פע־ע־לד! — האָט דער אַלטער פּלוצים גענומען זינגען מיט אַ הויכען, שרייענדיגען טענאָר — איך לי־ע־ב זיי צו קלייבען אין פעלד!

דערנאָך האט ער אַ שפּיי געטהאָן, האט זיך גראָב אויסגעזידעלט און אוועק אין שטוב אריין.

4.

די באָבע האָט אוועקגעשטעלט סאַשאַ'ן נעבען איהר גאָרטען און איהר געהייסען היטען, אז קיין גענז זאָלען אהין נישט אריין. עס איז געווען אַ הייסער טאָג אין מאָנאַט אויגוסט. דעם טראַקטירשציק'ס גענז האבען זיך געקענט אריינקלייבען אין גאָרטען פון הינטען ארום, זיי זיינען אָבער איצט געווען פערנומען מיט אַ וויכטיגען עסק: זיי האָ־אויפגעפּיקט דעם האָבער ארום טראַקטיר, רעדענדיג פריעדליך צווישען זיך און נור איין זכר־גאַנז האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך, אזוי ווי וועלענדיג זעהן, צו געהען נישט די אַלטע מיט'ן שטעקען. אנ־דערע גענז האָבען געקענט קומען פון אונטען, אָבער יענע האָבען זיך איצט געפּאַשעט וויוט הינטער'ן טייך, זיך צושפּרייטענדיג איבער'ן לאַנקע, ווי אַ לאַנגער, ווייסער בלומען־קראַנץ.

סאַשאַ איז אַ ווײַלע געשטאַנען, און זעהענדיג, אז די גענז געהען נישט, איז איהר לאַנגווייליג געוואָרען און זי איז אוועק צום אָפּגרונד.

דאָרט האָט זי דערזעהן מאַריאַ'ס עלטערע טאָכטער, מאָטקאַ, וועלכע איז אונבעוועגליך געשטאַנען אויף אַ גרויסען שטיין און געקוקט אויפ'ן קלויסטער.

מאַריאַ האָט געבאָרען דרייצעהן קינדער, געבליעבען זיינען ביי איהר נור זעקס און דאס אַלץ מיידלאַך, קיין איין איינציגער אינגעל און די עלטסטע איז געווען אכט יאָהר אַלט.

מאָטקאַ, אַ באָרועסע, אין אַ לאַנגער העמד, איז געשטאַנען אין סאַמע ברען, די זון האָט איהר געברענט גלייך אין נאַקען, נור זי האָט עס נישט באַמערקט און איז געשטאַנען, ווי אַ פערשטיינערטע. סאַשאַ האָט זיך געשטעלט נעבען איהר און קוקענדיג אויפ'ן קלויסטער, האָט זי געזאָגט:

— אין קלויסטער וואוינט גאָט. ביי די מענשען ברענען לאָמפּען און ליכט און ביי גאָט ברענען לעמפּעלאַך רויטינקע, גריגינקע, בלוי־אינקע, ווי אויגעלאַך... ביי דער נאַכט געהט גאָט ארום איבער'ן קלויס־

טער און מיט איהם די הייליגע מוטער און ניקאָלאַי דער פרומער, זיי געהען ארום: טופּ, טופּ, טופּ... און דעם וועכטער נעהמט אָן א אימה, א שרעק! יאָ, יאָ, קאַסאַטקאַ — האָט זי צוגעזעצט, נאָכמאַכענדיג איהר מאַמען — און ווען די וועלט וועט זיך איבערקעהרען, וועלען אַלע קלויסטערס זיך אוועקטראָגען אין הימעל.

— מיט די גלאָקען? — האָט מאַטקאַ געפרעגט מיט א באַס־שטים, אויסציהענדיג יעדעס וואָרט?

— יאָ, מיט די גלאָקען. און דאַן וועלען די גוטע מענשען געהן אין גן עדן און די בייזע און שלעכטע וועלע ברענען אויף א אייביגען פייער, יאָ, יאָ, קאַסאַטקאַ. צו מיין מאַמען און צו דיינער אויך וועט גאָט זאָגען: איהר האָט קיינעם נישט בעליידיגט, נישט געזידעלט און דערפאַר געהט רעכטס אין גן עדן; און קיריאַק'ן און דער באָבען וועט ער זאָגען: און איהר געהט לינקס, אין פייער אריין. און ווער עס האָט געגעסען פלייש אין צייט פון פאָסטען, דער וועט אויך געהן אין פייער.

זי האָט א קוק געטהאָן פון אויבען אויפ'ן הימעל, האָט ברייט פונאַנדערגעעפענט די אויגען און געזאָגט:

— קוק אויפ'ן הימעל, פינטעל נישט מיט די אויגען — מלאכים זעהען זיך.

מאַטקאַ האָט אויך גענומען קוקען אויפ'ן הימעל, און א מינוט איז אוועק אין שווייגען.

— דו זעהסט? — האָט געפרעגט סאַשאַ.

— מען זעהט נישט — האָט אויסגערעדט מאַטקאַ מיט א באַס.

און איך זעה קליינינקע מלאכים'לאך פליהען איבער'ן הימעל און מאַכען מיט זייערע פליגעלאך — אהער און אהין אהער און אהין, אזוי ווי פויגעלאך...

מאַטקאַ האָט א ווײַלע געטראַכט, קוקענדיג אויף דער ערד, און געפרעגט:

— די באָבע וועט ברענען?

— וועט ברענען, קאַסאַטקאַ . . .

פון דעם שטיין, אויף וועלכען זיי זיינען געשטאַנען, איז ביז גאָר ארונטער געגאַנגען א גלייכער אראָפּגאַנג, בעדעקט מיט ווייכע גרינע גראָז, וועלכע עס האָט זיך געוואָלט א טאַפּ טהאָן מיט'ן האַנד, אָדער זיך אויף דעם צולעגען. סאַשאַ האָט זיך אוועקגעלעגט און אראָבגע־

גליטשט אונטען. מאָטקאַ, מיט אַן ערנסטען, שטרענגען פּנים, בלאָזענדיג זיך, האָט זיך אויף געלעגט און אַראָבגעגליטשט זיך, דערביי האָט זיך ביי איהר דאָס העמד פערריסען, ביז די פּלייצעס.

— ווי קאָמיש דאָס איז! — האָט געזאָגט סאשאַ, אַ ענטציקטע.

זיי זיינען ביידע אַוועק צוריק אַרויף, אום זיך נאָך אַמאָל אַראָבצוגליטשען, נור אין דיעזער צייט האָט זיך דערהערט דער בעקאַנטער, קוויטשענדיגער קול.

אַך, וואָס פאַר אַ שרעק! די באָבע, אָהן צייהן, אַ ביינערדיגע, אַ האָרבאַטע, מיט קורצע, גרויע צופּאַטעלטע האָאָר, וועלכע דער ווינד האָט צוטריעבען אין אַלע זייטען, האָט מיט אַ לאַנגען שטעקען געטריעבען די גענז פון גאָרטען און געשריען:

— דאס גאַנצע קרויט מיר צוטראָטען, פערפלוכטע, אַז דריי מאָל זאָלט איהר אַ מיתה משונה איינגעהמען, טייוואָלים, קיין בהלה איז אויף אייך נישטאָ, קיין מגפה!

דערזעהן די מיידלאַך, האָט זי אַ וואָרף געטהאָן דעם שטעקען, האָט אויפגעהויבען אַ צוויג ריטלאַך, אָנגעכאַפּט סאשאַ'ן פאַר'ן האַלז מיט איהרע טרוקענע און האַרטע פינגער און זי גענומען שמייסען.

סאשאַ האָט געוויינט פאַר וועהטאָג און שרעק, און אין דער זעלבער צייט איז דער זכר־גאַנז, שאָקלענדיג זיך פון איין פוס אויף דער אַנדערער און אויסציהענדיג דעם האַלז, צוגעגאַנגען צו דער אַלטער און האָט עפּעס אויסגעגאָרגעלט, און ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין סטאַדע, האָבען איהם אַלע גענז פריינדליך בעגריסט און אויסגעדריקט זייער צושטימונג: גאָ־גאָ־גאָ!...

דערנאָך האָט זיך די באָבע גענומען שמייסען מאָטקען, און דערביי האָט זיך ביי מאָטקאַ'ן ווידער פערריסען דאָס העמד.

שטאַרק פערצווייפעלט און וויינענדיג אויפ'ן קול, איז סאשא אַוועק אין שטוב, זיך בעקלאָגען; הינטער איהר איז געגאַנגען מאָטקאַ, וועלכע האָט אויך געוויינט, נור מיט אַ באַס, נישט אָבווישענדיג די טרעהרען, און איהר פּנים איז שוין געווען אַזוי נאַס, ווי זי וואָלט איהם אין וואַסער אָבגעטונקט.

— טאַטעלאַך מיינע! — האָט זיך אָלגאַ פערוואונדערט ווען זיי ביידע זיינען אין שטוב אריין: — הייליגע מוטער!

סאשאַ האָט גענומען דערצעהלען און אין דער זעלבער צייט איז

מיט אַ משונה'דיגען געשריי און זידלערייען אריינגעלאָפען די באָבע; פעקלאַ איז אין כעס געוואָרען און אין שטוב האָט זיך אויפגעהויבען אַ געטומעל.

— עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט! — האָט אָלגאַ, אַ בלייכע און בעאונרוהיגטע געטרייסט סאשאַ'ן, גלעטענדיג איהר איבער'ן קעפעל: — זי איז אַ באָבע, אויף איהר טאָר מען זיך נישט בייזערען, עס מאַכט נישט. קינדעלע.

ניקאָלאַי, וועלכער איז שוין געווען אַ פערמוטשעטער פון די שטענדיגע קולות, פון הונגער און טשאַד, וועלכער האָט שוין אַצינד געהאַסט און פעראַכטעט די אָרימקייט און האָט זיך געשעהמט פאַר זיין ווייב און טאָכטער, וואָס ער האָט אַזעלכע טאַטע־מאַמע, האָט אראָבגעשלעפט די פיס פון אויווען און װענדענדיג זיך צו דער מוטער, האָט ער ארויסגערעדט צורייצט מיט אַ וויינעדיגען קול:

— איהר דאַרפט זי נישט שלאָגען! איהר האָט נישט קיין שום פולע רעכט איהר צו שלאָגען!

— נו, קראַפיר שוין דאָרט אמאָל, אויפ'ן אויוועז, שטיק צרה דו! — האָט אויף איהם פעקלאַ אַ געשריי געטהאָן — דער שווארץ יאָהר האָט אייך אהער געבראַכט, אַזעלכע אומזיסטע פרעסער!

און סאַשאַ און מאָטקאַ, און אַלע איבעריגע מיידעלאַך, האָבען זיך פעררוקט אין ווינקעל אויפ'ן אויוועז, הינטער ניקאָלאַי'ס רוקען, און האָבען פון דאָרט אַלעס אויסגעהערט שווייגענדיג, מיט גרויס מורא, און עס האָט זיך געהערט, ווי עס קלאַפען זייערע קליינינקע קינדערשע הערצעלאַך.

ווען אין אַ פאַמיליע געפינט זיך אַ חולה, וועלכער קרענקט שוין לאַנג און קיין האָפנונג פאַר זיין געזונג איז ניטאָ, דאַן זיינען דאָ אַזעלכע שווערע מינוטען, ווען שטיל און פערבאָרגען, אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון זייער הארצען, ווינשען אַלע זיינע נאָהענטע איהם דעם טויט... און נור די קינדער האָבען מורא פאַר דעם טויט פון אַ אייגענעם מענשען און ביים געדאַנק װעגען טויט שפירען זיי אימער אַן אימה'דיגע מורא. און אַזוי אויך איצט האבען די מיידעלאַך מיט אַ אומעדיגען אויסדרוק אויף זייערע פּנים'ער, מיט פערהאַלטענע אָטהעמס געקוקט אויף ניקאָלאַי'ן און געטראַכט וועגען דעם, אַז ער וועט

באלד שטארבען און זיי האט זיך וויינען געוואָלט און ריידען צו איהם פריינדליך, לאַסטשענדיג און מיט רחמנות.

ער האָט זיך געדריקט צו אָלגאַ'ן, אזוי ווי זוכענדיג ביי איהר שוץ, און האָט גערעדט צו איהר שטיל, מיט אַ ציטערענדיגען קול:

—אָליא, טהייערע, איך קען דאָ מעהר נישט אויסהאַלטען. מיינע כוחות זיינען מיר שוין אויסגעגאַנגען. אום גאָטעס ווילען, צוליעב זיין הייליגען נאָמען, שרייב אָן אַ בריעף צו דיין שוועסטער קלאַוודיא אי־וואַנאָוונאַ, זאָל זי פערקויפען, פערזעצען אַלץ, וואָס זי האָט, און זאָל אונז שיקען געלד, מיר וועלען דאַן אוועק פון דאַנען. אַך, גאָטוניו — האָט ער גערעדט מיט בענקעניש: — כאָטש מיט איין אויג וואָלט איך וועלען אַ קוק טהאָן אויף מאָסקווע! וואָלט איך זי כאָטש אין חלום געזעהן, די מוטער פון אַלע שטעדט, מאָסקווע!

און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלען און אין שטוב איז פינסטער געוואָרען, איז געוואָרען אַזוי אומעדיג, אזוי טרויעריג, אַז עס איז שווער געווען אַ וואָרט אויסצורעדען. די בייזע באַבע האָט איינגעווייקט קאָרע־נע ברעקלאַך אין אַ טעצעל און האט זיי געזויגען לאַנג, אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד. מאַריא האָט אויסגעמאָלקען די קוה און געבראַכט אַ עמער מילך, וועלכען זי האָט אוועקגעשטעלט אויף דער באַנק; דער־נאָך האט די באָבע איבערגעגאָסען דאס מילך פון עמער אין קריגלאַך. געטהאָן האט זי דאס אויך לאַנגזאַם, נישט איילענדיג זיך, קענטיג אַ צופריעדענע, וואס איצט אין פאָסט־צייט וועט קיינער נישט טרינקען קיין מילך און עס וועט אין גאַנצען בלייבען שטעהן. און נור אַ קליין ביסעלע, אַ קאַפּעטשקע האט זי אָבגעגאָסען אין אַ טעצעלע פאר פעק־לאַ'ס עופה'לע.

ווען זי און מאַריא האבען אוועקגעטראָגען די קריגלאַך אין קע־לער אריין, האט זיך מאשקאַ פּלוצים אַ כאַפּ געטהאָן, איז אראָבגע־קראָכען פון אייווען און, צוגעגאַנגען צו דער באַנק, וואו עס איז גע־שטאַנען דער באַבע'ס שיסעלע מיט ברעקלאַך, האט זי אהין אריינ־געטריפט אַ קאַפּ מילך פון טעצעלע.

אומגעקעהרט זיך צוריק אין שטוב, האט די באַבע ווידער גע־נומען זויגען די ברעקלאַך, און סאשאַ און מאָטקאַ, זיצענדיג אויפ'ן אייווען, האבען אויף איהר געקוקט און זיך געפרעהט, וואס איצט אין פאָסט־צייט, האט זי זיך מילכיג געמאַכט און וועט דערפאר זיכער

געהן אין גיהנום אריין, ברענען אויפ'ן פייער. דערמיט האבען זיי זיך געטרייסט און געגאנגען שלאָפען, און איינשלאָפענדיג, האט זיך סאַשאַ'ן פאָרגעשטעלט דער מורא'דיגער גיהנום: עס ברענט א גרויסער אייווען, אונגעפעהר אזוי ווי די, אין וועלכער די טעפּער ברענען זייערע כלים און א בייזער רוח מיט הערנער, ווי ביי א קוה, אין גאנצען א שווארצער, יאָגט די באָבע'ן מיט א לאנגען שטעקען אין פייער אריין, אויף דעם אייגענעם שטייגער, ווי זי אליין האט אמאָל געיאָגט די גענז.

5.

איין מאָל, א זייגער עלף ביי נאכט, אין דעם יום טוב אוספּעניע, האבען די מיידלאך און בחורים, וועלכע האבען שפּאצירט אונטען אויף דער לאָנקע, געמאכט א געוואלד און א ליארם און גענומען לויפען צו דער דאָרף צו; און די יעניגע, וועלכע זיינען געזעסען פון אויבען אויפ'ן ברעג פון'ם גראָבען, האבען אין פלוג נישט פערשטאנען, וואס דאָ טהוט זיך.

— פייער! פייער! — האט זיך דערהערט פון אונטען א פערצווייפעלטער געשריי — מיר ברענען!

די, וואס זיינען געזעסען פון אויבען, האבען זיך אומגעקוקט און זיי האבען דערזעהן א שרעקליך, אונגעוועהנליך בילד. אויף איינער פון די זייטיגע שטיבער, אויף דעם שטרויענעם דאך, איז געשטאנען א הויכער פייערדיגער זייל, וועלכער האט זיך געדרעהט און געשאָטען פון זיך פונקען אין אלע זייטען, אזוי ווי א פאָנטאַן. און גלייך האט זיך דער גאנצער דאך אָנגעצונדען מיט א העלען פלאם און עס האט זיך דערהערט דאס טרעשצען פון פייער.

דער שיין פון דער לבנה איז פערדונקעלט געוואָרען, און דאס גאנצע דאָרף איז ארומגעכאפּט געוואָרען מיט א רויטער ציטערענדער ליכטיגקייט; איבער דער ערד האבען געשוועבט שווארצע שאָטענס, עס האט געשמעקט מיט סמאָלינעס; און די, וועלכע זיינען אונטען געלאָפען, זיינען געווען פערסאָפּעט, פערהאָוועט, האבען ניט געקענט

ריידען פון שטאַרקען ציטערען, האבען זיך געשטופּט און געשטויסען, זיינען געפאַלען און, נישט זייענדיג געוועהנט צו אַזאַ העלער ליכטיג־קייט, האבען זיי אַצינד שלעכט געזעהן און נישט דערקענט איינער דעם אַנדערן. עס איז געווען מורא'דיג. דאס שרעקליכסטע דערביי איז געווען דאס, וואס אין רויך איבער'ן פייער זיינען אַרומגעפלויגען טויבען און אין טראַקטיר, וואו מען האט וועגען פייער נאָך גאָרנישט גע־וואוסט, האט מען ווייטער געזונגען און געשפּיעלט אויף אַ האַרמאָניקע, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

— דער פעטער סעמען ברענט! — האט עמעצער אַ געשריי גע־טהאָן מיט אַ הויכען, גראָבען קול.

מאַריאַ, אַ וויינענדיגע, איז אַרומגעלאָפען אַרום איהר שטוב, ברעכענדיג די הענד און עס האט איהר געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, כאָטש דער פייער איז געווען ווייט, אויף דעם אַנדערן עק דאָרף; ניקאָלאַי איז אַרוים אין די וואָליקעס, קינדער זיינען אין הוילע העמד־לאַך אַרויסגעלאָפען.

נעבען דער שטוב פון דעם דאָרף'ס־בעאַמטען האט מען גענומען קלאַפּען אין אַ טשוגוגענער ברעט. בעם, בעם, בעם... האט זיך גע־נומען טראָגען אין לופטען, און פון דעם דאָזיגען אָפטען, אונרוהיגען קלאַנג האט געשניטען ביים האַרצען און עס איז געוואָרען קאַלט אין אַלע גליעדער.

די אַלטע פרויען זיינען געשטאַנען מיט הייליגע־בילדער. פון די הויפען האט מען אַרויסגעטריעבען אין גאַס די שעפּסען, קעלבלאַך און קיה, מען האט אַרויסגעטראָגען קופערטען, שעפּסען־פעל, קאַדקעס.

דער וואָראָנער זשערעבעץ, וועלכען מען האט נישט אַרויסגעלאָזט אין פעלד, ווייל ער האט געבריקעט און געקאַליעטשעט די פערד, האט אַצינד, ווען מען האט איהם פריי געלאָזט, זיך געטראָגען איבער דער דאָרף מיט אַ הירזשען, קלאַפּענדיג מיט די פיס. ער איז דורכגעלאָפען די דאָרף איין מאָל, אַ צווייטען, האט זיך פּלוצים אָבגעשטעלט נעבען אַ וואָגען און גענומען איהם קלאַפּען מיט די הינטערשטע פיס.

אויף יענער זייט, אין'ם קלויסטער, האט מען אויך גענומען קלינגען.

נעבען דער ברענעדיגער שטוב איז געווען היים און אַזוי ליכטיג, אַז מען האט דייטליך געזעהן יעדעס גרעזעלע.

אויף איינעם פון די קופּערטען, וואס מען האט נאָך צייט געהאַט ארויסצושלעפּען, איז געזעסען סעמען, א רויטער פּויער מיט א גרויסער נאָז, אין אַ קאַרטוזעל אויפ'ן קאָפּ, וואס איז געווען אראָבגעצויגען טיעף ביז איבער די אויערען און אין א רעקעל; זיין ווייב איז געלעגען א דערשלאָגענע מיט'ן פּנים אראָב און האט געקרעכצט.

עפּעס אַן אַלטינקער, א יאָהר אַכציג אַלט, א נידעריגער, מיט א גרויסער באָרד, נישט קיין היגער, נור קענטיג, אז ער האט געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט'ן פייער, איז ארומגעגאנגען אָהן א היטעל מיט א ווייס בינטעל אין די הענד; אויף זיין פּליך האט זיך אָבגעשפּיעגעלט דער פייער.

דער סטאַראָסטאַ אַנטיפּ סיעדעלניקאָוו, א דונקעלער, מיט שוואַרצע האָאַר, ווי א ציגיינער, איז צוגעגאַנגען צו דער שטוב מיט א האַק און ארויסגעזעצט די פענסטער איינס נאָך'ם אַנדערע, דערנאָך האט ער זיך גענומען האַקען דאַס בריקעל.

— ווייבער, וואַסער! — האט ער געשריען — די מאַשין אַהער! ריהרט זיך!

די זעלביגע פּויערים, וועלכע האבען נור וואס געהוליעט אין טראַקטיר, האבען אַצינד געשלעפּט אויף זיך די לעש-מאַשין. זיי זיינען אַלע געווען שכור, האבען זיך אַלע ווייַלע אויסגעגליטשט און געפאַלען, און ביי זיי אַלעמען אויף די פּנים'ער איז געווען א הילפלאָזער אויסדרוק און טרערען אין די אויגען.

— מוידען, וואַסער! — האט געשריען דער סטאַראָסטאַ אויך א שכור'ער — ריהרט זיך, מוידען!

די ווייבער און מיידלאַך זיינען געלאָפען אונטען, וואו עס האט געפלאָסען א קוואַל, און האבען געשלעפּט ארויף באַרג פולע עמערס און קרוגען וואַסער און אריינגעגאָסען עס אין מאַשין, זיינען זיי ווידער געלאָפען נאָך פרישע וואַסער. וואַסער האבען געשלעפּט אי אָלגאַ, אי מאַריאַ, אי סאַשאַ, אי מאָטקאַ. די לעש-מאַשין האבען געפּומפּט די ווייבער און אינגלאַך. די קישקע האט געשיפּעט, און דער סטאַראָסטאַ, אָנשטעלענדיג זי דאָ אויף דער טהיר און דאָ אויף די פענסטער, האט מיט זיין פינגער פערהאַלטען דעם שטראָם, פון וואס זי האט געשיפּעט נאָך שטאַרקער.

— א בריה, א יונג, אנטיפּ! — האבען זיך געהערט צופריערענע אויסרופען — סטארע זיך!

און אנטיפּ איז געקראָכען אין פירהויז, אין פייער און האט פון דאָרט געשריען:

— וואסער! בעמיהט זיך, פרומע קריסטען, צוליעב אזא אונגליקליכען צופאל!

די פּויערים זיינען קופּקעסווייז געשטאנען דערביי, האבען געקוקט אויפ'ן פייער און גאָרנישט געטהאָן. קיינער האט נישט געוואוסט פארוואס זיך צו כאפּען, קיינער האט גאָרנישט געוואוסט און געקענט.

און ארום זיינען געלעגען בערגלאך מיט תבואה, מיט הייה, עס זיינען געשטאנען שפּייכלערס און גאנצע בערג מיט טרוקענע שפּענער. דאָ זיינען אויך געשטאנען קיריאק און דער אלטער אָסיפּ, זיין פאָטער,ביידע אביסעל אָנגעסנאָפּקעט. און עפּעס, ווי זיך פארענפערענדיג פאר זיין שטעהן מיט לעדיגע הענד, האט דער אלטער גערעדט, זיך ווענדענדיג צו דער פרוי, וועלכע איז געלעגען אויף דער ערד:

— וואס קלאָגסטו אזוי! די שטוב איז דאך פארשטראכירט, וואס איז דיר אזוי!

סעמען, זיך ווענדענדיג דאָ צו איינעם און דאָ צו אַן אנדערן, האט דערצעהלט פון וואס דער פייער האט זיך אָנגעהויבען:

— אָט דער דאָזיגער אלטינקער, מיט'ן בינטעל אונטער'ן פּאכווע, איז איינער פון דעם גענעראל זשוקאָוו'ס בעדיענטע... ביי אונזער גענעראל, א ליכטיגען גן עדן זאָל ער האבען, איז ער געווען אלס קאָך. קומט ער צוגעהן אין אָבענד און זאָגט: „לאָז מיך אריין איבערנעכטיגען"... נו, האב איך איהם אריינגעלאָזען, מיר האבען גענומען צו גלעזלאך, ס'פערשטעהט זיך... די אלטע האט גענומען פּאַדען ארום סאמאָוואר, האט געוואָלט געבען דעם אלטען א גלעזעלע וואַרעמס, האט זי אבער אין א שלעכטער שעה אוועקגעשטעלט דעם סאַמאָוואר אין פירהויז. דאס פייער האט גענומען זעצען פון קוימען גלייך אין דאך אריין, אין די שטרוי, נו, האט עס זיך אָנגעכאפּט. מיר זיינען אליין שיעור נישט פערברענט געוואָרען. און דאס היטעל, דעם אלטען'ס, איז אויך פערברענט געוואָרען, א גרויסער שאַד...

און אין דער טשוגונענער ברעט האט מען אָהן אויפהער גע־קלאפט און אין קלויסטער הינטער'ן טייך אָפט געקלונגען.

אָלגא, אין גאַנצען א פערגאַסענע אין העלען שיין, , זיך שטיקענ־דיג און קוקענדיג מיט שרעק אויף די רויטע שעפסען און די ראָזאָווע טויבען, וועלכע זיינען געפלויגען אין רויך, האט געהאלטען אין איין לויפען דאָ ארונטער, און דאָ ארויף. איהר האט זיך געדאכט, אז דער דאָזיגער קלאנג איז ווי א שארפער שפיעז צו איהר אין דער נשמה אריין, אז דער פייער וועט זיך קיין מאָל ניט אויסלעשען, אז סאַשאַ איז פערלאָרען געגאנגען... און ווען דער באלקען פון הויז איז איינ־געפאלען, איז זי זיכער געווען, אז די גאַנצע דאָרף וועט איצט אודאי אוועק מיט פייער און פון דעם דאָזיגען געדאנק איז זי אזוי שוואַך געוואָרען, אז זי האט שוין מעהר קיין וואסער נישט געקענט טראָגען און איז געבליעבען זיצען אויפ'ן גראָבען, מיט די עמערס נעבען זיך; נעבען איהר און נידעריגער זיינען געזעסען ווייבער און געקלאָגט, ווי נאָך א טויטען.

נור אָט האבען זיך פון יענער זייט בעוויזען צוויי וועגען און אויף זיי די ארבייטער און פריקאזטשיקעס פון שטאָדטישען גוטס־בעזיצער; זיי האבען געבראַכט מיט זיך א לעש־מאַשין. עס איז אויך געקומען רייטענדיג אויף א פערד א יונגער סטודענט אין א ווייסען ראָק.

זיי האבען גענומען קלאפען מיט העק, צו דער ברענעדיגער שטוב האט מען צוגעשטעלט א לייטער און פינף מענשען האבען גענומען קריכען אויף איהם מיט איין מאָל. פריהער פאר אלע דער סטודענט, וועלכער איז געווען רויט און האט געשריען מיט א הארטען, הייזעריי־גען קול און מיט אזא טאָן, ווי דאס לעשען פון פייערן וואָלט פאר איהם געווען א גאַנץ געוועהנליכע זאך. מען האט צונומען די שטוב אויף ברעטער; די שטאַל, דעם פלאנקען און די נעהנסטע בערגלאך הייה האט מען צושלעפט.

— ניט לאָזט ברעכען! — האבען זיך צווישען עולם דערהערט שטרענגע שטימען — לאָזט ניט!

קיריאַק האט גענומען געהן צו דער הויז מיט אַן ענטשלאָסענעם גאנג, ווי וועלענדיג שטערען די אָנגעפאָהרענע ברעכען, נור איינער פון די ארבייטער האט איהם אומגעקעהרט צוריק און דערלאנגט איהם

איבער'ן האַלז. עס האט זיך דערהערט א געלעכטער, דער ארבייטער האט איהם נאָך אמאָל דערלאַנגט, קיריאַק איז אומגעפאַלען און אויף אַלע פיער, איז ער אוועקגעקראָכען צוריק און זיך בעהאַלטען צווישען עולם.

פון יענער זייט זיינען אויך געקומען צוויי שעהנע מיידלאַך אין היט, דאס זיינען מסתמא געווען דעם סטודענט'ס שוועסטער. זיי זיינען געשטאַנען פון וויטענס און געקוקט אויפ'ן פייער. די פונאַנדערגע־שלעפטע ברעטער האבען שוין מעהר נישט געברענט, זיי האבען נור שטארק געראויכערט; דער סטודענט, וועלכער האט געארבייט מיט דער קישקע, האט געלאָזט לויפען דעם שטראָם דאָ אויף די ברעטער, דאָ אויף די פויערים, און דאָ אויף די ווייבער, וועלכע האבען גע־שלעפט וואסער.

— זשאָרזש! — האבען צו איהם געשריען די מיידלאַך מיט פאָרוואורף און אונרוהע אין קול — זשאָרזש!

דער פייער איז איינגעלאָשען געוואָרען. און ערשט דאַן, ווען מען האט זיך גענומען פונאַנדערגעהן, האט מען באמערקט, אז עס איז שוין טאָג, אז אַלע זיינען בלייך און פעררויכערט — אזוי דאכט זיך אַלע מאָל אוים אין די פריהע פרימאָרגענס, ווען אויפ'ן הימעל לעשען זיך אוים די לעצטע שטערן.

פונאַנדערגעהענדיג זיך אהיים, האבען די פויערים געלאַכט און געוויצעלט זיך איבער דעם גענעראַל זשוקאָוו'ס קאָך און איבער זיין היטעל, וועלכע איז פערברענט געוואָרען. זיי האט זיך אצינד געוואָלט מאכען שפאַס פון'ם גאַנצען פייער און זיי האט ווי פערדראָסען, וואס דער פייער האט זיך אזוי שנעל געענדיגט.

— איהר, פריץ'ל, האט גוט געלאָשען — האט געזאָגט אָלגא צום סטודענט — איהר האט געדארפט זיין ביי אונז, אין מאָסקווע, דאָרט טרעפט כמעט יעדען טאָג, אז עס ברענט.

— איהר זייט דען פון מאָסקווע? — האט געפרעגט איינע פון די פרייליינס.

— יאָ, פון מאָסקווע. מיין מאַן האט געדיענט אין „סלאַווישען באַזאַר." און דאס איז מיין טאָכטער — האט זי אָנגעוויזען אויף סאשאַ'ן, וועלכע איז געשטאַנען א צוסקאַליעטע און זיך געדריקט צו איהר — זי איז אויך א מאָסקווערין.

ביידע פריילענס האבען עפּעס געזאָגט צום סטודענט אויף פראנ־צויזיש און יענער האט דערלאנגט סאשא'ן א פּיערציגער. דער אלטער אָסיפּ האט עס דערזעהן און אויף זיין פּנים האט פּלוצים גענומען שיינען א האָפנונג.

— דאנקען גאָט, אייער וואָהלגעבאָרען, וואס קיין ווינד איז נישט געווען — האט ער געזאָגט, ווענדענדיג זיך צום סטודענט — אז נישט וואָלטען מיר אין איין שעה אלע מיט פייער אוועק. אייער וואָהלגעבאָרען, גוטינקע העררען — האט ער צוגעזעצט פארשעהמט, מיט א טאָן נידעריגער — ס'איז א קאלטער פריהמאָרגען, עס וואָלט ניט שאדען זיך אָנצואווארעמען... שענקט אויף א האלב קווערטעל בראנפען, אייער גנאָדען.

מען האט איהם גאָרנישט געגעבען און, א הוקע טהאָנדיג, האט ער זיך אוועקגעשלעפּט אהיים.

אָלגא איז דערנאָך געשטאנען און געקוקט, ווי ביידע וועגען זיינען אריבערגעפאָהרען איבער'ן טייך, ווי איבער'ן לאָנקע זיינען געגאנ־גען די הערשאפטען; אויף דער אנדערער זייט האט זיי ערוואַרטעט א קאוטש. און קומענדיג אין שטוב, האט זי דערצעהלט דעם מאן מיט בעגייסטערונג:

— זיי זיינען אזעלכע גוטינקע! און אזעלכע שעהנע! און די פריילענס — אמת'ע מלאכים!

— אז צושפּרונגען זאָלען זיי ווערען! — האט ארויסגערעדט די פערשלאָפענע פעקלא מיט כעס.

6.

מאריא האט זיך געהאלטען פאר אן אונגליקליכע באשעפעניש, און געזאָגט, אז זי וואָלט זעהר וועלען שטארבען. פעקלא'ן ווידער איז דאס ארומיגע לעבען געווען, ווי אָנגעמאָסטען, אי די אָרימקייט, אי די אונריינקייט, אי די אונאויפהערליכע גראָבע זידלעריי איז געווען פּונקט נאָך איהר געשמאק. זי האט געגעסען, וואס מען האט איהר גע־

נעבען, נישט אויסקלייבענדיג; איז געשלאָפען וואו און אויף וואס עס האט זיך געמאכט; די פאָמוניצעם פלעגט זי ארויסגיסען ביים סאמע בריקעל: האט א כליאפ געטהאָן פון שוועל ארויס, און האט זיך נאָך דורכשפאציערט מיט די בארפוסע פיס איבער דער לוזשע. און פון דעם ערשטען טאָג אָן האט זי גענומען האסען אָלגא'ן און ניקאָלאי'ען גראד דערפאר, ווייל זיי איז דאס דאָזיגע לעבען נישט געפעלען.

— איך וועל אָקאָרשט א קוק טהאָן, וואס איהר וועט דאָ עסען, איהר מאָסקווער פּריצים! — האָט זי גערעדט מיט פערביסענקייט — איך וועל שוין זעהן!

איין מאָל אין דער פריה, דאס איז געווען אין אָנהויב סעפּטעמ־בער, האט פעקלא געבראכט פון אונטען צוויי עמער וואסער, זי איז געווען פערוויטיגט פון קעלט, געזונד און שעהן; מאריא און אָלגא זיי־נען אין דיעזער צייט געזעסען ביים טיש און געטרונקען טהעע.

— טהעע מיט צוקער, אנדערש פּאסט זיי נישט! — האט גע־זאָגט פעקלא שפּאָטיש — אַזעלכע גרויסע פּריץ'טעם — האט זי ווײ־טער גערעדט, אוועקשטעלענדיג די עמערס — א מאָדע האבען זיי זיך געמאכט, יעדען טאָג גאָר טהעע טרינקען. זעהט, איהר זאָלט אָקאָרשט נישט צופּלאצט ווערען פון דער טהעע! — האט זי גערעדט, קוקענדיג מיט האס אויף אָלגא'ן — האט זיך אין מאָסקווע אָנגעלעבט אזא גראָבע מאָרדע, דאס שטיק פלייש!

זי האט זיך פארמאָסטען מיט דעם שטעקען, אויף וועלכען זי האט נור וואס דאס וואסער געבראכט, און דערלאנגט אָלגא'ן איבער'ן פּלייצע אזא זעץ, אז ביידע שוועגערינס האבען א פּאטש געטהאָן מיט די הענד און ארויסגערעדט:

— אָך, טאטעלאָך מיינע!

דערנאָך איז פעקלא אוועק צום טייך וואשען וועש און די גאנצע וועג האט זי זיך געזידעלט אזוי הויך, אז מען האט איהר געהערט אין שטוב.

דער טאָג איז אוועק. דער לאנגער יעסינדיגער אָבענד איז אָנגע־קומען. אין שטוב האט מען געוויקעלט זייד; געוויקעלט האבען אלע אויסער פעקלא'ן: זי איז אוועק הינטער'ן טייך. די זייד האט מען

גענומען פון דער נעהנטסטער פאַבריק און די גאַנצע פאַמיליע האָט אויף איהם אויסגעאַרבייט ארום צוואַנציג קאָפּיקעס א וואָך.

— ווען די פּריצים זיינען אונזערע בעלי הבתים געווען, איז א סך בעסער געווען — האָט גערעדט דער אַלטער, וויקלענדיג די זייד— אי דו אַרבייטסט, אי דו עסט, אי דו שלאָפסט, אַלץ מיט א סדר. צום מיטאָג דערלאַנגט מען דיר ראָסעל מיט קאַשע, צו וועטשערע ווידער אַמאָל ראָסעל מיט קאַשע. אוגערקעלאָך און קרויט איז געווען איבער׳ן האַלז: עס ווי פיעל דיין האַרץ גלוסט. און שטרענגקייט, דרך ארץ איז אויך געווען מעהר. יעדער האָט געוואוסט, ווער ער איז.

די גאַנצע שטוב האָט בעלויכטען נור איין קליין לעמפּעלע, וואָס האָט געברענט דונקעל און האָט גערויכערט. ווען עמעצער האָט פאַר־שטעלט דאָס לעמפּעלע און א גרויסער שאָטען איז אויפ׳ן פענסטער געפאַלען, דאַן האָט זיך געזעהן דאָס העלע שיין פון דער לבנה.

דער אַלטער אָסיפּ האָט, נישט איילענדיג זיך, דערצעהלט, ווי מען האָט געלעבט איידער מען איז פריי געוואָרען, ווי אין די אייגענע פּלעצער, וואו עס לעבט זיך אצינד אזוי אָרעם, אזוי לאַנגווייליג, זיינען אַמאָל די פּריצים אויף געיעג געגאַנגען מיט פערשיעדענע טהייערע הינד, און ווי אין דער צייט פון געיעג האָט מען די פּויערים מיט בראַנפען געפּאָיעט... ווי אין מאָסקווע זיינען געגאַנגען גאַנצע פוה־רען מיט גע׳הרג׳עטע פויגלען פאַר די יונגע פּריצים. ווי די שלעכטע פּויערים האָט מען מיט שמיץ בעשטראָפט אדער מען האָט זיי פער־שיקט העט וויט־ווייט, און די גוטע האָט מען בעלוינט.

אויך די באָבע האָט וואָס־עס־איז דערצעהלט פון אַמאָל. זי האָט אַלעס געדענקט, אַלעס. זי האָט דערצעהלט וועגען איהר פּריץ׳טע, א גוטע, גאָטספּירכטיגע פרוי, וועמעס מאַן איז געווען א אויסברייננער און אַן אויסגעלאַסענער מענש, און ביי וועמען אַלע טעכטער האָבען חתונה געהאַט, גאָט וויים מיט וועמען: איינע האָט געהייראַט מיט א שכור, די אַנדערע — מיט א קליין־בירגער און די דריטע איז אין גע־היים אַנטלאָפען... (זי, די באָבע אַליין, וועלכע איז נאָך דאַן א מיידעל געווען, האָט איהר געהאָלפען אַנטלויפען) און ווי זיי, די דריי טעכטער, זיינען אין גיכען געשטאָרבען פון צרות, ווי זייער מאַמע. און דערמאָנט זיך אָן דעם, האָט די באָבע פאַרגאָסען עטליכע טרערען.

פלוצים האט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טהיר, און אַלע האבען זיך א טרייסעל געטהאָן.

— פעטער אָסיפּ, לאָז מיך אריין איבערנעכטיגען!

עס איז אריין א קליינטשיקער, פליכעוואטער אַלטינקער, דעם גענעראַל זשוקאָוו'ס קאָך, דער אייגענער, וועמעס היטעל עס איז פער־ברענט געוואָרען. ער האט זיך צוגעזעצט, געהערט א ווײלע און אויך גענומען זיך דערמאָנען און דערצעהלען מעשה'לאך פון אַלטע צייטען.

ניקאָלאַי, זיצענדיג אויפ'ן אייוועז מיט די פיס אריבערגעהאנגען פון אויבען, האט זיך צוגעהערט און אַלץ געפרעגט אויף די שפּייזען, וועלכע מען האט געקאָכט פאר די אַלטע פּריצים. מען האט גערעדט פון קאָטלעטען, פערשיעדענע סופּען, סאָוסען, און דער קאָך, וועלכער האט אויך אַלעס געדענקט, האט אָנגערופען נעמען פון שפּייזען, וועל־כע זיינען שוין איצט ניטאָ.

— און קאָטלעטען מאַרעשאַל האט מען דאן געמאכט? — האט געפרעגט ניקאָלאַי.

— ניין.

ניקאָלאַי האט מיט פאָרוואורף א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— עך, איהר זייט מיר אויך קוכאַרעס!

די מיידלאך, זיצענדיג און ליגענדיג אויפ'ן אייוועז, האבען אראָב־געקוקט אונטען און זייערע אויגלאך האבען געקוקט גלייך, נישט פינ־טלענדיג; עס האט זיך אויסגעדאכט, אז עס זיינען געווען זייערע גאָר א סך — ווי מלאכים אין די וואָלקענס. די מעשה'לאך זיינען זיי גע־פעלען געוועז; זיי האבען געזיפצט, געטרייסעלט זיך און בלייך גע־וואָרען, דאָ פאר בעגייסטערונג און דאָ פאר שרעק, און די באָבע'ן, וועלכע האט דערצעהלט שעהנער און אינטערעסאנטער פון אַלעמען, האבען זיי אויסגעהערט אָהן אָטהעם, מורא האָבענדיג זיך א ריהר צו טהאָן.

שלאָפען איז מען אוועק שווייגענדיג; און די אַלטע, אונרוהיגע און אויפגערעגטע פון די אַלטע עראינערונגען, האבען געטראכט דער־פון, ווי שעהן, ווי גוט איז די יוגענד, נאָך וועלכער, ווי זי זאָל דאָרט נישט האבען געוועז, בלייבט פאָרט אין די זכרונות אזוי פיעל פרעה־ליכעס, ליכטיגעס, ריהרענדעס... און ווי שרעקליך קאַלט איז דער

טויט, וועלכער איז שוין גאָרנישט ווייט... עך, בעסער נישט טראַכ־טען וועגען דעם!

דאס לעמפּעל איז אויסגעגאַנגען. און אי די פינסטערניש, אי די צוויי פענסטערלאך, שאַרף בעלויכטען פון דער לבנה, אי די שטיל־קייט, אי דאס סקריפּען פון'ם וויגעלע, האבען עפּעס דערמאָנט נור אָן דעם, אז דאס לעבען איז אוועק, און בשום אופן וועסטו עס שוין נישט אומקערען צוריק... דרעמעלסט איין, פערגעסט זיך, און פּלוצים ריהרט דיך עמעצער אָן פאר דער פּלייצע, טהוט דיר א בלאָז אין באק — און נישטאָ מעהר קיין שלאָף... דער קערפּער איז שווער, ווי דו וואָלסט איהם אָבגעלעגען און אין קאָפּ קריעכען אליץ געדאַנקען וועגען טויט; האָסט זיך אומגעקעהרט אויף דער אַנדערער זייט, אָן טויט האָסטו שוין פערגעסען, אבער אין קאָפּ קריכען אלטע, אומע־דיגע, נודנע געדאַנקען וועגען ברויט, וועגען דער אייביגער נויט, אז מעהל איז טהייערער געוואָרען און אביסעל שפּעטער דערמאָנסטו זיך ווידער, אז דאס לעבען איז אוועק, און וועסט איהם שוין קיין מאָל, קיין מאָל נישט צוריקקעהרען...

— אך, גאָטוניו! — האט א זיפץ געטהאָן דער קאָך.

עמעצער האט שטיל־שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענסטער: מסתמא איז פעקלא אהיים געקומען. אָלגא איז אויפגעשטאַנען און, געגעצענ־דיג, שעפּטשענדיג א געבעט, האט זי געעפענט די טהיר, דערנאָך האט זי אין פירהויז ארויסגענומען דעם ריגעל. קיינער איז ניט אריין, נור פון גאס האט א בלאָז געטהאָן א קעלט און עס איז פּלוצים געוואָרען ליכטיג פון דער לבנה. אין דער אָפענער טהיר האט זיך געזעהן די גאַס, א שטילע און איינזאַמע, און די לבנה, וועלכע איז איבער'ן הימעל געשוואומען.

— ווער איז דאָ? — האט אויסגערופען אָלגא.

— איך — האט זיך דערהערט אָן ענטפער — דאס בין איך.

נעבען דער טהיר, צוגעדריקט צו דער וואַנט, איז געשטאַנען פעקלא, אין גאַנצען א נאַקעטע. זי האט געציטערט פאר קעלט, גע־קלאפּט מיט די צייהן און פאר דעם העלען שיין פון דער לבנה האט זי אויסגעוויזען זעהר בלייך, שעהן און מערקווירדיג.

די שאָטענס און דער גלאַנץ פון דער לבנה, וועלכע זיינען גע־פאַלען אויף איהר נאַקעטען קערפּער, האבען זיך עפּעס מאָדנע גע־

וואָרפען אין די אויגען און בעזונדערס דייטליך זיינען ארויסגעטראָ־טען איהרע דונקעלע ברעמען און די יונגע, שטארקע ברוסט.

— אויף יענער זייט טייך האבען מיך די אונפערשעהמטע יונגען אויסגעטהאָן און אזוי געלאָזט געהן... — האט זי ארויסגערעדט — מוטער־נאקעט בין איך אהיים געגאַנגען... אָט ווי די מאמע האט מיך געהאט... ברענג מיר עפּעס אָנצוטהאָן.

— דו געה בעסער אין שטוב אריין! — האט אָלגאַ שטיל גע־זאָגט און זיך אויך גענומען טרייסלען.

— די אַלטע וועלען מיך נאָך דערזעהן.

און אין דער אמת'ן, האט די אלטע זיך שוין אויפגעכאפּט און געבורטשעט און דער אלטער האט געפרעגט: „ווער איז דאָרט?"

אָלגאַ האט געבראכט איהר'ס א העמד און א קליידעל, האט גע־האָלפען פעקלאַ'ן אָנטהאָן זיך און דערנאָך זיינען זיי ביידע שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, אין שטוב אריין, סטארענדיג זיך נישט צו קלאפּען מיט די טהירען.

— דאס ביזטו? — האט בייז גענומען בורטשען די באַבע, אָנ־שטויסענדיג זיך, ווער דאס איז — אז א פּגירה זאָל אויף דיר קומען, דו ביינאכטיגע ארומשלעפּערקע דו... קיין בהלה איז אויף דיר נישטאָ!

— עס מאכט נישט, עס מאכט נישט — האט געשעפּטצעט אָלגאַ, איינוויקלענדיג פעקלאַ'ן — עס מאכט נישט, קאַסאַטקאַ...

עס איז ווידער שטיל געוואָרען. דאָ אין שטוב האט מען שטענ־דיג שלעכט געשלאָפען; יעדער'ן בעזונדער האט געשטערט פון שלאָף עפּעס אַן אויסשטעהליכער, אַן אויפדרינגליכער געפיהל אדער געדאנק: דעם אַלטען האט ניט געלאָזען שלאָפען א וועהטאָג אין רוקען, דער באָבען — די זאָרג און איהר פארביסענקייט, מאריאַ'ן — די מורא, די קינדער — דאס בייסעניש און דער הונגער. און אזוי איז אויך איצט דער שלאָף געווען אַן אונרוהיגער: מען האט זיך געדרעהט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, געפּלוידערט פון שלאָף, אויפגעשטאַנען טרינקען.

פעקלאַ האט פּלוצים גענומען רעווען אין דער הויך מיט א גראָ־בען קול, נור באַלד האט זי זיך איינגעהאלטען און נור ווען ניט ווען

געבליפּעט אַלץ שטילער, אַלץ פערשטיקטער, ביז זי איז אין גאַנצען אַנשוויגען געוואָרען.

צייטענווייז האט זיך פון יענער זייט, הינטער׳ן טייך, דערטראָגען דאס קלאַפּען פון זייגער; אבער דער דאָזיגער זייגער האט עפּעס געקלאַפּט אַזוי מאָדנע: אַפּריהער האט געשלאָגען פינף, דערנאָך דריי...

— אָ־אָך, גאָטוניו! — האט געזיפצט דער קאָך.

קוקענדיג אויף די פענסטער, איז שווער געווען צו דערגעהן, צי עס שיינט נאָך אַלץ די לבנה, אדער עס שיינט שוין אויף טאָג. מאַריאַ האט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס. עס האט זיך געהערט, ווי זי האט אויפ׳ן הויף געמאָלקען א קוה און געשריען: „שטעה!״ די באָבע האט זיך אויך אויפגעהויבען און איז ארויס. אין שטוב איז נאָך פינסטער געווען. מען האט אבער שוין געקענט אונטערשיידען אַלע זאכען.

ניקאָלאַי, וועלכער האט א גאַנצע נאכט מיט אַן אויג נישט צוגעמאַכט, איז אראָבגעקראָכען פון׳ם אייווען. ער האט ארויסגענומען פון גרינעם קופערטעל זיין פראַק, איהם אָנגעטהאָן און, צוגעגאַנגען צום פענסטער, האט ער א גלעט געטהאָן די ארבעל, א טאַפּ געטהאָן די פאַלדען — און א שמייכעל געטהאָן. דערנאָך האט ער פאָרזיכטיג אויסגעטהאָן דעם פראַק, האט איהם צוריק בעהאַלטען אין קופערט און זיך ווידער געלעגט.

מאַריאַ האט זיך אומגעקעהרט און גענומען הייצען דעם אייווען. עס איז קענטיג געווען, אז זי האט זיך נאָך נישט אין גאַנצען אָפּגעשאַבט פון שלאָף און אז זי האט זיך אויפגעכאַפּט ערשט איצט, אויפ׳ן וועג. איהר האט זיך, הפנים, עפּעס גע׳חלום׳ט, אדער די נעכטיגע מעשה׳לאַך זיינען איהר פּלוצים אין זינען אריין, ווייל זי האט זיך געשמאַק א ציה געטהאָן פאר׳ן אייוועש און געזאָגט:

— ניין, די פרייהייט איז בעסער!

7.

דער פריץ איז געקומען, — אזוי האט מען אין דאָרף גערופען דעם סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו. ווען און וועגען וואס ער וועט קומען, האט

מען געוואוסט נאָך מיט א וואָך צוריק. אין זשוקאָווא האבען זיך געפונען אין גאנצען פיערציג הויפען, אבער חובות פאר אָבצאָהלונגען און צינזען, וועלכע זיי זיינען שולדיג געווען דער רעגירונג, האבען זיך אָנגעקליבען אריבער צוויי טויזענד רובעל.

דער סטאַנאָוואָי האט זיך אָבגעשטעלט אין טראַקטיר; האט דאָרט אויסגעטרונקען צוויי גלאָז טהעע און איז דערנאָך אוועק צופוס צום סטאַראָסטא, נעבען וועמעס הויז עס האט איהם שוין אָבגעוואַרט א גאנצער עולם בעלי חובות.

דער סטאַראָסטא אַנטיפּ סיעדעלניקאָוו, נישט קוקענדיג אויף זיין יוגענד — ער איז אין גאנצען געווען א יאָהר דרייסיג אַלט — איז געווען אַ שטרענגער מענש און איז שטענדיג געשטאַנען אויף דער זייט פון דער רעגירונג, כאָטש ער אליין איז געווען א גרויסער קבצן און זיינע אייגענע צינזען האט ער נישט געצאָהלט צו דער צייט. קענטיג, אז איהם האט הנאה געטהאָן, וואס ער איז — דער סטאַראָסטא, דער עלטעסטער הייסט עס, און איהם איז שטארק געפעלען דאס בעוואוסט־זיין פון זיין מאַכט, וועלכע ער האט געקענט אויסדריקען נור מיט שטרענגקייט. אויף די פערזאַמלונגען האט מען פאר איהם מורא גע־האט און געפאָלגט אַלץ, וואס ער האט געוואָלט. עס האט פּאַסירט, אז ער האט אָנגעטראָפען אויף דער גאס אדער ארום טראַקטיר א שכור׳ען און איז איהם בעפאלען, האט איהם פערבונדען די הענד אויף הינטען און איהם ארעסטירט. איין מאָל האט ער אפילו די אַלטע באָבע אויך אריינגעזעצט אין דער „ארעסטאַנטסקע" און זי דאָרט אָבגע־האַלטען א גאנצען מעת לעת, דערפאר, וואס, קומענדיג אויף א פער־זאַמלונג אנשטאט אַסיפּ׳ן, האט זי זיך גענומען זידלען.

ער האט קיין מאָל נישט געוואוינט אין שטאָדט, און קיין ביכער קיין מאָל נישט געלעזען, נור ער האט דאָ און דאָרט אויפגעכאַפּט עטליכע קלוגע ווערטער און האט זיי שטענדיג געברויכט אין זיינע רייד, דערפאר האט מען איהם רעספּעקטירט, כאָטש ניט אַלע מאָל האט מען איהם פערשטאַנען.

ווען אָסיפּ איז מיט זיין צינז־ביכעל אריין צום סטאַראָסטא אין שטוב, איז דער סטאַנאָוואָי, וועלכען די פויערים האבען גערופען פּריץ, א מאָגערער, אַלטער, מיט לאַנגע גרויע באַקען־באָרדען, אין א גרויען רעקעל, געזעסען ביים טיש און עפּעס פערשריעבען.

אין שטוב איז געווען ריין, אלע ווענט זיינען געווען פערהאנגען מיט בילדער, אויסגעשניטענע פון זשורנאלען, און אויף דעם הויפט אנגעזעהענעם פלאץ נעבען די הייליגען־בילדער, איז געהאנגען א בילד פון באטענבערג׳ן, דעם פריהערדיגען באלגארישען פירסט. נעבען טיש איז געשטאנען אנטיפ סידעלניקאוו מיט צוזאמענגעלייגטע הענד.

— פון איהם, אייער וואהלגעבארען, קומט 119 רובעל — האט ער געזאגט, ווען עס איז געקומען אסיפ׳ס רייהע — פאר דעם הייליגען יום טוב האט ער געגעבען א רובעל און פון דעמאלט אן אפילו א קאפיקע נישט.

דער סטאנאוואי האט אויפגעהויבען די אויגען אויף אסיפ׳ן און געפרעגט:

— פארוואס, ברודער, איז דאס אזוי?

— האט איבער אונז רחמנות, אייער וואהלגעבארען — האט אנגעהויבען אסיפ, שטארק אויפגערעגט — ערלויבט מיר אייך דערצעהלען. זומער צייט רופט מיך דער ליוטארעצקער פריץ: „אסיפ, זאגט ער, פערקויף מיר דיין היי׳ה... דו, זאגט ער, פערקויף.״ נו, מילא, פארוואס נישט? עס איז ביי מיר געווען א פוד הונדערט צו פערקויפען, די ווייבער האבען פאר׳ן זומער אנגעשניטען... נו, האבען מיר זיך גענומען דינגען און זיינען צורעכט געקומען... אלץ גוט, מיט׳ן גוטען ווילען.

ער האט זיך בעקלאגט אויף דעם סטאראסטא און אלע ווייל ער זיך אומגעקעהרט צו די פויערים, אזוי ווי שטעלענדיג זיי אלס עדות; זיין פנים איז געווארען רויט און פערשוויצט, און די אויגען שארפע, שלעכטע.

— איך פערשטעה נישט, צו וואס דו דערצעהלסט די אלע מעשות — האט געזאגט דער פריסטאוו — איך פרעג דיך, פארוואס צאהלסטו נישט קיין צינזען, פרעג איך דיך? איהר אלע צאהלט נישט און איך מוז פאר אייך זיין פעראנטווארטליך!

— איך האב שוין מעהר קיין כוח נישט!

— דאס זיינען ארויסגעווארפענע רייד, אייער וואהלגעבארען — האט געזאגט דער סטאראסטא — די טשיקאלדיעווס זיינען טאקע פון אן ארעמען קלאס, אבער פרעגט, זייט זיך מטריח, ביי די איבריגע,

וואו ליעגט דאָ די שולד? דאס איז אלץ צוליעב דעם בראָנפען, און עזות פּנים'ער זיינען זיי גרויסע. אָהן שום פערשטאנד.

דער פּריסטאוו האט עפּעס פערשריעבען און געזאָגט צו אָסיפּ'ן רוהיג, מיט א גלייכגילטיגען טאָן, ווי ער וואָלט געבעטען א גלאָז וואַסער:

— ארויס פון דאנען!

ער איז אין גיכען אוועקגעפאָהרען; און ווען ער האט זיך אריינ־געזעצט אין זיין בילינען וועגעל און האט געהוסט, איז אפילו נאָך'ן אויסדרוק פון זיין דארען רוקען קענטיג געווען, אז ער האט שוין פאר־געסען אי אין אָסיפּ'ן, אי אָן סטאראָסטא, אי אָן די זשוקאָווער אָב־צאָהלונגען, און אז ער האט געטראכט וועגען עפּעס אייגענעם.

ער האט נאָך נישט צייט געהאט אָבצופאָהרען אפילו קיין איין וויאָרסט, ווי אַנטיפּ סעדעלניקאָוו האט שוין ארויסגעשלעפּט דעם סאמאָוואר פון טשיקאָלדעיעוו'ס שטוב און נאָך איהם איז געגאנגען די באָבע און געקוויטשעט אויפ'ן קול:

— איך'ל נישט אוועקגעבען! איך'ל דיר נישט געבען, פער־פלוכטער!

ער איז געגאנגען שנעל, מאכענדיג ברייטע טריט, און יענע האט זיך געיאָגט נאָך איהם אָהן אָטהעם, פאלענדיג פון די פיס, א האָר־באטע, א צורייצטע. דאס טיכעל איז ביי איהר אראָבגעקראָכען אויף די פּלייצעס, די גרויע האָאר, וועלכע האבען געשלאָגען אין א גרינ־קייט, האבען זיך צושאָטען. זי האט זיך פּלוצים אָבגעשטעלט, גענומען זיך קלאפּען מיט די פויסטען אין ברוסט און שרייען נאָך העכער מיט א נגון און מיט געוויין:

— גוטע מענשען, ווער אין גאָט גלויבט! טאטעלאך מיינע, מען האט מיך אָבידעט! גוטינקע, מען האט מיך דערשטיקט! אוי, וועה, טהייערינקע מיינע, נעהמט זיך אָן פאר מיר!

— באָבע, באָבע — האט געזאָגט דער סטאראָסטא שטרענג — האב אביסעל שכל אין דיין קאָפּ!

אָהן דעם סאמאָוואר איז ביי די טשיקאָלדעיעוו'ס אין שטוב גע־וואָרען גאָר אומעטיג. עס האט עפּעס געפעהלט און אין דעם דאָזיגען פעהלען איז געווען עטוואס ערנידעריגענדעס, אזוי ווי מען וואָלט פּלוצים אוועקגענומען ביי דער שטוב איהר עהרע, איהר שטאָלץ. וואָלט

שוין דער סטאַראָסטאַ בעסער גענומען און אוועקגעטראָגען דעם טיש, אַלע בענק, אַלע טעפּ, עס וואָלט דאַן, דאַכט זיך, נישט אַזוי פּוסט געוואָרען. די באָבע האט געשריען, מאַריאַ האט געוויינט און די מייד־לעך, אויף איהר קוקענדיג, האבען אויך געוויינט. דער אַלטער האט זיך געפיהלט שולדיג, איז געזעסען א איינגעהויקערטער אין א ווינ־קעל און געשוויגען. און ניקאָלאַי האט אויך געשוויגען. די באָבע האט איהם ליעב געהאַט, האט איהם בעדויערט, נור אַצינד האט זי פער־געסען אַן איהר בעדויערען, איז אויף איהם פּלוצים ארויפגעפאַלען מיט זידלעריי, מיט פאַרווירפע און איהם געשטורכעט די פויסטען אין פנים אריין. זי האט געוואָלדעוועט, אז ער איז דאס אין אַלעמען שולדיג; פאַרוואס האט ער פריהער אַזוי ווייניג געלד געשיקט, ווען ער אַליין האט זיך אין די בריעף בעריהמט, אז ער פערדיענט אין „סלאַווישען באַזאר" גאַנצע פופציג רובעל א חודש? צו וואס איז ער אהער געקומען, נאָך מיט א פאַמיליע? אויב ער וועט שטאַרבען, טאָ וואו וועלען זיי נעהמען געלד איהם צו בעגראָבען?

און עס איז א רחמנות געווען צו קוקען אויף ניקאָלאַי'ען, אויף אָלגאַ'ן און סאַשאַ'ן.

דער אַלטער האט א הוסט געטהאָן, גענומען זיין היטעל און איז אוועק צום סטאַראָסטאַ. עס האט שוין גענומען פינסטער ווערען.

אַנטיפּ סעדעלניקאָוו איז דאַן געשטאַנען ביים אייוועז און עפּעס צוגעלייט, אָנבלאָזענדיג די באַקען; עס איז געווען טשאַדנע און אָנ־געראויכערט. די קינדער, מאָגערע און ניט געוואַשענע, נישט א האָאָר בעסער פון טשיקאָלדעיעוו'ס קינדער, האבען זיך געוואַלגערט אויפ'ן פאָל; זיין ווייב, א מיאוס'ע, מיט זומער־שפּרינקלאַך און א גרויסען בויך, האט געוויקעלט זייד. דאס איז געווען אַן אונגליקליכע, אָרעמע, עלענדע פאַמיליע און נור אַנטיפּ אַליין האט אויסגעזעהן געזונד און שעהן. אויף דער באַנק זיינען אין איין ראָנד געשטאַנען פינף סאַמאָ־וואַרען. דער אַלטער האט געזאָגט א געבעט אַנטקעגען באַטענבערג'ס בילד און אָנגעהויבען:

— אַנטיפּ, האָב רחמנות, גיעב אָפּ דעם סאַמאָוואַר! אום גאָטעס ווילען!

— ברייננ דריי רובעל, דאַן וועסטו קריעגען דעם סאַמאָוואַר!

— וואו זאָל איך נעהמען? קיין כוחות מעהר ניטאָ!

אנטיפ האט אָנגעבלאָזען די באַקען, דער פייער האט געהודיעט און געשיפּעט, װארפענדיג א העלען שיין אויף די סאַמאָװארען. דער אַלטער האט געקנייטשט זיין היטעל און געטראַכט א װײַלע, דאַן האט ער געזאָגט:

— גיעב אָב!

דער דונקעלער סטאַראָסטאַ האט שוין אצינד אויסגעזעהן גאָר אין גאַנצען שװארץ און איז עהנליך געװען צו א מכשף. ער האט זיך אומגעקעהרט צו אָסיפּ'ן און ארױסגערעדט הארט און שנעל:

— אַלעם װענדט זיך אָן דעם לאַנד־געריכט. דעם זעכם און צװאַנציגסטען װעט זיין א פערזאַמלונג, דאַן קענסטו אָנגעבען א פּאַ־פּיר, אדער אליין מיט דיין אייגענעם מויל אויסדריקען דיין אונצו־פריעדענהייט.

אָסיפּ האט גאָרנישט פערשטאַנען, ער האט זיך אבער מיט דעם ענטפער צופריעדען געשטעלט און איז אװעק אהיים.

אין א טאָג צעהן ארום איז װידער געקומען דער סטאַנאָװאָי, איז אָבגעװען ביי א שעה און אװעקגעפאָהרען.

אין יענע טעג איז דאס װעטער געװען קאַלט און װינטיג; דער טייך איז שוין לאַנג פאַרפראָרען געװאָרען, און קיין שנעע איז נאָך אַלץ נישט געװען, און די מענשען זיינען צומאַטערט געװאָרען אָהן א װעג.

איין מאָל אין א יום טוב זיינען די שכנים אריין צו אָסיפּ'ן זיצען א װײַלע און שמועסען.

עס איז געװען פאַרנאַכט. גערעדט האבען זיי אין דער פינסטער, װייל ארבייטען האט מען נישט געטאָרט צוליעב יום טוב און גלאַט אזוי האט מען קיין פייער נישט אָנגעצונדען.

מ׳ן האט גערעדט װעגען די לעצטע נייעס, כאָטש זיי זיינען געװען נישט גאָר קיין אנגענעהמע. אזוי, למשל, האט מען אין צװיי־דריי הייזער צוגענומען היהנער פאַר אָבצאָהלונגען, הייסט עס, און מען האט זיי אװעקגעשיקט אין דאס דאָרפישע געריכטס־הויז, און דאָרט זיינען זיי אומגעקומען, װייל קיינער האט זיי נישט געפיטערט; מען האט פערנומען שעפּסען, און בעת מען האט זיי געפיהרט גע־בונדענע פון איין דאָרף אין דעם אנדערן, איז איין שעפּס נע'פגר'ט. און אצינד פרעגט זיך: װער איז אין דעם שולדיג?

— די לאנדווירטשאפט איז שולדיג! — האט געזאגט אסיפ — ווער זשע דען?

— אודאי, די לאנדווירטשאפט!

די לאנדווירטשאפט האט מען בעשולדיגט אין אלעם — אי אין די גרויסע אבצאהלונגען, אי אין די אונטערדריקונגען, אי אין די ניט גערעטענישען אויף תבואה, אין אלעם האט מען איהר שולדיג געמאכט, כאטש קיין איינער פון די פויערים האט נישט געוואוסט, וואס איז אייגענטליך אזוינס די לאנדווירטשאפט, און דאס איז אזוי אוועק פון דער צייט אן, וואס די רייכע פויערים, וועלכע האבען גע־האט אייגענע פאבריקען, זיינען אויסגעוועהלט געווארען אלס מיט־גליעדער פון דער לאנדווירטשאפט און אבגעווען אלס אזעלכע א געווי־סע צייט, פון יענער צייט אן זיינען זיי געבליעבען זעהר אונצופריע־דען און האבען דערנאך אין זייערע פאבריקען און טראקטירען גענו־מען שטארק זידלען די לאנדווירטשאפט.

מען האט אויך געשמועסט דערפון, וואס גאט שיקט נישט צו קיין שנעע; מען דארף פיהרען האלץ און איבער די בערגלאך איז נישט צו געהן און נישט צו פאהרען.

אמאל מיט א יאהר 15—20 צוריק און נאך פריהער, זיינען די געשפרעכען אין זשוקאווא א סך אינטערעסאנטער געווען. דאן האט יעדער אלטער אויסגעזעהן אזוי, ווי עפעס ער וואלט עפעס א געהיימ־ניס געהאט, ווי ער וואלט עפעס אונגעוועהנליכעס געוואוסט און אויף עפעס געווארט; דאן האט מען גערעדט וועגען א שריפט מיט א גאלדענעם שטעמפעל, וועגען צוטהיילען די ערד, וועגען אוצרות, מען האט זיך געגעבען אנצוהערעניש אין עפעס וויכטיגעס... אצינד איז ביי די זשוקאווער פויערים נישט געווען קיין שום סודות; דאס גאנץ לעבען זייער'ס איז געווען, ווי אויפ'ן לאדאן, אלעם האבען זיי גע־וואוסט אויף אויסענווייניג, און ריידען האבען זיי געקענט נור וועגען נויט, וועגען עסענווארג און אז קיין שנעע איז נישטא...

אלע ווײלע האט מען געשוויגען, און ווידער האט מען זיך דער־מאנט אן די היהנער און שעפסען און גענומען בעשטימען, ווער עס איז שולדיג.

— די לאנדווירטשאפט! — האט ארויסגערעדט אסיפ אומעדיג — ווער אנדערש?

8.

דער הויפט קלויסטער האט זיך געפונען זעקס ווייארסט פון שטאדט, אין קאסאגאראווע, און אהין איז מען געגאנגען נור ווען מען האט געמוזט, ווען, למשל, מען האט געדארפט עמעצען טויפען, חתונה מאכען אדער אבגעבען א טויטען זיין רעכט; אזוי אבער איז מען גע־גאנגען גאט בעטען הינטער'ן טייך. יום טוב צייט, ווען דאס וועטער איז גוט געווען, האבען זיך די מיידלאך אויסגעפוצט און זיינען קופּעס־וויז געגאנגען צו גאטעס־דיענסט, און עס איז פרעהליך געווען אויף זיי צו קוקען, ווי זיי זיינען אין זייערע רויטע, געלע און גרינע קליידער געגאנגען איבער'ן לאנקע; איז אבער דאס וועטער געווען שלעכט, זיינען אלע אין דער היים געזעסען.

דער אלטער האט נישט געגלויבט אין גאט, ווייל ער האט פון איהם כמעט קיין מאל נישט געטראכט; ער האט אנערקענט אויסער־געוועהנליכע זאכען, נור ער האט געטראכט, אז אפילו די דאזיגע אונ־געוועהנליכע זאכען האבען אויך נור א שייכות צו די ווייבער, און ווען מען האט אין זיין געגענווארט גערעדט וועגען רעליגיאן אדער נסים און מען האט איהם געשטעלט וועלכע ניט איז פראגע, האט ער נישט ווילענדיג און קראצענדיג זיך געענטפערט:

— ווער ווייס איהם!

די באבע האט יא געגלויבט, אבער אויך עפּעס אזוי נעבעלדיג, אזוי אונבעשטימט; אלעס האט זיך אין איהרע געדאנקען אויסגע־מישט און ווי נור זי האט גענומען טראכטען וועגען זינד, וועגען טויט, וועגען ראטעווען די נשמה, האט די נויט און די זארג אין איהרע גע־דאנקען אריבערגעוואויגען און זי האט גלייך פערגעסען אן וואס זי האט פריהער געטראכט. קיין געבעטען האט זי ניט געדענקט און, געוועהנליך, אין אבענד פאר'ן שלאפען געהן, פלעגט זי זיך שטעלען פאר די היילינגע-בילדער און שעפּטשען:

— דער היילינגער מאמען פון קאזאן... דער מוטער גאטעס פון סמאלענסק... דער היילינגער מאמען...

מאריא און פעקלא האבען זיך געצלם'ט, האבען געפאסט יעדען יאהר, אבער פערשטאנען האבען זיי גארנישט. די קינדער האט מען

נישט געלערענט קיין שום געבעט, מען האט זיי גאָרנישט דערצעהלט וועגען גאָט, זיי נישט געלערענט קיין שום מאָראַל, נור אין פאַסט־צייט האט מען זיי פארבאָטען עסען מילכיגעס. אין די איבעריגע פאַ־מיליעס איז געווען כמעט דאס זעלבע: ווייניג ווער עס האט געגלויבט, ווייניג ווער האט פערשטאַנען. אין דערזעלבער צייט האבען אלע גע־ליעבט די הייליגע שריפט, געליעבט צערטליך, פייערליך, אבער קיין ביכער זיינען נישט געווען און עס איז אויך נישט געווען ווער עס זאָל זיי לעזען און ערקלערען, און דערפאר, וואס אָלגא האט אמאָל געלעזען דאס יעוואנגעליאום, האט מען זי זעהר געאַכטעט און אלע האבען איהר און סאשען געזאָגט „איהר."

יום טובים צייט, צו די וויכטיגע גאָטעס־דיענסטען איז אָלגא אָפט געגאַנגען אין די שכן'ישע דערפער און אין דאס דערבייאיג שטעדטעל, אין וועלכען עס האבען זיך געפונען צוויי קלויסטערס און זיעבען און צוואַנציג קירכען. דאַן איז זי געווען צוטראָגען און בעת זי איז געגאַנגען מתפלל זיין, האט זי אין גאַנצען פערגעסען אָן איהר פאַמיליע, איהר היים, איהרע צרות, און נור ווען זי פלעגט זיך צוריק־קעהרען אהיים, האט זי געמאַכט די פרעהליכע ענטדעקונג, אז זי האט א מאַן, א טאָכטער און מיט א שייגענדיגען שמייכעל פלעגט זי דאַן זאָגען:

— גאָט האט מיר זיין גנאָד בעוויזען!

דאס, וואס איז פאָרגעקומען אין דאָרף, האט איהר אויסגעזעהן העסליך און עס האט איהר געמוטשעט. אין דעם יום טוב פון הייליגען איליא האט מען גע'שכור'ט, אין דעם יום טוב פון קריסטוסעס ערוואַ־כונג האט מען גע'שכור'ט. אויף פאָקראָוו איז אין זשוקאָווא געווען עפעס א קירכען־פעסט און די פויערים האבען צוליעב דעם דאָזיגען פעסט גע'שכור'ט דריי טעג נאָכאַנאַנד; האבען פערזויפען 50 רובעל פון געמיינדע געלד און דערנאָך האט מען נאָך פון אלע הויפען געקליע־בען אויף בראַנפען.

אין דעם ערשטען טאָג האט מען ביי די טשיקאָלדעיעוו'ס גע־קוילעט א באראַן און מען האט איהם געגעסען אין דער פריה, צו מי־טאָג און אין אָבענד צו וועטשערע, געגעסען האט מען א סך, און דער־נאָך, אין מיטען נאַכט, זיינען די קינדער אויפגעשטאַנען און ווידער אמאָל אריינצועסען. קיריאַק איז די גאַנצע דריי טעג געווען מורא'דיג

שכור, האט פערטרונקען אלעס, וואס ער האט געהאט, אפילו דאס היטעל און די שטיוועל, און האט אזוי פיעל געשלאָגען און גע'הרג'עט מאריא'ן, אז מען האט זי געמוזט אָבמינטערען מיט קאלטע וואסער. און נאָך דעם, נאָך יום טוב, הייסט עס, איז אלעמען געווען נישט גוט, נודנע און זיי האבען זיך געשעהמט.

און איין מאָל איז אין זשוקאָוואָ געווען אַן אמת'ער רעליגיעזער טריאומף־צוג. דאס איז געווען אין אויגוסט, ווען מען האט אין גאנצען בעצירק, פון דאָרף צו דאָרף, געטראָגען דאס הייליגע בילד פון דער גאָטעס מוטער. אין דעם טאָג, ווען מען האט איהם ערוואַרטעט אין זשוקאָוואָ, איז געווען שטיל און כמורנע. די מיידלאָך זיינען נאָך גאנץ פריה אוועק איהם אנטקעגען, אָנגעטהאָן אין זייערע העלע, יום־טוב'־דיגע קליידער. געבראכט האט מען איהם פארנאכט מיט געזאנג, ארומ־גערינגעלט מיט צלמים און דער קירכען־גלאָק הינטער'ן טייך האט אין דערזעלבער צייט געקלונגען, געקלונגען . . .

א גרויסער עולם פון איינענע און פרעמדע האט פערשטעלט די גאס; א טומעל, שטויב און שטיקעניש . . . און דער אלטער, אי די באָבע, אי קיריאק — אלע האבען אויסגעשטרעקט זייערע הענד צום הייליגען בילד, האבען זיך איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען און געבעטען מיט געוויין:

— נעהם זיך אָן פאר אונז, מוטער'ל! זיי א גוטע בעטערין!

אלע האבען איצט עפּעס פּלוצים פערשטאַנען, אז צווישען הימעל און ערד איז נישט גאר פּוסט, אז די רייכע און שטאַרקע האבען נאָך נישט אלעס פערכאַפּט אין זייערע הענד, אז עס איז נאָך דאָ שוץ געגען בעליידיגונגען, געגען שקלאַפישער פערקויפטקייט, געגען דער שווערער, ביטערער נויט און דעם מורא'דיגען בראַנפען.

— נעהם זיך אָן פאר אונז, מוטער'ל! — האט געיאָמערט מאריא — מוטער'ל! נעהם זיך אָן!

נור אָט האט מען אָבגעזאָגט דאס גאָטעס־דיענסט, אוועקגעטראָגען דאס בילד און אלעס איז אוועק אויפ'ן אלטען שטייגער, און ווי־דער האבען זיך פון טראקטיר דערהערט גראָבע, שכור'ע קולות.

פאר'ן טויט האט קיינער נישט מורא געהאט אויסער די רייכע פּויערים, וועלכע וואס רייכער זיי זיינען געוואָרען, אלץ ווייניגער האבען זיי אין גאָט געגלויבט, און נור אויס מורא פאר'ן סוף, האבען

זיי אויף יעדען פאַל ליכט אָנגעצונדען און גאָטעס־דיענסטען באַ־שטעלט.

דעם אַלטען און דער באָבען האט מען אין די אויגען געזאָגט, אַז זיי לעבען צו לאַנג, אַז זיי איז שוין לאַנג צייט צו שטאַרבען, און זיי גאָרנישט, ווי ניט זיי מיינט מען דאס.

און אין ניקאָלאַי׳ס געגענוואַרט האט אויך קיינער נישט געהאַל־טען פאַר נויטיג איינצוהאַלטען זיך, און אין דעם קראַנקען׳ס אַנוועזענהייט האט מען אָפט געזאָגט פעקלאַ׳ן, אַז ווען ער, ניקאָלאַי, וועט שטאַרבען, דאַן וועט איהר מאַן דענים בעפרייט ווערען פון דיענסט און קומען אהיים. און מאַריאַ, נישט נור האט זי פאַר׳ן טויט קיין מורא נישט געהאַט, נור, פאַרקעהרט, זי האט בעדויערט, וואס זי לעבט אזוי לאַנג, האט געבעטען אויף דעם טויט און האט זיך געפרעהט, ווען איהר׳ס אַ קינד איז געשטאָרבען.

פאַר׳ן טויט האט מען זיך נישט געשראָקען, דערפאַר האט מען צו יעדער קראַנקהייט זיך פערהאַלטען מיט איבערטריעבענער מורא. עס איז גענוג געווען אַ קליינִיגקייט — אַ פערדאָרבענעם מאָגען, אַ לייכטע פערקיהלונג און די באָבע האט זיך שוין אויפ׳ן אויווען גע־לעגט, האט זיך ארומגעוויקעלט פון אַלע זייטען און גענומען אָבצען און קרעכצען הויך און אָהן אויפהער: „איך שטאַ־אַ־רב!״ דער אַלטער איז געלאָפען נאָך אַ גלח און די באָבע האט וידוי געזאָגט.

זעהר אָפט האבען זיי גערעדט פון פערקיהלונג, פון ווערים אין מאָגען, פון זאַוואַלקעס, וועלכע געהען אום אין בויך און שטעלען זיך דערנאָך אונטער׳ן האַרצען. מעהר פון אַלץ האבען זיי מורא געהאַט פאַר אַ פערקיהלונג און דערפאַר האבען זיי אפילו זומער צייט גע־טראָגען שווערע בגדים און געוואַרעמט זיך אויפ׳ן אויווען.

די באָבע האט ליעב געהאַט צו קורירען זיך און איז אָפט געפאָה־רען אין שטאָדט, וואו זי האט געזאָגט, אַז זי איז אַלט נישט 70 נור 58 יאָהר. געטהאָן האט זי עס מחמת דעם, ווייל זי האט געדענקט, אַז ווען דער דאָקטאָר וועט דערגעהן, ווי אַלט זי איז, וועט ער זי נישט וועלען היילען; ער וועט זאָגען, אַז איהר איז שוין צייט צו שטאַרבען און נישט קורירען זיך. געוועהנליך פלעגט זי אוועק אין שפיטאַל גאַנץ פריה, מיטנעהמענדיג מיט זיך צוויי־דריי מיידלאך און צוריק קומען

פלעגט זי ביינאַכט א הונגעריגע און א בייזע — מיט טראָפּענס פאַר זיך און שמירעכצען פאַר די מיידלאַך.

איין מאָל האט זי אַהין אוועקגעפיהרט ניקאָלאַי'ען, וועלכער האט נאָכדעם א וואָך צוויי נאָכאַנאַנד איינגענומען טראָפּענס און געזאָגט, אז איהם איז גרינגער געוואָרען.

די באָבע האט געקענט אַלע דאָקטוירים, פעלדשערס און מכשפים פאַר דרייסיג וויאָרסט ארום, אבער קיינער פון זיי אַלע איז איהר נישט געפעלען געוועזן.

אין א געוויסען יום טוב בעת דער גלח איז מיט א צלם אין האַנד ארומגעגאַנגען אַלע הייזער, האט איהר דער דיאַקאָן געזאָגט, אז אין שטאָדט, נעבען טורמע, וואוינט אַן אַלטינקער, א פריהערדיגער מיליטערישער פעלדשער, א גרויסער מומחה, און האט איהר געראַטהען, זיך צו ווענדען צו איהם. די באָבע האט געפאָלגט. ווען עס איז אויסגעפאַלען דער ערשטער שנעע, איז זי אין שטאָדט אוועק און פון דאָרט געבראַכט אַן אַלטעטשקען מיט א גרויסער באָרד און לאַנגע פּאָלעס, א משומד, וועמעס פּנים איז אין גאַנצען געווען בעדעקט מיט בלויע אָדערן.

גראָד אין יענער צייט האבען אין שטוב געארבייט טאָג־ארבייטער: אַן אַלטער שניידער אין א פּאָאַר מורא'דיגע ברילען האט פון טראַנטעס צוגעשניטען א וועסטעל און צוויי יונגע שקצים האבען געמאַכט וואָליקעס פון וואָל; קיריאַק, וועמען מען האט ענטזאָגט פון פּלאַץ פאַר זיין שכרות און וועלכער האט שוין איצט געוואוינט אין דער היים, איז געזעסען נעבען שניידער און פערריכט א כאָמוט. אין שטוב איז געווען ענג, שטיקענד און טשאַדנע. דער משומד האט בעטראַכט ניקאָלאַי'ען און געזאָגט, אז מען דאַרף איהם שטעלען באַנקעס.

ער האט איהם געשטעלט באַנקעס, און דער אַלטער שניידער, קיריאַק, די מיידלאַך זיינען געשטאַנען און געקוקט, און זיי האט זיך געדאַכט, אז זיי זעהען, ווי די קראַנקהייט געהט פון ניקאָלאַי'ען ארויס. און ניקאָלאַי האט אויך געקוקט, ווי די באַנקעס, זיך איינזויגענדיג אין זיין ברוסט, פילען זיך ביסלאכווייז אָן מיט דונקעלעס בלוט, ער האט געפיהלט, אז עפּעס געהט טאַקע פון איהם ארויס, און האט געשמייכעלט פאַר פערגעניגען.

— דאס איז גוט — האט געזאָגט דער שניידער — זאָל גאָט גע־בען, עס זאָל זיין צו רפואה.

דער פעלדשער האט אוועקגעשטעלט צוועלף באַנקעס און דער־נאָך נאָך אַמאָל צוועלף, האט זיך אָנגעטרונקען מיט טהעע און איז אוועקגעפאָהרען. ניקאָלאַי האט גענומען ציטערען; דאס פנים זיינס האָט זיך אויסגעצויגען און ווי די ווייבער האָבען געזאָגט, עס איז גע־וואָרען איינגעשרומפּען ווי א פויסט; די פינגער זיינען בלוי געוואָרען, ער האט זיך געטוליעט אי אין דער קאָלדרע, אי אין פעלצעל, עס איז איהם אבער אַלץ קעלטער געוואָרען. אויפ'ן אבענד איז איהם שטארק אומעדיג געוואָרען, א ביינקעניש האט אָנגעפילט זיין נשמה; ער האט געבעטען, מען זאָל איהם אוועקלייגען אויף דער פּאָדלאָגע, גע־בעטען דער שניידער זאָל ניט רויכערען, דערנאָך איז ער אנשוויגען געוואָרען אונטער'ן פּעלצעל און אין דער פריה איז ער געשטאָרבען.

6.

אַך, וואס פאר א בייזער, וואס פאר א לאַנגער ווינטער! פון וויהנאַכטען אָן איז אין שטוב קיין אייגען שטיקעל ברויט נישט געווען און מען האט געמוזט קויפען מעהל.

קיריאַק, וועלכער האט איצט געלעבט אין דער היים, האט אין די אָבענדען אויפגעהויבען א מורא'דיגען טומעל, ארויפיאָגענדיג א שרעק אויף יעדען אין הויז, און אין די פריהמאָרגענס האט ער זיך געמוטשעט פון קאָפּ וועהטאָג און שאַנד און אויף איהם איז א רחמנות געווען צו קוקען. אין שטאַל האט זיך טאָג און נאַכט געהערט דער מעקען פון דער הונגעריגער קוה, וועלכער האט געריסען ביים הארצען אי דער באָבען, אי מאַריאַ'ן. און אויף צו לחכעים, זיינען געשטאַנען שטאַרקע, שניידענדיגע פרעסט, עס זיינען אָנגעפאַלען גאַנצע בערג מיט שנעע; און דער ווינטער האט זיך געצויגען און געצויגען.

צום סוף האט גאָט געהאָלפען און דער ווינטער איז ווי עס איז אוועק.

אין אָנהויב אַפּריל זיינען די טעג געוועזן וואַרעם און די נעכט קאַלט, דער ווינטער האָט נאָך נישט אין גאַנצען נאָכגעלאָזען, נור איין וואַרעמער טאָג האָט צום סוף דאָך גובר געווען — און די טייכען האָבען גענומען אָבגעהן און די פויגלאָך זינגען. די גאַנצע לאָנקע און די בושעס ארום טייך זיינען פערשוואומען געוואָרען אין וואַסער און דער גאַנצער פּלאַץ צווישען זשוקאָוואָ און דער אַנדערער זייט איז געוואָרען ווי א גרויסער פּלוס, אין וועלכען עס האָבען וואָר־נישט־וואו ארומגעשוואומען ווילדע ענטלאָך. דער זונען אונטערגאַנג אין פריה־לינג, א פּלאַמענדער, מיט גרויסאַרטיגע וואָלקענס, האָט יעדען אָבענד אויסגעזעהן אונגעוועהנליך שעהן, ניי, מערקווירדיג... מערקווירדיג איבערהויפּט דערמיט, וואָס ווען דו זעהסט די אייגענע פאַרבען און וואָלקענס איבערגעגעבען אויף א בילד, גלויבסטו אין זיי נישט.

בוטשאַנעס זיינען געפלויגען העט־הויך אין דער לופטען און האָבען אומעדיג געשריען, ווי זיי וואָלטען מיט זיך גערופען.

שטעהענדיג אויפ׳ן ברעג פון באַרג, האָט אָלגאַ לאַנג געקוקט אויף דעם פערפלייצטען פּלאַץ, אויף דער זונן, אויף דער ליכטיגער, ווי יונג געוואָרענער קירכע, און טרערען זיינען פון איהרע אויגען געפלאָסען, דעם אָטהעם האָט איהר פערכאַפּט און עס האָט זיך איהר ליידענ־שאַפטליך געוואָלט ערגעץ אוועק, וויט־וויט, וואו די אויגען וועלען טראָגען, כאָטש אין עק וועלט.

עס איז שוין בעשלאָסען געוואָרען, אז זי וועט צוריק אין מאָס־קווע אוועק, זיך אָנדינגען אלס דיענסט און מיט איהר אין איינעם וועט אויך קיריאַק אוועק דיענען אלס הויז־וועכטער אדער עפּעס אַנדערש. אַך, ווי דערלעבט מען שוין אוועקצוגעהן!

ווען עס האָט זיך אביסעל אויסגעטריקענט און ס׳איז וואַרעם געוואָרען, האָבען זיי זיך גענומען קלייבען אין וועג אריין. אָלגאַ און סאשאַ, מיט קלומיקלאָך אויף די פּלייצעס,ביידע אין לאַפּטשעס, זיי־נען פאַרטאָג פון שטוב ארויס; מאַריאַ איז אויך ארויס בעגלייטען זיי.

קיריאַק איז געווען נישט געזונד און איז געבליעבען אין דער היים נאָך אויף א וואָך. אָלגאַ האָט צום לעצטען מאָל געזאָגט א געבעט אַנטקעגען קירכע, טראַכטענדיג פון איהר מאַן, זי האָט זיך אבער נישט צואוויינט, מעהר נישט דאָס פּנים איהר׳ס האָט זיך צוקנייטשט און איז מיאוס געוואָרען ווי ביי אַן אַלטער. פאַר׳ן ווינטער איז זי מאָגע־

רער, מיאוס'ער און אביסעלע גרוי געוואָרען און אנשטאט דער פריי־הערדיגער ליעבליכקייט און דעם אנגענעהמען שמייכעל איז אויף איהר פנים ארויסגעטראָטען א אונטערטהעניגער, אומעדיגער אויס־דרוק פון איבערגעלעבטען טרויער און אין איהר בליק איז שוין אצינד געלעגען עטוואס טעמפעס און אונבעוועגליכעס, ווי זי וואָלט נישט געהערט, וואָלט טויב געווען.

עס האט איהר וועה געטהאָן זיך צו שיידען מיט דער דאָרף און מיט די פויערים. זי האט זיך דערמאָנט אָן ניקאָלאַי'ס לויה, ווי פארביי יעדער שטוב, וואס מען האט איהם פארביי געטראָגען, האט מען איהם מזכיר נשמות געווען, און ווי אלע האבען געוויינט און מיטגעפיהלט איהר בראָך.

אין פערלויף פון דעם זומער און ווינטער, וואס זי איז דאָ אָב־געווען, זיינען געווען אזעלכע שטונדען און טעג, ווען עס האט זיך גע־דאכט, אז די דאָזיגע מענשען לעבען ערגער פון חיות, אז עס איז מורא'דיג מיט זיי צו לעבען; זיי זיינען פערגרעבט, נישט עהרליך, אונציכטיג, נישט ניכטער... לעבען נישט פריעדליך צווישען זיך, האלטען זיך אין איין ארומרייסען, ווייל זיי אכטען נישט איינס דאס אנדערע, ווייל זיי האבען נישט קיין רעספעקט, האבען רק מורא און פערדעכטיגען איינס דאס אנדערע. ווער האלט א שענק און שכור'ט אָן דאס פאָלק? דער פויער. ווער פערשוועגדעט און פערזויפט פרעמ־דעם געלד, געלד, וואס געהערט צו דער געמיינדע, צו די שוהלען, דער קירכע? ווידער אמאָל דער פויער. יאָ, ס'איז מורא'דיג צו לעבען מיט זיי, אבער דאָך זיינען זיי מענשען, זיי ליידען און וויינען, ווי מענשען, און אין זייער לעבען איז ניטאָ קיין איין זאך, אויף וועלכער עס זאָל זיך נישט לאָזען געפינען עפעס א זכות, א פערטהיידיגונג. די שווערע האָרעוואַניע, פון וועלכער דער גאנצער קערפער טהוט וועה דורך די נעכט, דיי בייזע ווינטערס, די אָפטע ניט גערעטעניש־ען אויף די פעלדער, די גרויסע אָרימקייט, ענגשאפט און קיין הילף איז נישטאָ און עס איז אפילו נישטאָ פון וועמען הילף צו ערוואַרטען. די, וועלכע זיינען שטארקער און רייכער, קענען נישט העלפען, ווייל זיי אליין זיינען אויך פערגרעבט, נישט עהרליך און נישט ניכטער, זידלען זיך און ריידען שמוציגע רייד, פונקט אזוי ווי די איבעריגע. דער קלענסטער בעאמטער אדער פריקאזטשיק בעגעהט זיך מיט די

פּויערים, ווי מיט הינט, און אפילו צו די עלטסטע און צו די קירכען־דיענער זאָגט ער „דו,“ און מיינט, אז ער האט א רעכט אויף דעם. און איז דען איבערהויפּט מעגליך צו ערוואַרטען הילף אדער א גוטען ביישפּיעל פון מענשען, וועלכע זיינען אליין אייגעננוציג, קאַרג, אויס־געלאַסען, פויל, וועלכע קומען צופאָהרען אין דאָרף נור אום צו בע־ליידיגען, צו בערויבען און אַנצושרעקען?

אָלגאַ האט זיך דערמאָנט, ווי דערשלאָגען, רחמנות'דיג און ער־ניעדעריגט עס האבען אויסגעזעהן די אלטע, ווען מען האט ווינטער־צייט געפיהרט קיריאַק'ן בעשטראָפען מיט ריטער... און אצינד האט איהר וועה געטהאָן פאר די אלע מענשען, זי האט אויף זיי גרויס רחמנות געהאט און, בעת זי איז געגאַנגען, האט זי זיך אלץ אומגע־קוקט צוריק, אויף די הייזלאַך...

בעגלייט זיי א וואַסערע דריי וויאָרסט, האט זיך מאַריא געזע־געגט, דערנאָך האט זי זיך געוואָרפען אויף די קניע און גענומען קלאַ־גען, צופאלענדיג מיט'ן פּנים צו דער ערד:

— ווידער בלייב איך אליין, עלענד, ווי א שטיין, אוי, איך אונ־גליקליכע, איך אָרימע!..

און לאַנג, לאַנג האט זי נאָך אזוי געקלאָגט, און א לאַנגע צייט האט אָלגאַ און סאַשאַ נאָך געקענט זעהען, ווי זי, ארומכאַפּענדיג דעם קאָפּ מיטביידע הענד און שטעהענדיג אויף די קניע, האט זי זיך עפּעס עמעצען גענייגט, און איבער איהר זיינען פעלד־קראָהען גע־פלויגען...

די זונן האט זיך אויפגעהויבען הויך, איבער'ן הימעל, עס איז געוואָרען הייס. זשוקאָווא איז געבליעבען וויית הינטער זיי. עס איז אנגענעהם געוועזן צו געהן.

אָלגאַ און סאַשאַ האבען אין גיכען פערגעסען אי אין דאָרף, אי אָן מאַריאַ'ן. זיי איז געוואָרען פרעהליך און אלעס האט זיי אמוזירט: דאָ א בערגעל, דאָ א ראַנד טעלעגראַף־סלופּעס, וועלכע לויפען איינער נאָך'ן אנדערן ווער ווייס וואוהין און ווערען פערשוואונדען העט ווייט־ווייט, וואו דער הימעל קומט זיך צוזאַמען מיט דער ערד... און די דראָטען הושען, הוזשען אזוי געהיימניספול. דאָ זעהט זיך פון ווייטען א קליין דערפעל, אין גאַנצען אין גרינס איינגעטונקט, און פון איהם טראָגט זיך א ריח פון פייכטקייט און קאַנאָפּליעס, און עפּעס דאכט

זיך, אז דאָרט לעבען גליקליכע מענשען. דאָ ווארפט זיך אין די אויגען א סקעליעט פון א פערד, וועלכער ליעגט אַן איינזאמער אין מיטען פעלד. און די לערכען זינגען, צוגיסען זיך אָהן אויפהער, די וואכ־טעלס סוויסטשען, רופען איינס דאס אנדערע. און דער וואכטעל־קעניג שרייט מיט אזעלכע בענומענע קולות, ווי מען וואָלט פון איהם שטיקער געריסען.

ארום האלבען טאָג איז אָלגא און סאשא געקומען אין א גרויסער דאָרף, דאָ, אויפ'ן ברייטען וועג, האבען זיי אָנגעטראָפען דעם אל־טעטשקען, גענעראל זשוקאָוו'ס אמאָליגען קאָך. איהם איז געוועזען הייס, און זיין רויטער, פערשוויצטער פליך האט געבליסטשעט אויף דער זון. ער און אָלגא האבען זיך לכתחילה נישט דערקענט, דערנאָך האבען זיי ביידע אין איין צייט זיך ארומגעקוקט, דערקענט איינער דעם אנ־דערן און, נישט זאָגענדיג א וואָרט, זיינען זיי אוועק, יעדער מיט זיין וועג.

אָבגעשטעלט זיך נעבען די אָפענע פענסטער פון א שטוב, וועלכע האט אויסגעזעהן נייער און רייכער פון די איבעריגע, האט אָלגא זיך פערנייגט און געזאָגט אין דער הויך, מיט א דינעם, זינגענדיגען קול:

— גיט א נדבה, פרומע קריסטען, בעוויזט אייער גנאָד, דערפאר וועלען אייערע עלטערן אויף יענער וועלט האבען א ליכטיגען גן עדן און אייביגע רוה.

— גיט א נדבה, פרומע קריסטען — האט גענומען זינגען סאשא — פון גאָט'ס וועגען, פון אייערע עלטערן'ס וועגען, א ליכטיגען גן עדן....

וואָלאָדיאַ

אין א געוויסען זומערדיגען זונטאג, א זייגער פינף פארנאכט, איז וואָלאָדיאַ, א זיעבצעהניאָהריגער יונגערמאַן, ניט קיין שעהנער, א קרענקליכער און אַן אונענטשלאָסענער, געזעסען אין ליעטאַנקע פון די שומיכין'ס זומער־הויז און האט זיך געלאַנגווײלט. זיינע נישט פרעהליכע געדאנקען זיינען געפלאָסען אין דריי פערשיעדענע ריכ־טונגען. ערשטענס, האט ער אויף מאָרגען, מאָנטאג הייסט עס, גע־דארפט האַלטען עקזאַמען אין מאַטעמאַטיק; ער האט גוט געוואוסט, אז אויב עס וועט זיך איהם מאָרגען נישט איינגעבען צו מאכען די געשריעבענע אויפגאַבע, וועט מען איהם אויסשליסען פון גימנאַזי־אום, ווייל ער איז אין זעקסטען קלאַס שוין געזעסען צוויי יאָהר און האט פאר אַלגעבראַ געקראָגען נישט מעהר ווי 2¾. צווייטענס, האט איהם געערגערט און זיין אייגענליעבע און שטאָלץ האבען געליטען, פערברענגענדיג ביי די שומיכין'ס, וועלכע זיינען געווען גאַנץ רייכע מענשען און האבען געהאַט פרעטענזיעס אויף אריסטאָקראַטיזם.

איהם האט זיך געדאכט, אז די מאַדאַם שומיכין און איהרע פלימעניצעס קוקען אויף איהם און זיין מאַמע, ווי אויף אָרימע קרובים, אויף שנאָררערס; אז זיי רעספעקטירען נישט זיין מאַמע און לאַכען פון איהר. איין מאָל האט ער, נישט ווילענדיג, אונטערגעהערט, ווי מאַדאַם שומיכין האט אויף דער טעראַסע גערעדט צו איהר קוזינע אננאַ פעדאָראָוונאַ, אז זיין מאַמע האַלט זיך נאָך אין איין יונג און שעהן מאכען, אז זי בעצאָהלט קיין מאָל נישט דעם פערלוסט, ווען זי פערשפיעלט, און אז זי האט א בעזונדערע ליידענשאַפט צו פרעמדע שיך און פרעמדען טאַבאַק.

יעדען טאָג האט וואָלאָדיאַ זיך געבעטען ביי זיין מאַמען, זי זאָל נישט פאָהרען צו די שומיכינס, האט איהר ערקלערט, וואס פאר א

ערנידעריגענדע ראָלע זי שפּיעלט ביי די דאָזיגע יחסנים, האָט איהר געזוכט צו איבערצייגען מיט גוטען און מיט בייזען, איהר געזאָגט גראָב־קייטען, נור יענע, א לייכטזיניגע, נאָכגעגעבענע פרוי, וועלכע האָט אין איהר לעבען פערשווענדעט צוויי פערמעגענס — איהר אייגענעם און דעם מאַן'ס, האָט איהם נישט פערשטאַנען. איהר האָט געצויגען און געשלעפּט צו דער העכערער געזעלשאַפט און וואָלאָדיאַ האָט איהר א פּאָאר מאָל אין וואָך געמוזט בעגלייטען צו יענעם פערהאַסטען זומער־פּלאַץ.

דריטענס, האָט דער יונגערמאַן זיך אויף קיין איין מינוט נישט געקענט בעפרייען פון עפּעס א מאָדנעם, אונאַנגענעהמען געפיהל, וועלכער איז איהם געווען גאַנץ ניי... איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער איז פערליעבט אין אַננאַ פעדאָראָוונאַ, שומיכין'ס קוזינע, וועלכע איז ביי זיי געווען צו גאַסט.

די דאָזיגע אַננאַ פעדאָראָוונאַ איז געווען א בעוועגליכע, שרייַעדיגע און קאָמישע דאַמעלע, א יאָהר דרייסיג אַלט, א געזונדע, א שטאַרקע, א ראָזאָווע, מיט רונדע פּלייצעס, מיט א קיילעכדיגער, פעטער מאָרדע און א שטענדיגען שמייכעל אויף די דינע ליפּען. זי איז געווען נישט שעהן און נישט יונג — וואָלאָדיאַ האָט עס זעהר גוט געוואוסט, נור דאָך האָט ער עפּעס בשום אופן נישט געקענט איינהאַלטען זיך פון גיט טראַכטען וועגען איהר, קוקען אויף איהר, ווי זי האָט, שפּיעלענדיג אין קראָקעט, געדריקט מיט די רונדע פּלייצעס און בעוועגט מיט דעם גלאַטען רוקען, אדער ווי זי האָט נאָך א לאַנגען ארומלויפען איבער די טרעפּ זיך געוואָרפען אויף א פאָטעל, און, זשמורענדיג די אויגען, האָט זי שווער געאָטהעמט און געמאַכט זיך, ווי עס איז איהר ענג און שטיקענד אין דער ברוכט.

זי איז געווען פערהייראַטה. איהר מאַן, א סאָלידער ארכיטעקט, איז איין מאָל אין וואָך געקומען צו פאָהרען אויף דעם זומער־פּלאַץ, האָט זיך געשמאַק אויסגעשלאָפען און איז צוריק אין שטאָדט אוועק. דאָס ניי, מערקווירדיג געפיהל האָט זיך אָנגעהויבען ביי וואָלאָדיאַ'ן דערפון, וואָס ער האָט אָהן שום אורזאָך געגומען האַסען דעם ארכיטעקט און זיך געפרעהט יעדעס מאָל, ווען יענער פלעגט אוועקפאָהרען צוריק אין שטאָדט אריין.

איצט, זיצענדיג אין לעטאַנקע און טראַכטענדיג וועגען דעם מאָר־

גענדיגען עקזאמען און וועגען דער מאמען, וועלכע מען לאכט אויס, האט ער געפיהלט א שטארקען פערלאנג צו זעהן ניוטאַ'ן (אזוי האבען די שומיכינס גערופען אננא פעדראָוונא), הערען איהר געלעכטער, דעם גערויש פון איהר קלייד . . . דער דאָזיגער פערלאנג איז נישט ענהליך געווען צו יענער ריינער, פּאָעטישער ליעבע, וועלכע איז איהם בעקאנט געווען פון ראָמאנען און וועגען וועלכער ער האט געטרוימט יעדען אויף דער נאכט געהענדיג שלאָפען; דער פערלאנג איז געווען עפּעס א מאָדנער, אן אונפערשטענדליכער, ער האט זיך פאר איהם אי געשעהמט, אי מורא געהאט, ווי פאר עטוואס זעהר שלעכטעס און אונריינעס, אין וועלכען עס איז שווער זיך מודה צו זיין אפילו פאר זיך אליין...

— דאס איז נישט קיין ליעבע — האט ער גערעדט צו זיך אליין — אין פערהייראטע, דרייסיג־יאָהריגע פרויען פערליעבט מען זיך נישט... דאס איז איינפאך א קליין אינטריגעלע נישט מעהר... יאָ, אן אינטריגעלע....

טראכטענדיג וועגען דער אינטריגע, האט ער זיך דערמאָנט אָן זיין מורא'דיגער אונענטשלאָסענקייט, אז ביי איהם זיינען נאָך נישטאָ קיין וואָנצעס, אָן זיינע זומער־שפּרינקלאך, די שמאָלע אויגלאך, און אין זיין פאנטאזיע האט ער זיך אוועקגעשטעלט נעבען ניוטאַ'ן — און דאס דאָזיגע פּאָאָר האט זיך איהם אויסגעוויזען אונמעגליך; דאן האט ער געאיילט פּאָרצושטעלען זיך אלס שעהנעם, געוואגטען, שארפזיניגען יונגען מאן, אנגעטהאָן נאָך דער לעצטער מאָדע...

אין רעכטען ברען פון זיינע חלומות, ווען ער, איינגעהויקערט און קוקענדיג אויף דער ערד, איז געזעסען אין א דונקעלען ווינקעל פון דער לעטאנקע, האבען זיך דערהערט לייכטע טריט. עמעצער איז לאנגזאם געגאנגען איבער דער אלעע. באלד זיינען די טריט שטיל געוואָרען און ביים אריינגאנג האט א מיניט געטהאָן עטוואס ווייסעס.

— איז דאָ עמעצער פאראן? — האט געפרעגט א פרויען־שטימע.

וואָלאָדיאַ האט דערקענט די שטימע און א צושראָקענער, האט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— ווער איז דאָ? — האט געפרעגט ניוטא, אריינגעהענדיג אין לעטאנקע — אָך, דאס זייט איהר, וואָלאָדיאַ? וואס טהוט איהר דאָ?

איהר טראַכט? און ווי קען מען דאס אַלץ טראַכטען, טראַכטען, טראַכטען... אויף אַזאַ אופן קען מען משוגע ווערען!

וואָלאָדיאַ האט זיך אויפגעהויבען און צומישט געקוקט אויף ניוטאַ'ן. זי האט זיך נור וואס אומגעקעהרט פון באָדע־שטיבעל. אויף איהרע פּלייצעס זיינען געהאַנגען אַ לייַלאַך און אַ האָריגער האַנדטוך און פון דעם ווייס־זיידען טיכעל אויף דעם קאָפּ האבען ארויסגעקוקט נאַסע האָאָר, צוגעקלעבטע צום שטערן. פון איהר האט זיך געטראָגען אַ פייכטער, קיהלענדער גערוך פון דעם באָדען זיך און פון מאַנדעל־זייף. פון דעם שנעלען געהן האט זי זיך פעררויטיגט. דער אויבערשטער קנעפּעל פון איהר בלוזקע איז געווען אָבגעשפּיליעט אַזוי, אַז דער יונגערמאַן האט געזעהן איהר האַלז און ברוסט.

— וואס־זשע שווייגט איהר? — האט געפרעגט ניוטאַ, בע־טראַכטענדיג וואָלאָדיאַ'ן — עס איז נישט העפליך צו שווייגען, ווען אַ דאַמע רעדט מיט אייך. וואס פאר אַ בער איהר זייט, וואָלאָדיאַ! איהר זיצט אַלץ אויף איין אָרט, שווייגט און טראַכט, ווי עפּעס אַ פילאָזאָף. אין אייך איז גאָרנישטאַ קיין לעבען און קיין פייער! איהר זייט גלאַט אַ גאָרנישט, ווירקליך... אין אייערע יאָהרען דאַרף מען לעבען, שפּרינגען, פלוידערן, נאָכלויפען נאָך פרויען, פערליעבען זיך.

וואָלאָדיאַ האט געקוקט אויף דעם האַנדטוך, וועלכען עס האט אונטערגעהאַלטען אַ ווייסע, ווייכע האַנד און געטראַכט...

— ער שווייגט! — האט זיך געוואונדערט ניוטאַ — דאס איז טאַקע מאָדנע... הערט אויס, זייט דאָך אַ מאַן! כאָטש טהוט אַ שמייכעל! פוי, וואס פאר אַ העסליכער פילאָזאָף! — האט זי זיך צולאַכט — און ווייסט איהר, וואָלאָדיאַ, פאר וואס איהר זייט אַזאַ בער? ווייל איהר אינטערעסירט זיך נישט מיט פרויען. פאַרוואס טהוט איהר עס? אמת טאַקע, קיין פריילענס זיינען דאָ נישטאָ, אבער אייך קען נישט שאַדען, ווען איהר וועט זיך אינטערעסירען מיט דאַמען! אָט, למשל, פאַרוואס אינטערעסירט איהר זיך ניט מיט מיר?

וואָלאָדיאַ האט געהערט און, טראַכטענדיג שווער און אָנגע־שטרענגט, האט ער זיך געריבען דעם שלייף.

—עס שווייגען און ליעבען די איינזאַמקייט נור זעהר שטאָלצע מענשען — האט ווייטער גערעדט ניוטאַ, אָבשלעפּענדיג זיין האַנד פון'ם שלייף — איהר זייט זעהר אַ שטאָלצער, וואָלאָדיאַ. וואס קוקט

איהר פון דער זייט? קוקט, זייט מוחל, מיר גלייך אין פּנים! נו, גיט זיך א ריהר, בער!

וואָלאָדיא האט זיך בעשלאָסען צו ריידען. וועלענדיג א שמייכעל טהאָן, האט ער גענומען דרעהען מיט דער אונטערשטער ליפּ, פינטלען מיט די אויגען און ווידער א ציה געטהאָן די האנד צום שלייף.

— איך... איך ליעב אייך! — האט ער ארויסגערעדט.

ניוטא האט פערוואונדערט אויפגעהויבען די ברעמען און זיך צולאכט.

— וואס הער איך? — האט זי אויסגעזונגען, ווי עס זינגען אָפּערא־זינגערינס, ווען זיי הערען עטוואס שרעקליכעס — ווי? וואס האט איהר געזאָגט? זאָגט עס נאָך אמאָל, נאָך אמאָל...

— איך... איך ליעב אייך!... — האט איבערגע'חזר'ט וואָלאָדיא.

און מעהר גאָרנישט פערשטעהענדיג און נישט טראכטענדיג, נעגען זיין אייגענעם ווילען, האט ער האלב א טראָט געטהאָן צו ניוטא'ן און זי אָנגענומען פאר א האנד איבער'ן עלענבויגען. אין די אויגען איז איהם פינסטער געוואָרען און טרערען זיינען ארויסגעטראָטען, די גאנצע וועלט האט זיך פּלוצים פערוואנדעלט אין איין גרויסען האָריגען האנדטוך, פון וועלכען עס האט געשמעקט מיט באָדעשטיבעל.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האט ער דערהערט א פרעהליכען געלעכטער — וואס־זשע שווייגט איהר? איך וויל איהר זאָלט ריידען! נו?

זעהענדיג, אז מען שטערט איהם נישט צו האלטען די האנד, האט וואָלאָדיא א קוק געטהאָן אויף ניוטא'ס לאכעדיג פּנים און האט זי מיט ביידע הענד אומגעלומפּערט און אונבעקוועם ארומגענומען ארום טאַליע, דערביי זיינען די עלענבויגענס פון זיינע ביידע הענד זיך צוזאַמענגעקומען אויף איהר רוקען. ער האט זי געהאלטען מיט ביידע הענד ביי דער טאַליע, און זי, פערוואָרפען די הענד אויפ'ן נאקען און ווייזענדיג גריבעלאך אויף די עלענבויגענס, האט פערריכט איהר פריזור אונטער דעם טיכעל און גערעדט מיט א רוהיגער שטימע:

— מען דאַרף זיין, וואָלאָדיא, ריהרעוודיג, פעהיג, ליעבליך און

אנגענעהם, און אזוי קען מען נור ווערען אונטער דעם איינפלוס פון פרויען. אבער וואס פאר א שלעכטען... בייזען פנים איהר האט. מען דארף ריידען, לאַכען... יאָ, יאָ, וואָלאָדיאַ, זייט נישט קיין פער־שלאָפענע בריאה, איהר זייט יונג און וועט נאָך צייט האבען צו פי־לאָזאָפירען. נו, אצינד לאָזט מיך איין, איך וועל געהן. לאָזט מיך איין!

זי האט אָהן אָנשטרענגונג בעפרייט איהר טאַליע און, אונטער־זינגענדיג עפעס, איז זי ארויס פון לעטאַנקע. וואָלאָדיאַ איז געבליע־בען אליין. ער האט א גלעט געטהאָן זיינע האָאר, א שמייכעל געטהאָן און זיך דורכגעגאנגען אמאָל דריי פון איין ווינקעל אין דעם אנדערן, דערנאָך האט ער זיך געזעצט אויף א באנק און נאָך אמאָל א שמיי־כעל געטהאָן. ער האט זיך מורא'דיג געשעהמט אזוי, אז ער האט זיך זאָגאר געוואונדערט, וואס די מענשליכע חרפה זאָל קענען זיין אזוי שארף, אזוי שטארק. פאר חרפה האט ער געשמייכעלט, געמורמעלט עפעס מאָדנע, אונפערשטענדליכע ווערטער און געמאכט מיט די הענד.

ער האט זיך געשעהמט, וואס מען האט זיך מיט איהם נור וואס בעגאנגען, ווי מיט א אינגעל, געשעהמט פאר זיין ניט־דרייסטיגקייט און בעזונדערס דערפאר, וואס ער האט געוואגט אָנצונעהמען אַן אָנשטענדיגע, פערהייראַטע פרוי ביי דער טאַליע, כאָטש נישט נאָך די יאָהרען, נישט נאָך זיינע אויסערליכע אייגענשאפטען און נישט נאָך זיין געזעלשאפטליכער שטעלונג, האט ער אויף דעם נישט געהאט, ווי איהם האט זיך אויסגעוויזען, קיין שום רעכט.

ער איז אויפגעשפרונגען, איז ארויס פון לעטאַנקע, און נישט ארומקוקענדיג זיך, איז ער אוועק אין דעם געדיכטען טהייל פון גאָר־טען, וואס ווייטער פון'ם הויז.

— אַך, וואס שנעלער אוועקפאָהרען פון דאנען! — האט ער געטראכט, כאפענדיג זיך פאר'ן קאָפּ — מיין גאָט, וואס שנעלער!

דער צוג, מיט וועלכען וואָלאָדיאַ און זיין מאַמע האבען געזאָלט אָבפאָהרען, איז אָבגעגאנגען אם אכט א זייגער מיט פערציג מינוטען. ביז דאַן איז נאָך פערבליעבען א שעה דריי, ער אבער וואָלט מיט דעם גרעסטען פערגעניגען גלייך אוועק אויף דער סטאַנציאָן, נישט וואר־טענדיג אפילו אויף דער מאַמען.

א זייגער אכט איז ער צוגעקומען צום הויז. זיין גאנצע פיגור האט אויסגעדריקט ענטשלאָסענהייט: וואס וועט זיין, וועט זיין! ער האט זיך בעשלאָסען אריינצוקומען דרייסט, קוקען גלייך, רעדען הויך, נישט קוקענדיג אויף קיין זאך.

ער איז דורכגעגאנגען די טעראסע, דעם גרויסען זאאל, דאס גאסטצימער און זיך אָבגעשטעלט אין דעם לעצטען. פון דאנען האט זיך געהערט, ווי אין צווייטען צימער, וועלכער איז געוועזען דאס עסס־צימער, האט מען געטרונקען טהעע. מאדאם שאמוכין, זיין מאמע און ניוטא האבען וועגען עטוואס גערעדט און געלאכט.

וואָלאָדיא האט זיך צוגעהערט.

— איך פערזיכער אייך! — האט גערעדט ניוטא — איך האב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגען! ווען ער האט זיך אָנגעהויבען ערקלערען פאר מיר אין ליעבע און, שטעלט זיך פאָר, ער האט מיך זאָגאר ארומגענומען ביי דער טאליע! איך האב איהם נישט דער־קענט. און ווייסט איהר, ער האט עפּעס א בעזונדערען וועג! ווען ער האט געזאָגט, אז ער איז פערליעבט אין מיר, איז אויף זיין געזיכט ארויסגעטרעטען עטוואס טהירישעס, ווי ביי א טשערקעס.

— ווירקליך! — האט א זיפץ געטהאָן די מאמע און זיך צוגאָ־סען מיט א לאנגען, אויסגעצויגענעם געלעכטער — ווירקליך! ער דערמאָנט מיך גאָר אָן זיין פאָטער!

וואָלאָדיא האט גענומען לויפען צוריק און איז ארויסגעשפרונגען אויף דער פרישער לופט.

— און ווי קענען זיי ראס רעדען דערפון אזוי אָפען, אויפ׳ן קול!

— האט ער זיך געמוטשעט, א פּאטש טהאָנדיג מיט די הענד און קוקענדיג מיט שרעק אויף דעם הימעל — זיי רעדען אין דער הויך, גלייכגילטיג... און די מאמע האָט געלאכט... די אייגענע מאמע! גאָט מיינער, פארוואס האָסטו מיר געגעבען אזא מוטער? פאר־וואס?

אבער אין הויז האט מען געמוזט אריינגעהן, וואס דאָרט זאָל שוין נישט זיין. ער איז זיך אמאָל דריי דורכגעגאנגען איבער דער אַלעע, האט זיך אביסעל בערוהיגט און אריין אין הויז.

— פארוואס קומט איהר נישט טרינקען טהעע אין צייט? — האט שטרענג געפרעגט די מאדאם שומיכין.

— ענטשולדיגט, מיר... מיר איז צייט צו פאָהרען — האט ער גענומען שטאמלען, נישט אויפהויבענדיג די אויגען — מאמא, עס איז שוין אכט אוהר!

— פאָהר אליין, מיין ליעבער — האט געזאָגט די מאמע — איך בלייב נעכטיגען ביי לילי'ן. פאָהר געזונד, מיין פריינד... לאָז, איך וועל דיך איבער'צלמ'ען...

זי האט איבערגע'צלמ'ט דעם זון און געזאָגט אויף פראנצויזיש, זיך ווענדענדיג צו ניוטא'ן:

— ער איז אביסעל עהנליך צו ליערמאָנטאָוו'ן... נישט אמת?

ווי עס איז אָפּגעזעגענט זיך און נישט א קוק געטהאָן קיינעם אין פּנים אריין, איז וואָלאָדיא ארויס פון עסס־צימער.

אין צעהן מינוטען ארום האט ער זיך שוין געטראָגען איבער דעם וועג צו דער סטאנציאָן און דאס האט איהם געפרעהט. איצט האט ער שוין מעהר נישט געפיהלט נישט קיין חרפּה און נישט קיין שרעק און עס האט זיך געאָטהעמט לייכט און פריי.

א האלב וויארסט פון דער סטאנציאָן האט ער זיך געזעצט אויף א שטיין און גענומען קוקען אויף דער זונן, וועלכע האט זיך מעהר ווי א העלפט בעהאלטען הינטער א בערגעל.

אויף דער סטאנציאָן האט שוין וואו נישט וואו געברענט פייער, עס האט א שוועב געטהאָן א מאט, גרין פייערל, נור דער צוג האט זיך נאָך נישט געזעהן. וואָלאָדיא'ן איז אנגענעהם געווען צו זיצען אונבעוועגליך און צוהערען זיך, ווי ביסלאכווייז ווערט נאכט.

די דונקעלהייט פון דער לעטאנקע, די טריט, דער גערוך פון באדע־שטיבעל, דאס געלעכטער און די טאליע — דאס אלעם האט מיט א מערקווירדיגער קלאָרקייט ערוואכט אין זיין פאנטאזיע און דאס אלעם האט שוין אצינד נישט אויסגעזעהן אזוי מורא'דיג און וויכטיג, ווי פריהער...

— נארישקייטען... זי האט נישט ארויסגעצויגען די האנד און געלאכט, ווען איך האב זי געהאלטען ביי דער טאליע — האט ער געטראכט — הייסט עס, אז איהר איז עס געפעלען. ווען עס וואָלט איהר געווען אבשטויסענד, דאן וואָלט זי אין כעס געוואָרען...

און אצינד האט וואָלאָדיא'ן פערדראָסען, וואס דאָרט, אין לע־טאנקע הא ביי איהם נישט געבאפּט גענוג דרייסטקייט. איהם האט

גענומען פערדריסען, וואס ער פאָהרט אזוי נאַריש אוועק און ער איז שוין געוועזן איבערצייגט, אז ווען אזא צופאַל זאָל זיך איהם ווידער מאַכען, וואָלט ער שוין געוועזען געוואַגטער און דרייסטער און וואָלט איינפאַכער געקוקט אויף אַזעלכע זאַכען.

און עס איז גאָרנישט פון די שווערע זאַכען, אז אזא צופאַל זאָל זיך ווידער מאַכען. ביי די שומיכינס שפּאַצירט מען אַ לאַנגע צייט נאָך דער וועטשערע. ווען ער, וואָלאָדיא, זאָל געהן מיט ניוטאַ'ן שפּאַצירען איבער דעם פינסטערן גאָרטען, דאַן — דאַן איז אַ פּאַרטיגער צופאַל!

— איך וועל זיך אומקעהרען — האָט ער געטראַכט — און וועל פאָהרען מאָרגען מיט דעם אין דער פריהערדיגען צוג... איך וועל זאָגען, אז איך האָב פערשפּעטיגט דעם צוג.

און ער האָט זיך אומגעקעהרט.

מאַדאַם שומיכין, די מאַמע, ניוטאַ און איינע פון די פּלימעני־צעס זיינען געזעסען אויף דער טערראַסע און געשפּיעלט אין קאָרטען. ווען וואָלאָדיאַ איז ארויס מיט זיין פערטיגען ליגען, אז ער האָט פער־שפּעטיגט דעם צוג, זיינען אַלע געוואָרען אביסעל אונרוהיג, ער זאָל מאָרגען נישט פערשפּעטיגען די עקזאַמענס און האָבען איהם געראַ־טהען אויפצושטעהן וואָס פריהער.

די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבען געשפּיעלט אין קאָרטען, איז ער געזעסען אָן אַ זייט, האָט מיט גיריגע אויגען געקוקט אויף ניוטאַ'ן און געוואַרט... אין זיין קאָפּ איז שוין געווען אַ פערטיגער פּלאַן: ער וועט צוגעהן אין דער פינסטער צו ניוטאַ'ן, וועט זי אָננעהמען פאַר אַ האַנד, און דערנאָך זי ארומנעהמען; רעדען דאַרף מען גאָר־נישט, ווייל זיי ביידע וועלען אַלעס פערשטעהן אָהן שום איבעריגע רייד.

אבער נאָך וועטשערע זיינען די דאַמען נישט אוועק אין גאָרטען שפּאַצירען און זיך ווייטער גענומען שפּיעלען אין קאָרטען. גע־שפּיעלט האָבען זיי ביז אַ זייגער איינס ביינאַכט, און דערנאָך זיך צוגאַנגען שלאָפען.

— ווי נאַריש דאָס אַלעס איז! — האָט זיך געבייזערט וואָלאָ־דיאַ, זיך ליינענדיג אין בעט — נור, גאָרנישט, עס מאַכט נישט, איך

וועל אויסוואַרטען מאָרגענדיגען טאָג... מאָרגען ווידער אין לעטאַנ־קע. עס מאַכט נישט...

ער האט זיך נישט געסטאַרעט איינצושלאָפען און איז געזעסען אין בעט, ארומנעהמענדיג די קניע מיט די הענד און געטראַכט. דער געדאַנק וועגען עקזאַמען האט איהם געעקעלט. ער האט שוין ביי זיך בעשלאָסען, אז מען וועט איהם אויסשליסען און האט אין דער אויס־שליסונג נישט געזעהן קיין שום אונגליק. פאַרקעהרט, אזוי וועט זיין זעהר גוט, טאַקע אויף אַן אמת גוט: מאָרגען וועט ער זיין פריי, ווי א פויגעל, וועט אָנטהאָן פריוואַט־קליידער, וועט פראַנק און פריי רוי־כערען, פאָהרען אהערצו און שפּיעלען אין ליעבע מיט ניוטאַ'ן, וויי־פיעל דאס הארץ גלוסט; און ער וועט שוין מעהר נישט זיין קיין גימ־נאַזיסט, נור א „יונגערמאַן.‟ און דאס איבעריגע, דאס וואס מען רופט א קאַריערע, אַ צוקונפט, דאס אלץ איז זעהר קלאָר: ער וועט אריינטרעטען אין דיענסט אלס פרייוויליגער, אדער וועט ווערען א טעלעגראַפיסט, אָניט וועט ער גאָר אָנקומען אין אַן אַפּטהעק און וועט זיך דערדיענען צו א פּראָוויזאָר־שטעלע... ווייניג בעשעפטי־גונגען זיינען פאַרהאַן? עס איז אוועק א שעה, אַ צווייטע, און ער איז נאָך אלץ געזעסען און געטראַכט...

דריי א זייגער, ווען עס האט שוין גענומען טאָגען, האט די טהיר פאָרזיכטיג א סקריפּע געטהאָן און אין צימער איז אריין די מאַמע.

— דו שלאָפסט נישט? — האט זי געפרעגט, גענעצענדיג — שלאָף, שלאָף, איך בין דאָ נור אויף איין מינוט... איך וועל נור נעהמען די טראָפּען...

— צו וואס דאַרפט איהר זיי?

— די אָרימע לילי האט נעבאַך ווידער געקראָגען ספּאַזמען. שלאָף, מיין קינד, דו האָסט דאָך מאָרגען עקזאַמען...

זי האָט ארויסגענומען פון שאַפּקע א פלעשעל מיט עפּעס א פליסיגקייט, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, איבערגעלעזען דעם אויפ־שריפט און איז ארויס.

מאַריאַ לעאָנטיעווא, דאס זיינען נישט די טראָפּענס! — האט אין א מינוט ארום דערהערט וואָלאָדיאַ א ווייבערש קול — דאס איז מאַיי־בלומען און לילי וויל מאָרפין. אייער זוהן שלאָפט? בעט איהם, ער זאָל אויפזוכען...

דאס איז געווען ניוטאַ'ס קול.

א קעלט איז איבער וואָלאָדיאַ'ן אריבער. ער האט שנעל אָנגע־טהאָן די הייזען, האט ארויפגעוואָרפען אויף די פּלייצעס דעם שינעל און איז צו צו דער טהיר.

— איהר פערשטעהט? מאָרפין! — האט ערקלערט ניוטאַ אין דער שטיל — דאָרט דאַרף זיין אָנגעשריעבען אויף לעטיין. וועקט אויף וואָלאָדיאַ'ן, ער וועט געפינען...

די מאַמע האט געעפענט די טהיר און וואָלאָדיאַ האט דערזעהן ניוטאַ'ן. זי איז געווען אָנגעטהאָן אין דערזעלבער בלוזע, אין וועלכער זי איז געגאַנגען זיך באָדען. איהרע האָאָר זיינען געווען נישט פער־קאַמט, צוואָרפען איבער'ן פּלייצע, דאס פּנים פערשלאָפען און דונקעל פון דער ארומיגער פינסטערניש...

— אָט איז וואָלאָדיאַ, ער שלאָפט נישט... — האט זי געזאָגט — וואָלאָדיאַ, זוכט אויס, איך בעט אייך, אין שאַפע דאַרף זיין מאָר־פין! אַן אונגליק מיט דער לילי... שטענדיג איז זי קראַנק.

די מאַמע האט עפּעס געמורמעלט, א גענעץ געטהאָן און איז אוועק.

— נו, זוכט־זשע — האט געזאָגט ניוטאַ — וואס שטעהט איהר?

וואָלאָדיאַ איז אוועק צו דער שאַפע, האט זיך געשטעלט אויף די קניע און גענומען איבערקלייבען די פלעשלאַך און קערבלאַך מיט רעצעפּטען. די הענד האבען ביי איהם געציטערט, אין ברוסט און אין בויך האט ער געפיהלט אַזאַ מין עמפּפינדונג, ווי אינעווייניג, אין איהם, וואָלטען זיך קאַלטע כוואַליעס צוגאָסען. פון דעם גערוך פון עפיר, קאַרבאָל און פערשיעדענע גראָזען, פאר וועלכע ער האט זיך גאָר אָהן א פארוואס געבאַפּט מיט זיינע ציטערענדע הענד און וועלכע האבען זיך דעריבער אויסגעשאָטען, האט איהם געשטיקט און דער קאָפּ האט זיך געדרעהט.

— דאַכט זיך, אז די מאַמע איז אוועק — האט ער געטראַכט — דאס איז גוט... גוט...

— איהר וועט באַלד? — האט געפרעגט ניוטאַ, אויסציהענדיג די רייד.

— גלייך... אָט דאס איז, דאַכט זיך, מאָרפין... — האט גע־

זאָגט וואָלאָדיאַ, איבערלעזענדיג אויף איינער פון די אויפשריפטען דאס וואָרט „מאָרף" — אָט, נאָט אייך!

ניוטאַ איז געשטאַנען אין דער טהיר אַזוי, אַז איין פוס איהרס איז געווען אין קאָרידאָר, און די אַנדערע ביי איהם אין צימער. זי האט פעררידכט איהרע האָר, וועלכע עס איז שווער געווען צו פער־ריכטען, אַזוי געדיכט און לאַנג זיינען זיי געווען, און האט צושטרייט געקוקט אויף וואָלאָדיאַ'ן.

אין דער לייזער בלוזקע, אַ פערשלאָפענע, מיט צולאָזענע האָאָר, ביי דעם שוואַכען שיין, וועלכער איז געווען אין צימער פון דעם ווייסען, אבער פון דער זונן נאָך נישט בעלייכטעטען הימעל, האט זי וואָ־לאָדיאַ'ן אויסגעוויזען בעצויבערענד, רייצענד... אַ פער'כישוף'טער, ציטערענדיג מיט דעם גאַנצען קערפּער און דערמאָנענדיג זיך, ווי ער האט היינט אין לעטאַנקע ארומגענומען דיעזען וואונדער־שעהנעם קערפּער, האט ער איהר דערלאַנגט די טראָפּענס און געזאָגט:

—וואס פאר אַ מערקווירדיגע איהר זייט...

—וואס?

זי איז אריין אין צימער.

— וואס? — האט זי איבערגעפרעגט מיט אַ שמייכעל.

ער האט געשוויגען און געקוקט אויף איהר, דערנאָך, ווי דאַן, אין לעטאַנקע, האט ער זי גענומען פאר אַ האַנד... און זי האט גע־קוקט אויף איהם, געשמייכעלט און געוואַרט: וואס ווייטער וועט זיין?

— איך ליעב אייך... — האט ער געשעפּטצעט.

זי האט אויפגעהערט צו שמייכלען, האט אַ טראַכט געטהאָן און געזאָגט:

— וואַרט אויס, דאכט זיך, עמעצער געהט. אַך, די גימנאַזיסטען!

— האט זי געזאָגט שטיל, געהענדיג צו דער טהיר און ארויסקוקענדיג אין קאָרידאָר — ניין, מען זעהט קיינעם נישט...

זי האט זיך צוריקגעקעהרט...

דערנאָך האט זיך וואָלאָדיאַ'ן אויסגעוויזען, אַז דאס צימער, ניוטאַ, דער שיין פון טאָג און ער אַליין — אַלעס, אַלעס האט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין געפיהל, אין איין עמפּפינדונג פון שאַר־פען, אונגעוועהנליכען, נאָך קיין מאָל ביז אהער נישט איבערגעלעבטען

גליק, פאר וועלכען מען האט געמעגט אָבגעבען דאס גאַנץ לעבען און געהן אויף אייביגער מאַטערניש... נור עס איז אוועק א האלבע מינוט און פלוצים איז דאס אלעס פערשוואונדען.

וואָלאָדיאַ האט איצט נור געזעהן ניוטאַ'ס פולען, נישט שעהנעם פּנים, א צוקרימטען פון אן אויסדרוק פון עקעל, און ער האט פּלוצים אליין אויך דערפיהלט אן עקעל צו דעם, וואס האט פּאַסירט...

— דאָך, איך מוז געהן — האט געזאָגט ניוטאַ, ארומקוקענדיג וואָלאָדיאַ'ן מיט פעראַכטונג: — וואס פאר א מיאוס'ער, א קלאָגעדי־גער... פוי, מיאוס'ע בריאה'לע!...

ווי מיאוס האט זיך וואָלאָדיאַ'ן אַצינד אויסגעוויזען איהרע לאַנ־גע האָאָר, די לייזע בלוזע, איהר טריט, דער קול!...

— מיאוס'ע בריאה'לע!... — האט ער געטראַכט, נאָכדעם ווי זי איז אוועק — איך בין טאַקע מיאוס... אלעס איז אזוי מיאוס....

אין דרויסען איז שוין אויפגעגאַנגען די זונן, די פויגעלאך האָ־בען אין דער הויך געזונגען; עס האט זיך געהערט, ווי דער גערטנער האט געטראָטען איבער'ן גאָרטען און ווי עס האט געסקריפּעט זיין טאַטשקע... און אין א ווײַלע שפּעטער האט זיך דערהערט דאס בריללען פון קיה און די קלאַנגען פון פּאַסטוך'ס פייפעל.

דער שיין פון דער ליכטיגער זונן און די קלאַנגען פון פייפעל האבען דערצעהלט, אז ערגעץ־וואו אויף דיזער וועלט געפינט זיך א ריין, שעהן, פּאָעטיש לעבען. אבער וואו איז ער? וועגען דעם דאָזי־גען לעבען האט קיינער צו וואָלאָדיאַ'ן קיינמאָל נישט גערעדט, נישט זיין מאַמע און נישט די מענשען, וועלכע האבען איהם ארומגערינ־געלט.

ווען דער לאַקעי האט איהם געוועקט צום אין דער פריהעדיגען צוג, האט ער זיך געמאַכט שלאָפעדיג...

— עך, זאָל אלעס געהן צום טייפעל! האט ער געטראַכט.

פון בעט איז ער אויפגעשטאַנען א זייגער עלף. קאָמענדיג זיך פאר דעם שפּיעגעל און קוקענדיג אויף זיין מיאוס, בלאַס, פון נישט דערשלאָפען, פּנים, האט ער א טראַכט געטהאָן:

— זעהר ריכטיג... „מיאוס'ע בריאה'לע". —

ווען די מאַמע האט איהם דערזעהן און איז געוואָרען אויסער זיך,

וואס ער איז נישט אויף דעם עקזאמען, האט וואָלאָדיא צו איהר געזאָגט:

— איך האב פערשלאָפען, מאמא... נור איהר דארפט זיך נישט בעאונרוהיגען, איך וועל צושטעלען א צייגנים פון דאָקטאָר, אז איך בין קראנק געוועז.

מאַדאַם שומיכין און ניוטא האבען זיך אויפגעכאַפּט איינם א זייגער. וואָלאָדיא האט געהערט, ווי די מאַדאַם שומיכין האט מיט א טראַסקעריי געעפענט ביי זיך דאס פענסטער, ווי אויף איהר גראָבען קול האט ניוטא געענטפערט מיט א הילכענדיגען געלעכטער. ער האט געזעהן, ווי עס האט זיך געעפענט די טהיר פון עססצימער און פון גאַסטצימער האט זיך א לאָז געטהאָן צום פריהשטיק א גאַנצע כאַפּטע מיט פּלימעניצעס און סתם איינגעהערקעס (צווישען די לעצטע איז אויך געוועזען זיין מאמע), ווי עס האט זיך א מיניע געטהאָן ניוטא'ס ריין געוואַשען, לאַכעדיג פּנים און נעבען איהר די שווארצע ברעמען און די באָרד פון דעם אַרכיטעקט, וועלכער איז נור וואס געקומען.

ניוטא איז געוועזען אָנגעטהאָן אין א קליין-רוסישען קאָסטיום, וועלכער האט ניט געפּאַסט צו איהר און האט זי געמאַכט אומגעלומפּערט; דער אַרכיטעקט האט זיך געוויצעלט גראָב און אָהן טעם; אין די קאָטלעטען, וועלכע מען האט דערלאַנגט צום פריהשטיק, איז געוועזען זעהר פיעל קנאָבעל — אזוי האט זיך וואָלאָדיא'ן געדאַכט.

איהם האט זיך אויך אויסגעוויזען, אז ניוטא האט אומיסטענע אזוי הויך געלאַכט און געקוקט אין זיין זייט, אום איהם דערמיט געבען צו פערשטעהן, אז די עראינערונג וועגען דער נאַכט בעאונרוהיגט זי נישט א האָאָר און, אז זי בעמערקט אפילו נישט די אנוועזענהייט פון דאס מיאוס'ע בריאה'לע ביים טיש.

פיער א זייגער איז וואָלאָדיא געפאָהרען מיט זיין מאַמען צו דער סטאַנציאָן.

שמוציגע עראינערונגען, די שלאָפלאָזע נאַכט, דאס אויסשליסען פון גימנאַזיע, וואס איז איהם בעפאָרגעשטאַנען, געוויסענסביסע — דאס אלעס צוזאמען האט איצט ערוועקט אין איהם א שווערע, פינסטערע פערביסענקייט. ער האט געקוקט אויף דער מאַמע'ס מאָגע־

רען פּראָפיל, אויף איהר קליין נעזעל, אויף דעם רעגען-מאַנטעל, וואס ניוטא האט איהר געשענקט, און געמורמעלט:

— צו וואס פּודערט איהר זיך? דאס פּאַסט זיך נישט אין אייערע יאָהרען! איהר שלעפּט אויף זיך ארויף א געמאַכטע שעהנקייט, בעצאָהלט נישט, וואס איהר פערשפּיעלט, רויכערט פרעמדען טאַבאַק... דאס איז העסליך! איך האב אייך נישט ליעב.... ניין, נישט ליעב!

ער האט זי בעליידיגט און זי האט צושראָקען געמאַכט מיט איהרע אויגלאַך, געפּאַטשט מיט די הענדלאַך און געשעפּטצעט מיט מורא:

— וואס רעדסטו, מיין ליעבער? גאָט מיינער, דער קוטשער קען נאָך דערהערען! שווייג שטיל, אַניט וועט דער קוטשער דערהערען! ער הערט אַלץ פון זיין פּלאַץ!

— איך ליעב אייך נישט... איך ליעב נישט! — האט ער ווייטער גערעדט, שטיקענדיג זיך — איהר זייט אַן אונאַנשטענדיגע, א הערצלאָזע... איהר זאָלט נישט וואגען צו טראָגען דיעזען רעגען-מאַנטעל! איהר הערט! אַניט וועל איך איהם צורייסען אויף פּיץ-פּיצלאַך....

— קום צו זיך, קינד מיינס! — האט די מאַמא גענומען וויינען — דער קוטשער וועט דערהערען!

— און וואו איז אהינגעקומען מיין פּאָטער'ס פערמעגען? וואו איז אייער געלד? איך שעהם זיך נישט מיט מיין אָרימקייט, עס איז מיר נור א חרפּה און א שאַנד, וואס איך האב אַזא מאַמען... ווען מיינע חברים פרעגען זיך אויף אייך נאָך, ווער איך אימער רויט.

מיט דעם צוג איז זיי אויסגעקומען צו פאָהרען ביז דער שטאָדט צוויי סטאַנציאָנען. די גאַנצע צייט איז וואָלאָדיא געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און זיך געטרייסעלט מיט דעם גאַנצען קערפּער. איהם האט זיך בשום אופן נישט געוואָלט ארייננעהן אין וואַגאָן, וואָרים דאָרט איז געזעסען זיין מוטער, וועלכע ער האט געהאַסט.

געהאַסט האט ער אַצינד זיך אַליין, די קאָנדוקטאָרען, דעם רויך פון דעם לאָקאָמאָטיוו, דאס קעלט, מיט וועלכען ער האט פּערענט-פערט זיין טרייסלען זיך... און וואס שווערער עס איז איהם געוואָרען אויפ'ן הארצען, אַלץ שטאַרקער האט ער געפיהלט, אז ערגעץ-וואו אויף דיעזער וועלט, ביי געוויסע מענשען איז דאָ א לעבען א ריינס,

אַן אַנשטענדיגס, א װאָרים, שעהן לעבען, פול מיט ליעבע, מיט לאַס־קעס, מיט בעקװעמליכקײט . . . ער האָט עס געפיהלט און אַזױ שטאַרק געבענקט, אַז אײנער א פּאַסאַזשיר האָט איהם אַרײנגעקוקט שאַרף אין פּנים און געפרעגט :

— אײך טהוען, װאַהרשײנליך, די צײהן װעה ?

אין שטאָדט האָט די מאַמע מיט װאָלאָדיאַ'ן געװאױנט בײ מאַריאַ פּעטראָװנאַ, א פרױ פון די אַדעליגע, װעלכע האָט געדונגען א גרױס הױז און האָט עס דערנאָך אָבגעגעבען צו קװאַרטיראַנטען. די מאַמע האָט דאָרט געדונגען צװײ צימערען : אין אײנעם מיט פענ־סטער, װאו עס איז געשטאַנען איהר בעט און װאו אױף די װענט זײנען געהאַנגען צװײ גרױסע בילדער אין גאָלדענע ראַמען, האָט זי אַלײן געװאױנט, און אין דעם צװײטען, דערבײ, א קלײנעם און אַ פינסטערען, האָט געװאױנט װאָלאָדיאַ. דאָ איז געשטאַנען א זאָפע, אױף װעלכער ער האָט געשלאָפען און אױסער דער דאָזיגער זאָפע איז דאָ קײן שום אַנדערע מעבעל נישט געשטאַנען : דאָס גאַנצע צימער איז געװען פאַרשטעלט מיט געפּאַכטענע קערב מיט קלײדער, קעסטלאַך פון היט און פערשיעדענע אַלטװאַרג, װעלכע זײן מאַמע האָט צוליעב עפּעס געהיט.

זײנע לעקציאָנען האָט װאָלאָדיאַ געמאַכט אין דער מאַמע'ס צימער אָדער אין דעם „אַלגעמײנעם זאַאַל" — אַזױ האָט זיך גערופען א גרױסער צימער, װאוהין אַלע קװאַרטיראַנטען פלעגען זיך צוזאַ־מענקומען מיטאָג צײט און אין די אָבענדען.

אומגעקעהרט זיך אַהײם און געלײגט זיך אױף דער זאָפע, האָט ער זיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע, אום אײנצושטילען דאָס צי־טערען . . .

די קעסטלאַך פון היט, די קערב און אַלטװאַרג, האָבען איהם דערמאָנט, אַז ער האָט אַפילו נישט קײן צימער, קײן אײגען װינקעל, װאו ער זאָל זיך קענען בעהאַלטען פון דער מאַמען, פון איהרע געסט און די שטימען, װעלכע האָבען זיך איצט דערטראָגען פון דעם „אַל־געמײנעם זאַאַל" ; דער רענצעל און די ביכער, צװאָרפענע אױף אַלע זײטען, האָבען איהם דערמאָנט אָן דעם עקזאַמען, אױף װעלכען ער איז נישט געװען . . . עפּעס איז איהם אַצינד געקומען אױף די געדאַנקען די שטאָדט מענטאָנאַ, װאו ער האָט געלעבט מיט זײן פאָ־

ליגען פאָטער, ווען ער איז אלט געווען בלויז זיעבען יאָהר. עס האט פאר איהם אָבגעלעבט ביאַרריטץ און צוויי מיידלאך־ענגלענדער־קעס, מיט וועמען ער איז ארומגעלאָפען איבער'ן זאמד... עס האט זיך פערוואָלט אָבלעבען אין די געדאנקען דעם קאָליר פון יענעם הי־מעל, דעם אָקעאַן, די הויכקייט פון די כוואליעס און זיין דעמאָלטיגען ארט פיהלען, דאס האט זיך איהם אבער נישט איינגעגעבען... די מיידעלאך־ענגלענדערקעס האבען פערבייגעשוועבט אין זיין פאנטאזיע ווי לעבעדיגע, אלעס אנדערע האט זיך אבער צוזאמענגעמישט, און אָהן אָרדנונג פערשוואומען....

—ניין, דאָ איז קאַלט — האט א טראכט געטהאָן וואָלאָדיא, איז אויפגעשטאנען, האט אָנגעטהאָן דעם ראָק און איז אוועק אין „אלגעמיינעם זאאל."

דאָרט האט מען געטרונקען טהעע. ארום דעם סאמאָוואר זיינען געזעסען דריי פארשוין: א מוזיק לעהרערין, אן אלטיטשקע, אין א גרויסען פענסנע, זיין מאמא און אווגוסטין מיכאילאָוויטש, אן אלטער, זעהר דיקער פראנצויז, וועלכער האט געדיענט אין א פאבריק פון פארפיום.

— איך האב היינט נישט געגעסען קיין מיטאָג — האט געזאָגט די מאמע — מען האט געדארפט שיקען די דיענסט נאָך ברויט.

— דוניאַש ! — האט א געשריי געטהאָן דער פראנצויז.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די בעל הבית'טע האט די דיענסט וואוהין ערגעץ אוועקגעשיקט.

— אָה, דאס מאכט נישט אוים — האט געזאָגט דער פראנצויז מיט א ברייטען שמייכעל — איך וועל אליין געהן נאָך ברויט. אָה, דאס מאכט נישט !

ער האט אוועקגעלעגט זיין שטארקען, פערשטונקענעם סיגאר אויף אן אָנגעזועהענעם פלאץ, האט אָנגעטהאָן די הוט און איז ארוים.

נאָך זיין אוועקגעהן, האט די מאמע גענומען דערצעהלען דער מוזיק לעהרערין, אז זי איז געווען צו גאסט ביי די שומיכינס און ווי גוט מען האט זי דאָרט אויפגענומען.

— לילי שומיכינא איז דאָך מיינע א קרובה... — האט זי געזאָגט — איהר זעליגער מאן, דער גענעראל שומיכין איז געווען מיין מאן'ס א קאָזין. און זי אליין איז א געבאָרענע באראָנעססע קאָלב...

— מאַמאַ, דאס איז נישט אמת! — האט צורייצט געזאָגט וואָלאָדיאַ — צו וואס טויג אייך דאס ליגען?

ער האט גוט געוואוסט, אז די מאַמע זאָגט דעם אמת; אין איהר ערצעהלונג וועגען דעם גענעראַל שומיכין און דער געבאָרענער באַראָנעססע קאָלב איז נישט געווען קיין איין וואָרט ליגען, נור דאָך, האט ער געפיהלט, אז זי לייגט. די פאַלשקייט האט זיך געפיהלט אין איהר אַרט ריידען, אין דעם אויסדרוק פון איהר פנים, אין'ם בליק, אין אַלעמען.

— איהר זאָגט ליגען! — האט ווידער געזאָגט וואָלאָדיאַ און א זעץ געטהאָן מיט'ן פויסט איבער דעם טיש מיט אַזאַ קראַפט, אז דאס גאַנצע געשיר האט זיך גענומען טרייסלען און ביי דער מאַמען האט זיך דער טהעע צוגאָסען — צו וואס דערצעהלט איהר פון גענעראַלען און באַראָנעססעס? דאס אַלעס איז ליגען!

די מוזיק לעהרערין איז צומישט געוואָרען און גענומען הוסטען אין טיכעל, מאַכענדיג אַן אָנשטעל, ווי איהר איז עפּעס אין האַלז אריין און די מאַמע האט גענומען וויינען.

— וואוהין געהט מען? — האט א טראַכט געטהאָן וואָלאָדיאַ.

אויף דרויסען איז ער שוין געווען; צו די חברים געהן שעהמט ער זיך. ווידער זיינען איהם אויף די געדאַנקען ארויף די צוויי מיידעלאַך־ענגלענדערקעס....

ער איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן זאַאַל, פון איין ווינקעל אין אנדער'ן און איז אריין אין אווגוסטין מיכאַיליטש'עס צימער. דאָ האט שטאַרק געשמעקט מיט עפירנעם אויל און גליצערין־זייף. אויפ'ן טיש, פענסטער און אויף די שטוהלען אפילו זיינען געשטאַנען א גאַנצע מאַסע מיט פלעשלאַך, גלעזעלאַך און גלעזער מיט פערשיעדענע פאַרביגע פליסיגקייטען.

וואָלאָדיאַ האט גענומען פון טיש א צייטונג, זי געעפענט און איבערגעלעזען דעם נאָמען: „פיגאַראָ”... פון דער צייטונג האט זיך געהערט עפּעס א שטאַרקער און אנגענעהמער גערוך. דערנאָך האט ער גענומען פון טיש א רעוואָלווער...

— אָך, הערט אויף, שענקט איהם נישט קיין אויפמערקזאַמקייט!

— האט אין צוויימען צימער די מוזיק לעהרערין געטרייסט די מוטער

— ער איז נאָך אַזוי יונג! אין זיינע יאָהרען ערלויבען זיך די יונגע

לייט אימער אביסעלע צו פיעל. מען מוז זיך מיט דעם צופריעדען שטעלען.

— ניין, יעווגעניא אנדרעיעוונא, ער איז צו פיעל פערדאָרבען! — האט גערעדט די מאמע מיט א זינגענדיג קול — ער האט נישט איבער זיך קיין עלטערן, און איך בין שוואך און קען גאָרנישט טהאָן. ניין, איך בין זעהר אונגליקליך!

וואָלאָדיא האט ארייננעלעגט דעם מונדשטיק פון רעוואָלווער צו זיך אין מויל, האט אָנגעטאַפּט עטוואס עהנליכעס צו א דריקער און אָנגעדריקט אויף דעם מיט א פינגער... דערנאָך האט ער אָנגעטאַפּט נאָך עפּעס א פּארטשעפּקע און האט נאָך אמאָל א דריק געטהאָן.

ארויסנעהמענדיג דעם מונדשטיק פון מויל, האט ער איהם אויס־געווישט מיט דער פּאָלע פון זיין ראָק און בעטראַכט דעם שלאָס. ביז אהער האט ער קיין מאָל אין לעבען נישט גענומען אין האנד קיין געוועהר...

— דאכט זיך, אז דאס דארף מען אויפהויבען... — האט ער געטראַכט — יאָ, דאכט זיך...

אין „אלגעמיינעם זאַאל" איז אריין אווגוסטין מיכאַיליטש און קייכענדיג פון געלעכטער, גענומען עפּעס דערצעהלען.

וואָלאָדיא האט ווידער ארייננעלעגט דעם מונדשטיק אין מויל, האט איהם צוזאמענגעדריקט מיט די ציינער און אָנגעדריקט עטוואס מיט א פינגער.

עס האט זיך דערהערט א שאָס... עטוואס האט מיט א מורא'־דיגער קראַפט א זעץ געטהאָן וואָלאָדיא'ן איבער דער פּאַטיליצע, און ער איז געפאלען אויף דעם טיש מיט'ן פּנים גלייך אין פלעשלאַך און גלעזלאַך אריין. דערנאָך האט ער דערזעהן, ווי זיין זעליגער פּאָטער אין א צילינדער־הוט מיט א ברייטער, שווארצער לענטע, וועלכע ער האט אין מענטאָן געטראָגען טרויער נאָך עפּעס א דאמע, האט איהם פּלוצים ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענד, און זיי ביידע האבען גענומען פליהען אין עפּעס א זעהר פינסטערען, טיעפען אָבגרונד...

דערנאָך האט זיך אלעס צונויפגעמישט און איז פערשוואונ־דען....

נשמה'ניו

אַלענקא, די טאָכטער פון'ם אויסגעדיענטען אסעסאָר פּלעמיאַני־קאָוו, איז געזעסען אַ פערטראַכטע ביי זיך אין הויף אויף דעם באַל־קאָן. עס איז געווען היים, די פליעגען האָבען שטאַרק דערעסען און עס איז אנגענעהם געווען צו טראַכטען. אַז באַלד ווערט נאַכט. פון מזרח זייט האָבען זיך אָנגערוקט דונקעלע וואָלקענס און עס האָט פון דאָרט צייטענווייז געוועהעט מיט פייכטקייט.

אין מיטען הויף איז געשטאַנען קוקין, דער דירעקטאָר און אייגענטהימער פון פערגעניגונגס־גאָרטען „טיוואָלי", וועלכער האָט אויך געוואוינט דאָ אין הויף, און האָט געקוקט אויף דעם הימעל.

— ווידער! — האָט ער גערעדט מיט פערצווייפלונג — עס וועט ווידער זיין אַ רעגען! יעדען טאָג רעגען, יעדען טאָג רעגען — אַלעס אזוי ווי אויף צו להכעיס! כאָטש נעהם און הענג זיך! איך ווער דאָך רואינירט! יעדען טאָג אזעלכע פערלוסטען!

ער האָט אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און ווייטער גערעדט, זיך ווענדענדיג צו אַלענקאַ'ן:

— אָט קענט איהר זעהן, אַלגאַ סעמענאָוונאַ, אונזער לעבען! כאָטש נעהם און צו־וויין זיך! דו ארבייטעסט, בעמיהסט זיך, מאַטערסט זיך, שלאָפסט קיין נעכט נישט, האַלטסט אין איין טראַכטען, ווי בעסער צו בעפרידיגען דעם עולם, און וואָס? פון איין זייט איז דאָס פּובליקום אַן אונגווויסענדעס, אַ ווילדעס, איך גיב איהם די בעסטע אָפּערעט־קעס, די שעהנסטע קופּלעטיסטען, אבער עס דאַרף דאָס דען האָבען? אַז נישט פערשטעהט עס עפּעס דערפון? עס דאַרף בעסער האָבען אַ באַלאַגאַן! איהם גיב עפּעס אזעלכע פּוילע, גראָבע וויצען, דאַן ערשט וועט עס זיין צופריעדען! פון דער אַנדערער זייט טהוט אַ קוק אויף דאָס וועטער. כמעט יעדען טאָג איז רעגען. ווי עס האָט אָנגעהויבען

גיסען דעם צעהנטען מאַי, אַזוי האָט עס געגאָסען און געגאָסען אָהן אויפהער דעם גאַנצען מאַי און יוני, איינפאַך אַ שרעק! דאָס פּובלי־קום קומט נישט, אָבער איך מוז דאָך צאָהלען אָרענדע פאַר דעם גאָרטען? די אַרטיסטען מוז איך דאָך אויך צאָהלען!

אויף דעם צווייטען טאָג פאַרנאַכט האָט דער הימעל זיך ווידער פערצויגען מיט וואָלקענס, און קוקין האט גערעדט מיט אַ היסטע־רישען געלעכטער.

— נו, וואָס איז? זאָל גיסען! זאָל גיסען! פון מיינעטוועגען מעג דער גאַנצער גאָרטען פערגאָסען ווערען, און איך מיט איהם צוזאַ־מען! איך זאָל נישט האָבען קיין גליק נישט אויף דער, און נישט אויף יענער וועלט! זאָלען די אַרטיסטען אָנגעבען אויף מיר אין גע־ריכט! וואָס איז מיר דער געריכט? פון מיינעטוועגען מעגען זיי מיך פערשיקען אויף קאַטאָרגע, אין סיביר! כאָטש אויף דעם עשאַפאָט! כאַ־כאַ־כאַ!

און אויף דעם דריטען טאָג ווידער דאָסזעלבע...

אָלענקא האָט אויסגעהערט קוקינ'ס טענות שטיל, ערנסט, און עס פלעגט טרעפען, אַז טרעהרען האָבען איהרע אויגען באַנעצט. צום סוף האבען קוקין'ס אונגליקען זי געריהרט און זי האט זיך אין איהם פערליעבט.

ער איז געווען קליין געוואקסען, מאָגער, מיט אַ געל פּנים. גע־רעדט האָט ער אַ מיט אַ דין קול'כעל און אין ריידען געקרימט דאָס מויל; און אויף זיין פּנים איז שטענדיג געלעגען אַ פערצווייפעלטער אויסדרוק, דאָך האָט ער ערוועקט אין איהר אַן אמת'ן טיעפען געפיהל. זי האָט תמיד עמעצען געליעבט, אַנדערש האָט זי נישט געקענט לעבען. פריהער האָט זי געליעבט איהר פאָטער, וועלכער איז איצט געזעסען אַ קראַנקער אין זיין פאָטעל אין אַ דונקעלען צימער און האט געאָט־העמט שווער; זי האָט אויך געליעבט איהר מוהמע'ן, וועלכע פלעגט ווען־ניט־ווען, אפשר אַ מאָל אין צוויי יאָהר, קומען צו זיי פון בריינסק, און נאָך פריהער, ווען זי האָט זיך געלערענט אין גימנאַזיום, האָט זי געליעבט איהר פראַנצויזישען לעהרער. זי איז געווען אַ שטילע, גוט־מוטיגע, ווייכהערציגע מיידעל מיט אַ גוטען, ווייכען בליק און זעהר אַ געזונטע. קוקענדיג אויף איהרע פולע, ראָזאָווע באַקען, אויף דער ווייכער, ווייסער האלז מיט דעם דונקעלען געבאָרענעם צייכען, אויף

איהר גוטען, נאאיווען שמייכעל, וועלכער פלעגט ארויסטרעטען אויף איהר פּנים, ווען זי האָט געהערט עפּעס אנגענעהמעס, האָבען די מע־נער געטראַכט. „יא, זי איז גאָר א וואויל מיידעל"... און האָבען אויך געשמייכעלט. און די פרויען האָבען פון איהר גאָר אָנגעקוואָלען און זי אָנכאַפּענדיג פאר א האַנד, פלעגען זיי מיט בעגייסטערונג אויס־רופען:

— נשמה׳ניו!

דאָס הויז, אין וועלכען זי האָט געוואוינט פון געבאָרען אָן און וועלכע איז אין דער ירושה געווען איבערגעשריעבען אויף איהר נאָ־מען, האָט זיך געפונען אין עק שטאָדט, אויף דער ציגיינערשער סלאָ־באָדקע, נישט ווייט פון דעם גאָרטען „טיוואָלי". אין די אבענדען און נעכט האָט זי געהערט, ווי אין׳ם גאָרטען האָט געשפּיעלט מוזיק, ווי מיט א טראַסקעריי האָבען געפּלאַצט די ראַקעטען און איהר האָט זיך געדאַכט, אז קוקין קעמפט דאָס אזוי מיט זיין שיקזאַל און נעהמט איין מיט געוואַלד זיין הויפּט שונא — דאָס גלייכגילטיגע פּובלי־קום... דאָס האַרץ האָט פרעהלאַך געקלאַפּט, שלאָפען האָט זיך גאָר נישט אָנגעהויבען צו וועלען, און ווען ער פלעגט זיך אומקעהרען פאַרטאָג אהיים, פלעגט זי שטיל קלאַפּען אין פענסטער פון איהר שלאָף־צימער, ווייזענדיג איהם דורך די פאָרהאַנגען נור דאָס פּנים און איין אַקסעל און האָט פריינדליך געשמייכעלט צו איהם...

ער האָט איהר געמאַכט א פאָרשלאַג און זיי האָבען געהייראַט. און ווען ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן פון נאָהענט איהר האַלז און איהרע פולע, געזונדע פּלייצעס, האָט ער א פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און ארויסגערעדט:

— נשמה׳ניו!

— ער איז געווען גליקלאַך, נור אזוי ווי אין טאָג פון דער חתונה און דערנאָך א גאַנצען אבענד האָט געגאָסען א רעגען, איז פון זיין פּנים נישט ארונטער דער אויסדרוק פון פערצווייפלונג.

נאָך דער חתונה האָבען זיי געלעבט זעהר גוט. זי איז געזעסען ביי דער קאַסע, האָט אכטונג געגעבען אין גאָרטען, פערשריעבען די הוצאות, אויסגעצאָהלט דאָס געהאַלט, און איהרע ראָזאָווע באַקען, דער ליעבער, נאאיווער, ליכטיגער שמייכעל, האָבען ארומגעשוועבט דאָ הינטער דעם פענסטערל פון קאַסע, דאָ הינטער די קוליסען און דאָ

אין בופעט. און צו איהרע פריינד און בעקאַנטע, האָט זי שוין אַצינד גערעדט, אַז די מערקווירדיגסטע, די וויכטיגסטע און נויטיגסטע זאַך אויף דער וועלט — איז דאָס טהעאַטער און, אַז האָבען אַן אמת'ן פער־גניגען און ווערען געבילדעט און ענטוויקעלט, קען מען נור אין טהעאַטער.

— דאָס פּובליקום פערשטעהט עס אָבער נישט! — האָט זי גערעדט — עס דאַרף אַ באַלאַגאַן! נעכטען האָט מען ביי אונז גע־שפּיעלט „פּאַאוסט אויף דער לינקער זייט", און כמעט אַלע לאָזשען זיינען געוועזען לעדיג, אָבער ווען מיר וואָלטען געשטעלט עפּעס אַ נאַרישקייט, אַ שונד, דאַן מעגט איהר מיר גלויבען, אַז דאָס טהעאַטער וואָלט געוועזען פול, געפּאַקט. מאָרגען שטעלען מיר „אָרפעי אין גיהנום" קומט עס זעהן.

און וואָס קוקין האָט גערעדט וועגען טהעאַטער און די אַקטיאָ־רען, דאָס האָט זי נאָכגעזאָגט. זי האָט פּונקט אַזוי ווי ער פעראַכטעט דאָס פּובליקום פאַר זיין גלייכגילטיגקייט צו דער קונסט און פאַר זיין אונוויסענהייט. אויף די פּראָבען האָט זי זיך אריינגעמישט, פעריכט די אַקטיאָרען, נאָכגעקוקט, ווי עס פיהרען זיך אויף די מוזיקאַנטען און ווען מען האָט אין דער אָרטיגער צייטונג געשריעבען עפּעס אַ שלעכטע מיינונג וועגען טהעאַטער, האָט זי ביטער געוויינט און איז דערנאָך געלאָפען אין רעדאַקציאָן, פאָדערען אַן ערקלעהרונג.

די אַקטיאָרען האבען זי ליעב געהאַט און זי גערופען „נשמה'ניו."

זי ווידער האָט אויף זיי מיטלייד געהאַט און האָט זיי געגעבען אביסעל געלד אין פאָראויס, און, אַז עס האָט געטראָפען, זיי האָבען איהר אָב־גענאַרט און נישט בעצאָהלט, האָט זי נור אין דער שטיל געוויינט, אָבער פאַר דעם מאַן האָט זי זיך נישט בעקלאָגט.

און ווינטער האָבען זיי געלעבט גוט. זיי האָבען געדונגען דעם שטאָדטישען טהעאַטער אויף אַ גאַנצען סעזאָן און האָבען עס דער־נאָך פון זיך פאַרדונגען אויף אַ קורצער צייט דאָ צו אַ קליין רוסישער טרופּע, דאָ צו אַ קונצען־מאַכער און דאָ צו די אָרטיגע ליעבהאָבער. אָלענקאַ איז געוואָרען אַלץ פולער און האָט אין גאַנצען געשיינט פאַר פערגעניגען, און קוקין איז אַלץ מאָגערער, אַלץ געלער געוואָרען און זיך בעקלאָגט אויף די שרעקליכע פערלוסטען, כאָטש אַ גאַנצען ווינ־טער זיינען די געשעפטען געגאַנגען נישט שלעכט. אין די נעכט האָט

ער שטארק געהוסט און זי האט איהם געפאיעט מיט מאלינעס און אנדערע רפואות, האט איהם געריבען מיט אדעקאלאן, און ארומגע־וויקעלט איהם מיט איהרע ווייכע טיכער.

— וואס פאר ליעבינקער, דו ביזט ביי מיר! — האט זי געזאגט גאנץ אויפריכטיג, גלעטענדיג איהם די האאר: — וואס פאר א שעהנינקער דו ביזט ביי מיר!

אין גרויסען פאסט־טאג איז ער אוועקגעפאהרען קיין מאסקווע צוזאמענקלייבען א טרופע, און זי האט אהן איהם נישט געקענט שלא־פען, איז אלץ געזעסעןביים פענסטער און געקוקט אויף די שטערען. אין דער דאזיגער צייט האט זי זיך פערגליכען מיט די היהנער, וועלכע האבען אויך נישט געקענט שלאפען, ווען אינ'ם היהנער־שטיבעל האט זיך נישט געפונען קיין האהן.

קוקין האט זיך פערזאמט אין מאסקווע און געשריעבען, אז ער וועט זיך אומקעהרען אין גיכען. אין זיינע בריעף האט ער געמאכט באמערקונגען וועגען פערשיעדענע ענדערונגען, וועלכע זי זאל מאכען אין „טיוואלי", אום אז אלעס זאל זיין פערטיג, ווען ער וועט קומען. נור אין א קורצער צייט נאכדעם, איין מאל, שפעט ביי נאכט האט זיך פלוצים דערהערט א שטארקער קלאפען אין דער טויער; עמיצער האט געקלאפט אין פארטקע, ווי אין א קאדקע: — בום! בום! בום!

די פערשלאפענע קעכין, שליאפענדיג מיט די בארוועסע פיס איבער די לוזשעס, איז אוועק עפענען.

— עפענט, איך בעט אייך! — האט עפעס עמיצער געזאגט הינטער'ן טויער מיט א הייזעריגען באס — דא איז פאר אייך א טעלעגראמע!

— אלענקא האט פריהער אויך געקראגען טעלעגראמען פון איהר מאן, אבער איצט איז זי עפעס געבליעבען א פערשטיינערטע. מיט ציטערענדע הענד האט זי אויפגעעפענט דאס טעלעגראם און איבער־געלעזען דאס פאלגענדע:

„איוואן פעטראוויטש איז היינט פלוצים געשטארבען, מיר ער־ווארטען אייערע בעפעהלע. די לויה וועט זיין דיענסטאג."

אונטערגעשריעבען איז געווען רעזשיסער פון דער אפערעטען־קאמפאניע.

— טייבעלע מיינס! — האָט זיך צוקלאָגט אָלענקא — וואַ־ניטשקא, מיין ליעבינקער, נשמה׳ניו מיינע! צו־וואס האב איך זיך מיט דיר געטראָפען? צו־וואָס האָב איך דיך דערקענט און ליעב באקומען? אויף וועמען האָסטו איבערגעלאָזען דיין אָרימע אָלענקא, דאָס אָרים, אונגליקליך וויבעלע דיינס?...

קוקין׳ען האָט מען דיענסטאָג בעערדיגט אין מאָסקווע, אויף וואגאנקאָווע; אָלענקא האָט זיך אומגעקעהרט אהיים מיטוואָך און, ווי נור זי איז אריין צו זיך, האָט זי זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער בעט און געגומען וויינען אזוי הויך, אז מען האָט זי געהערט אין גאַס און אויף די שכנישע הויפען.

— נשמה׳ניו! — האבען צווישען זיך גערעדט די שכנים — נשמה׳ניו, טהייערע אָלגא סעמענאָוונא, ווי זי נעהמט זיך דאָס דאָס לעבען!

אין א מאָנאטען דריי ארום האָט זיך אָלענקא עפּעס אמאָל צוריק געקעהרט פון א גאָטעס־דיענסט א אומעדיגע, אין טיעפען טרויער. עס האָט פּאסירט, אז צוזאמען מיט איהר איז געגאנגען איינער פון איהרע שכנים, וואסילי אנדרעאיטש פּוסטאָוואלאָוו, א פּערוואלטער פון דעם סוחר באבאקאיעוו׳ס וואלד, וועלכער איז אויך געגאנגען פון קלויסטער. ער איז אָנגעטהאָן געוועזען אין א שטרויענער הוט, ווייסער וועסט מיט א גאָלדען קייטעל און איז מעהר עהנליך געוועזען צו א גוטס־בעזיצער, ווי צו א סוחר.

— יעדע זאך האט זיך איהר אָרדנונג, אָלגא סעמענאָוונא, האט ער גערעדט געלאסען, מיט מיטגעפיהל אין קול—און אויב עמעצער פון אונזערע נאָהנטע שטארבט, דאן הייסט עס, אז דאָס איז געווען גאָטס רצון אזוי, און מיר מוזען דאָס געדענקען און אריבערטראָגען מיט אונטערטהעניגקייט.

בעגלייט אָלענקאַ׳ן ביז דער פּאָרטקע, האָט ער זיך מיט איהר געזעגענט און אוועק ווייטער.

נאָכדעם האָט זיך איהר א גאנצען טאָג אויסגעוויזען, אז זי הערט זיין ערנסטען קול און, ווי נור זי האָט צוגעמאכט די אויגען, האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט זיין טונקעלע באָרד. ער איז איהר זעהר געפעלען געוועזען, און, קענטיג, אז זי האָט אויף איהם אויך געמאכט א גוטען איינדרוק, ווייל אין א קורצער צייט ארום, איז צו איהר אויף קאפע

טרינקען געקומען אַן עלטערע, וועניג בעקאַנטע דאַמע, וועלכע האָט גלייך גענומען ריידען וועגען פּאָסטאָוואַלאָוו'ן. זי האָט איהר דער־צעהלט, אַז ער איז אַן ערנסטער, געזעצטער מענש און, אַז מיט אַזעל־כען וואָלט יעדע פרוי מיט פערגעניגען חתונה געהאַט.

אין דריי טעג אַרום איז פּאָסטאָוואַלאָוו אַליין געקומען מיט אַ וויזיט; ער איז געזעסען נישט לאַנג, אין גאַנצען אַ מינוט צעהן, און גערעדט זעהר וועניג, נור אָלענקאַ האָט איהם ליעב בעקומען, אַזוי שטאַרק ליעב, אַז זי האָט די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען און האָט געברענט, ווי אין פיבער. אין דער פריה האָט זי געשיקט רופען די על־טערע דאַמע... מען האָט זיי פער'שדכנ'ט און אין גיכען איז געווען די חתונה.

נאָך דער חתונה האָבען פּאָסטאָוואַלאָוו און אָלענקאַ געלעבט זעהר גוט. געוועהנליך איז ער געזעסען אין דעם סקלאַד פון געהילץ ביז צום מיטאָג, דערנאָך איז ער אַוועק וועגען געשעפט־זאַכען, און איהם האָט אומגעביטען אָלענקאַ, וועלכע איז געזעסען אין קאַנטאָר ביז ביינאַכט, האָט געשריעבען די רעכענונגען און אַרויסגעגעבען סחורה.

— אַצינד ווערט דער וואַלד יעדען יאָהר טהייערער אויף צוואַנ־ציג פּראָצענט — האָט זי גערעדט צו די קונדען און אַזוי בעקאַנטע — שטייטיץ, פריהער האָבען מיר געהאַנדעלט מיט היגען וואַלד, און אַצינד מוז מיין וואַסיטשקאַ יעדען יאָהר פאָהרען נאָך וואַלד אין מאָהי־לעווער גובערניע. הייגט וואָס פאַר אַ טאַקסעס! — האָט זי גערעדט, צודעקענדיג דאָס פּנים מיטביידע הענד פאַר שרעק: — וואָס פאַר אַ שרעקליכע טאַקסעס!...

איהר האָט זיך געדאַכט, אַז מיט וואַלד האַנדעלט זי שוין לאַנג לאַנג, אַז די הויפּט נויטיגע און וויכטיגע זאַך אין לעבען — איז דער וואַלד. און עטוואָס היימישעס און ריהרענדעס האָט זיך געהערט אין איהרע רייד, ווען זי האָט גערעדט פון די פערשיעדענע סאָרטען האָלץ...

אין די נעכט, ווען זי האָט געשלאָפען, האָבען זיך איהר גע'חלום'ט גאַנצע בערג פון ברעטער און האָלץ, לאַנגע, ענדלאָזע שורות פוהרען, וועלכע פיהרען געהילץ ערגעץ־וואו ווייט הינטער דער שטאָדט. עס האָט זיך איהר גע'חלום'ט ווי אַ גאַנצער רעגימענט, וואָס איז בעשטאַנען פון קירצערע און לענגערע קלעצער, איז פּלוצים אַוועק אין סקלאַד אַריין מלחמה האַלטען צווישען זיך. ווי די קלעצער, די באַלקענס און

די ברעטער האָבען זיך געקלאַפּט, אַבהילכענדיג מיט אַ הויכען קלאַנג פון טרוקענע האָלץ, אַלעס איז געפאַלען, זיך ווידער אויפגעהויבען און זיך געוואָרפען איינס אויף דאָס אַנדערע...

אַלענקאַ האָט אַ געשריי געטהאָן פון שלאָף, און פּוסטאָוואַלאָוו האָט איהר צערטליך געפרעגט:

אַלענקאַ, וואָס טהוט זיך מיט דיר, טהייערע? צלם זיך אי־בער!

וואָס פאַר געדאַנקען עס זיינען געווען ביים מאַן, אַזעלכע זיינען אויך געווען ביי איהר. אויב ער האָט געדענקט, אַז אין צימער איז הייס, אָדער, אַז די געשעפטען זיינען איצט שטיל, דאַן האָט זי אויך אַזוי געטראַכט. איהר מאַן האָט נישט געליעבט קיין שום פערגעניגען און אין די יום טובים, ווען ער האָט נישט געאַרבייט, איז ער געזעסען אין דער היים און זי איז אויך געזעסען מיט איהם.

— איהר זייט שטענדיג אָדער אין דער היים אָדער אין קאָנטאָר — האָבען איהר גע'מוסר'ט די בעקאַנטע — איהר וואָלט אַמאָל גע־גאַנגען אין אַ טהעאַטער, אָדער אין צירק.

— איך און וואַסיטשקאַ האָבען קיין צייט נישט ארומצוגעהן איבער טהעאַטערס — האָט זי געענטפערט מיט ווירדע — מיר זיינען פערנומענע מענשען, אונז ליעגט נישט אין זינען קיין נאַרישקייטען. וואָס פאַר אַ גוטס קומט ארויס פון די טהעאַטערס, וואָס האָט מען פון זיי?

שבת און יום טוב איז זי און פּוסטאָוואַלאָוו געגאַנגען אין קלויס־טער צו גאָטעס דיענסט און זיך אומקעהרענדיג צוריק זיינען זיי גע־גאַנגען איינער נעבען צווייטען מיט פייערליכע פּנים'ער, פון זיי האָט אנגענעהם געשמעקט און איהר זיידענע קלייד האָט אנגענעהם גע־רוישט. אין דער היים האָבען זיי געטרונקען טהעע מיט ברויט און מיט פערשיעדענע איינגעמאַכצען, דערנאָך האָבען זיי געגעסען טאָרט.

יעדען טאָג צו מיטאָג האָט אויף דעם הויף און אין דער גאַס הינטער די טויערען געשמעקט מיט באָרשץ, האַמעל־פלייש אָדער קאַטשקע און אין די פאָסט־טעג — מיט פיש און אַרום די טויערען האָט מען נישט געקענט פערבייגעהן, אַז עס זאָל זיך נישט פאַרוועלען עסען. אין קאָנטאָר האָט שטענדיג געזאָדען אַ סאַמאָוואַר און די קונים האָט מען מכבד געווען מיט טהעע און קיכלאַך. איין מאָל אין וואָך

איז דאס פּאָאר פּאָלק געגאַנגען אין באָד אריין און האבען זיך פון דאָרט אומגעקעהרט צוזאַמען, ביידע רויטע.

— אָט מיר לעבען זיך גאָט צו דאַנקען גאַנץ גוט — האָט דער־צעהלט אָלענקאַ איהרע בעקאַנטע — גאָט זאָל געבען, אז אַלע מענשען זאָלען זיך לעבען אזוי ווי איך מיט וואַסיטשקאַ'ן.

ווען פּוסטאָוואַלאָוו פלעגט אוועקפאָהרען אין מאָהילעווער גו־בערניע נאָך וואַלד, האָט זי זיך שטאַרק געלאַנגווײלט, האָט נישט גע־שלאָפען קיין נעכט און געוויינט. אמאָל אין אבענד פלעגט צו איהר קומען דער מיליטערישער וועטערינאַר סמירנין, א יונגער מאַן, וועל־כער האָט געוואוינט ביי איהר אויף קוואַרטיר. ער פלעגט איהר עפּעס דערצעהלען אָדער שפּיעלען מיט איהר אין קאָרטען און דאָס פלעגט איהר אביסעל צושטרייען. אַם מעהרסטען אינטערעסאַנט זיינען גע־ווען די ערצעהלונגען פון זיין אייגענעם פאַמיליען לעבען; ער איז געווען פערהייראַט און האָט געהאַט א זוהן, נור מיט דער ווייב האָט ער זיך געשיידט, ווייל זי איז איהם געווען אונטריי. אצינד האָט ער זי געהאַסט און פלעגט יעדען מאָנאַט ארויסשיקען 40 רובעל פאַר דעם זוהנ'ס ערציהונג. און הערענדיג איהם, האָט אָלענקאַ געזיפצט, גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און האָט אויף איהם רחמנות געהאַט.

— נו, זאָל אייך גאָט העלפען — האָט זי גערעדט, זיך זעגענ־דיג מיט איהם, נאָכדעם ווי זי האָט איהם בעגלייט מיט א ליכט אין האַנד ביז די טרעפּ: — א דאַנק אייך, וואָס איהר זייט מיט מיר געזעסען א ווײלע, גאָט זאָל אייך דערפאַר געזונד שענקען.

און בכלל האָט זי גערעדט ערנסט, געלאַסען, נאָכמאַכענדיג דעם מאַן; דער וועטערינאַר איז שוין געוועסט פערשוואונדען הינטער דער טהיר, און זי האָט איהם צוריקגערופען און געזאָגט:

— איהר ווייסט, וולאַדימיר פּלאַטאָניטש, איהר האָט געדאַרפט שלום ווערען מיט אייער פרוי. איהר האָט איהר געדאַרפט מוחל זיין כאָטש צוליעב אייער זוהן!... דער אינגעלע נעבאך פערשטעהט מסתמא אַלץ.

און ווען פּוסטאָוואַלאָוו האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, האָט זי איהם אין דער שטיל דערצעהלט וועגען דעם וועטערינאַר און זיין אונגליקליך פאַמיליען־לעבען, און ביידע האָבען געזיפצט, האָבען גע־שאָקעלט מיט די קעפּ און גערעדט וועגען אינגעל, וועלכער בענקט

אודאי נאָך זיין פּאַטער. און עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען זיך צוזאַ־מענגערעדט, האָבען זיי דערנאָך ביידע זיך געשטעלט פאַר די הייליגע בילדער, האבען געקניעט און תפלה געטהאָן, אז גאָט זאָל זיי בענשען און קינדער שענקען.

און אזוי האבען אָבגעלעבט די פּוסטאָוואלאָוו'ס שטיל און רוהיג, אין ליעבע און פריעדען זעקס יאָהר. נור אָט דארף זיך מאכען, אז איין מאָל ווינטער צייט האָט וואסילי אנדרעאיטש זיך אָנגעטרונקען מיט הייסען טהעע און איז גלייך נאָכדעם ארויס אָהן א היטעל פּערקויפען וואלד, ער האָט זיך פערקיהלט און איז קראַנק געוואָרען. געהיילט האָבען איהם די בעסטע און גרעסטע דאָקטוירים אָבער די קראנקהייט איז געוועזן שטארקער פון זיי און ער איז געשטאָרבען אָבקריינקענדיג פיער מאָנאטען.

אָלענקאַ איז ווידער געוואָרען אַן אלמנה.

— אויף וועמען האָסטו מיך איבערגעלאָזען, טייבעלע מיינס? — האָט זי געקלאָגט אויף דעם מאַנ'ס לויה — ווי וועל איך דאָס אצינד לעבען אָהן דיר, אוי וואָס פאַר א פערביטערטע, וואָס פאַר א אונגליק־ליכע איך בין!... גוטע מענשען, האט רחמנות איבער מיר, עלענדע יתומה'לע...

זי איז געגאַנגען אין א שווארצען קלייד און האָט זיך אויף אימער אָבגעזאָגט פון א הוט און האנדשוה, זי איז שטענדיג געזעסען אין הויז, איז אין ערגעץ ניט געגאַנגען, נור אין קלויסטער און צום מאַן אויף דעם קבר און איז גאַנצען געלעבט, ווי א הייליגע מאָנאַשקע. און ערשט, ווען עס זיינען אריבער זעקס מאָנאטען, האָט זי אָנגעהויבען צו עפענען אביסעל די לאָדענס פון די פענסטער. צייטענווייז האָט מען זי שוין אצינד באגעגענט מיט דער קעכין, געהענדיג איינ־קויפען אויף דעם מארק. נור וועגען דעם, ווי זי האָט אצינד געלעבט, וואָס עס האָט זיך געטהאָן ביי איהר אין דער היים האָט קיינער גאָר־נישט געוואוסט, מען האָט זיך נור געקענט אָנשטויסען, אז עפּעס געהט דאָרט פאָר.

און אָנגעשטויסען זיך האָט מען דערפאַר, ווייל מען האָט איהר גע־זעהן ביי זיך אין גאָרטען טרינקענדיג טהעע מיט דעם וועטערינאַר און ער האָט איהר אין דער הויף געלעזען א צייטונג, און נישט גלאט

איז אויך געווען דער פאקט, וואָס טרעפענדיג זיך אויף דער פּאָסט מיט אַ בעקאַנטער דאַמע, האָט זי געזאָגט:

— ביי אונז אין שטאָדט איז נישטאָ קיין רעכטע וועטערינאַרנע אויפזיכט, דאָס הייסט, מען גיט נישט גענוג אַכטונג אויף די פערד און אַנדערע חיות. אַלע ווייַלע הערט מען רק, אַז מענשען ווערען קראַנק פון מילך און נעהמען זיך אָן אַלע צרות פון פערד און קיה. וועגען דעם געזונד פון שטובינגע חיות מוז מען זאָרגען גראָד אַזוי ווי וועגען דעם געזונד פון מענשען.

זי האָט איבערגעזאָגט דעם וועטערינאַרס געדאַנק און האָט איצט וועגען אַלעם געהאַט די זעלבע מיינונג, וואָס ער. עס איז געווען קלאָהר, אַז אָהן ליעבע און צוגעבונדקייט קען זי נישט אויסקומען אפילו אַ יאָהר צייט און אַז זי האָט געפונען איהר נייעם גליק ביי זיך אין איהר אייגען הויז. אַן אַנדערע וואָלט מען פאַר אַזאַ זאַך שטאַרק בעשולדיגט, אָבער וועגען אָלענקאַ'ן האָט קיינער נישט געקענט טראַכטען שלעכטס און אַלעס אין איהר לעבען איז געווען איינפאַך און פערשטענדליך.

זי און דער וועטערינאַר האָבען קיינעם נישט דערצעהלט וועגען דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זייערע בעציהונגען און האָבען זיך זעהר געסטאַרעט עס צו בעהאַלטען, דאָס האָט זיך זיי אָבער בשום אופן נישט איינגעגעבען, ווייל אָלענקאַ האָט נישט געקענט האָבען קיין סודות. ווען צו איהם זיינען געקומען געסט, חברים, פון רעגימענט, דאַן האָט זי אָנגיסענדיג זיי טהעע אָדער דערלאַנגענדיג וועטשערע, גענומען ריידען וועגען די קראַנקהייטען פון פיה, וועגען די שטאָדטישע שלאַכט־הייזער און נאָך אַזעלכע זאַכען און ער האָט זיך דערפון געפיהלט שרעקליך אונאַנגענעהם און, ווען די געסט זיינען אַוועק, האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנד און געשיפּעט מיט כעס:

— איך האָב דיך דאָך געבעטען, דו זאָלסט נישט ריידען פון זאַכען, וועלכע דו פערשטעהסט נישט! ווען מיר, וועטערינאַרען, ריידען צווישען זיך, דאַן בעט איך דיך דו זאָלסט זיך נישט אריינמישען. דאָס ווערט ענדליך איבערדריסיג!

און זי האָט געקוקט אויף איהם מיט פערוואונדערונג און מורא און געפרעגט:

— וואָלאָדיטשקאַ, וועגען וואָס דען זאָל איך ריידען?

און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט זי איהם ארומגענומען, גע־בעטען זיך ביי איהם, ער זאָל אויף איהר נישט בייז זיין, אוןביידע זיי־נען געווען גליקליך.

— נור, פון דעסטוועגען, האָט דאָס דאָזיגע גליק נישט לאַנג אָנגעהאַלטען. דער וועטערינאַר איז אַוועקגעפאָהרען צוזאַמען מיט זיין רעגימענט, איז אַוועק אויף אימער, ווייל מען האָט זיין רעגימענט אַוועקגעשיקט ערגעץ ווייט־ווייט, אַזש אין סיביר. און אָלענקאַ איז געבליבען אליין.

איצט איז זי שוין געווען גאָר אַן עלענדע. דער פאָטער איז שוין לאַנג געשטאָרבען, און זיין פאטעל האָט זיך געוואַלגערט ערגעץ אויף דעם בוידעם, אַ פערשטויבטער, אַ צובראָכענער, אָהן איין פיסעל. זי איז מאָגערער געוואָרען און מיאוס׳ער, און די בעקאַנטע, וועלכע האָבען זי געטראָפען אין גאַס, האָבען שוין אויף איהר נישט געקוקט, ווי פריהער און האָבען צו איהר נישט געשמייכעלט; הפנים, אַז איהרע בעסטע יאָהרען זיינען שוין אַוועק, זיינען געבליעבען פון הינטען, און אַצינד האָט זיך אָנגעהויבען עפּעס אַ נייעס לעבען, אַ אונבעוואוס־טעס, וועגען וועלכער עס איז בעסער גאָרנישט צו טראַכטען.

אין די אָבענדען איז אָלענקאַ געזעסען אויף דעם באַלקאָן און זיך צוגעהערט, ווי אין „טיוואָלי" שפּילט מוזיק און עס קראַכען די ראַקעטען, דאָס האָט אָבער ביי איהר נישט ארויסגערופען קיין שום געדאַנקען אָדער עראינערונגען. זי האָט גלייכגילטיג געקוקט אויף איהר לעדיגען הויף, האָט וועגען קיין זאַך נישט געטראַכט, קיין זאַך נישט געוואָלט און דערנאָך, ווען די נאַכט איז צוגעפאַלען, איז זי שלאָפען געגאַנגען און געזעהן אין חלום איהר לעדיגען, וויסטען הויף. געגעסען און געטרונקען האָט זי אויך עפּעס אַזוי ווי מיט געוואַלד.

די הויפּט זאַך אָבער, וואָס איז געווען ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס זי האָט איצט נישט געהאַט קיין שום מיינונגען. זי האָט געזעהן ארום זיך זאַכען און פערשטאַנען אַלעס, וואָס עס טהוט זיך ארום, אָבער וועגען קיין זאַך, האָט זי זיך נישט געקענט צוזאַמענשטעל־לען קיין בעשטימטע מיינונג און האָט נישט געוואוסט וועגען וואָס צו רעדען. און ווי שרעקליך דאָס איז נישט צו האָבען קיין בעשטימטע מיינונג!

דו זעהסט, למשל, אַז עס שטעהט אַ פלאַש, אָדער עס געהט אַ

רעגען; אָדער עס פאָהרט א פויער אויף א וואָגען, אָבער וואָס טהוט דאָ די דאָזיגע פלאַש, דער רעגען אָדער דער פויער, וואָס פאר א שכל עס ליעגט אין זיי, קענסטו נישט זאָגען און וואָלסט נישט געזאָגט אפילו, ווען מען גיט דיר טויזענד רובעל. פאר קוקין'ען, פאר פוסטאָ־וואָלאָוו'ן און דערנאָך פאר דעם וועטערינאַר האָט אָלענקא אלעס גע־קענט ערקלעהרען און וואָלט ארויסגעזאָגט א מיינונג וועגען וואָס איהר ווילט זיך אליין, איצט אָבער איז אין איהרע געדאַנקען און הארצען ביי איהר געוועזען גראַד אזוי פוסט און וויסט, ווי אויף דעם הויף. און אזוי מורא'דיג און אזוי ביטער איז איהר געווען, ווי זי וואָלט זיך מיט ביטערן פעפער אָנגעגעסען.

די שטאָדט איז ביסלאַכווייז א סך ברייטער געוואָרען; די ציי־גיינערשע סלאָבאָדקע איז שוין געוואָרען א גאַס און דאָרט וואו עס איז געווען דער גאָרטען „טיוואָלי" און די שפייכלערס געהילץ, זיינען אויסגעוואַקסען הייזער און עס האָבען זיך געבילדעט גאַנצע רייהען געסלאַך. ווי שנעל עס לויפט די צייט!

אָלענקאַ'ס הויז איז פער'חושך'ט געוואָרען, דער דאַך פערזשאַ־ווערט, די שטאַל האַלב איינגעפאַלען, און דער גאַנצער הויף איז מיט ווילדע גראָז און שטעכעדיגער קראָפּיווע פערוואַקסען געוואָרען. אָלענ־קאָ אליין איז געוואָרען עלטער, מיאוסער. זומער צייט איז זי געזעסען אויף דעם באַלקאָן, אויף דער נשמה איז נאָך ווי פריהער געווען פוסט, וויסט און נודנע און ווינטער צייט איז זי ביים פענסטער געזעסען און אויף דעם שנעע געקוקט.

צו עס האט אין דער לופטען מיט פריהלינג געוויהט, אדער דער ווינד האט דעם קלאַנג פון קירכען־גלאָקען דערטראָגען, נור אין איהר נשמה האבען צייטענווייז פלוצים עראינערונגען ערוואכט... די פער־גאַנגענהייט האט איהר אין געדאנקען פאר די אויגען געשוועבט, דאס הארץ האט א זיסער וועהטאָג פארקלעמט און פון די אויגען זיינען הייסע טרערען געפלאָסען . . . דאס אלעס האט געדויערט נור איין מינוט, און דערנאָך ווידער דיזעלבע פוסטקייט, די עלענדקייט און דאָס נישט וויסען צו־וואָס מען לעבט אויף דער וועלט.

בריסקא, די שווארצע קעצעלע לאַסטשעט זיך און מיאוקעט צאַרט, נור אויף אָלענקאַ'ן מאַכען די קעצישע לאַסקעס קיין שום איינ־דרוק נישט, זיי ריהרען זי נישט. ניט דאָס דאַרף זי האָבען! זי נוי־

טיגט זיך אצינד אין אזא מין ליעבע, וואָס זאָל ארומכאַפּען איהר גאַנץ וועזען, די גאַנצע נשמה, דעם פערשטאַנד, א ליעבע, וועלכע זאָל איהר געבען געדאַנקען, א ריכטונג אינ'ם לעבען, זאָל דערוואַרעמען איהר בלוט, וואָס הויבט אָן אַלט צו ווערען... און זי טרייסעלט אראָב פון איהר קלייד די שווארצע בריסקא און זאָגט איהר מיט כעס:

— געה, געה... האָסט דאָ נישט וואָס צו טהאָן!

און אזוי א טאָג נאָך א טאָג, א יאָהר נאָך א יאָהר — און עס איז נישטאָ קיין איין מינוט פרייד, קיין שום בעשטימטע מיינונג. וואָס איהר קעכין מאוורא זאָגט, דאָס איז גוט.

איין מאָל, אין א הייסען יולי טאָג, פאַרנאַכט, ווען איבער דער שטאָדט האָט מען געטריעבען די שטאָדטישע סטאַדעס און דער גאַנצער הויף איז אָנגעפילט געוואָרען מיט וואָלקענס פון שטויב, האָט עפּעס עמעצער פּלוצים אָנגעקלאַפּט אין פאַרטקע.

אָלענקא איז אליין אוועק עפענען און, ווי נור זי האָט א קוק געטהאָן, איז זי געבליבען שטעהן א פערגליווערטע: הינטער די טויערען איז געשטאַנען דער וועטערינאַר סמירנין, שוין א גרויער און אין ציוויל־קליידער. זי האָט זיך פּלוצים אָן אַלעם דערמאָנט, האָט נישט געקענט איינהאַלטען זיך, גענומען וויינען און אוועקגעלעגט איהר קאָפּ צו איהם אויפ'ן ברוסט. נישט זאָגענדיג קיין איין וואָרט פאַר שטאַרקער אויפרעגונג האָבען זיי נישט באַמערקט, ווי זיי זיינען ביידע אריין אין הויז און זיך געזעצט טרינקען טהעע.

— טייבעלע מיינס! — האָט זי געשטאַמעלט, ציטערענדיג פאַר פרייד: וולאַדימיר פּלאַטאָניטש! פון וואַנען האָט אייך גאָט אהער געבראַכט?

— איך וויל זיך דאָ אין גאַנצען באַזעצען — האָט ער דערצעהלט — האָב זיך אָנגעגעבען אין דיסמיססיע — איך וויל איצט לעבען א פרייען, ציווילען לעבען, און אָט בין איך אהער געקומען פּרובירען מיין מזל. מיין זוהן איז אונטערגעוואַקסען, שוין צייט איהם אָבצוגעבען אין גימנאַזיום. איך, ווייסט איהר, איך בין שלום געוואָרען מיט מיין ווייב.

— און וואו איז זי? — האָט געפרעגט אָלענקא.

— זי מיט דעם זוהן זיינען אין גאַסט־הויז, און איך געה דאָס ארום זוכען א קוואַרטיר.

— גאָטוניו, טאַטעלע מיינער, נעהמט־זשע מיין הויז! וואָס פעהלט אזא קוואַרטיר? אַך, גאָט מיינער, איך וועל ביי אייך קיין דירה־געלד אויך נישט נעהמען — האָט גערעדט אָלענקא, אַן אויפגערעגטע, און ווידער גענומען וויינען — לעבט זיך דאָ געזונדערהייד, פאר מיר איז דער צוגעבויטער פליגעל אויך גענוג. אָט איז דיר א שמחה, אַך, גאָטוניו!

אויף דעם צווייטען טאָג האט מען שוין געפארבט דעם דאַך פון שטוב און געווייסט די ווענט, און אָלענקא, מיט די הענד אין די זייטען איז ארומגעגאַנגען איבער דעם הויף און גע'בעל־הבת'עוועט. אויף איהר פנים האט ווידער גענומען שיינען דער פריהערדיגער שמייכעל און אין גאַנצען האט זי אָבגעלעבט, איז פרישער געוואָרען, אזוי ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון א לאַנגען שלאָף.

עס איז געקומען צופאָהרען דעם וועטערינאַר'ס ווייב, א מאָגערע, ניט קיין שעהנע דאַמע, מיט קורצע האָאר און א קאַפּריזנעם אויס־דרוק, און מיט איהר איז אויך געוועזן סאשא, א קליינינקער, נישט נאָך זיינע יאָהרען (איהם איז שוין געגאַנגען דאס צעהנטע יאָהר), א פולינקער, מיט ליכטיגע, בלויע אויגען און גריבעלאַך אויף די באַקען. און ווי נור דער אינגעל איז אין הויף אריין, האט ער גלייך גענומען לויפען נאָך דער קעצעל, און באַלד האט זיך דערהערט זיין פרעהליך, לוסטיג געלעכטער.

— מוהמינקע, דאס איז אייער קעצעל? — האט ער געפרעגט ביי אָלענקא'ן — איך בעט אייך, ווען זי וועט זיך אָבקעצלען, זאָלט איהר אזוי גוט זיין און מיר שיינקען א קליין קעצעלע. די מאַמע האט זעהר מורא פאר מייז.

אָלענקא האט מיט איהם גערעדט א ווייַלע, האט איהם אָנגע־טרונקען מיט טהעע, און אויפ'ן הארצען איז איהר פלוצים געוואָרען אזוי גוט און ווארעם, אזוי ווי דער דאָזיגער אינגעל וואָלט געוועזן איהר אייגען קינד. און ווען ער איז אין אָבענד געזעסען אין עסצימער און געמאַכט זיינע לעקציאָנען, האט זי געקוקט אויף איהם מיט בע־גייסטערונג און רחמנות און האט געשעפּטשעט:

— טייבעלע מיינס, פויגעלע שעהנס... קינדעלע טהייערס, דו ביזט געבאָרען געוואָרען אזא קלוגינקער, אזא ווייסינקער.

— אַן אינזעל רופט זיך אַן — האט ער געלעזען — א טהייל

פון דער טריקעניש, וואס איז פון אַלע זייטען ארומגערינגעלט מיט וואַסער.

— א אינזעל רופט זיך אָן א טהייל פון דער טריקעניש...

— האט זי איבערגע׳חזר׳ט, און דאס איז געווען איהר ערשטע מיי־נונג, וואס זי האט אויסגעשפּראָכען מיט זיכערקייט נאָך אזוי פיעל יאָהרען פון שווייגען און פוסטקייט אין די געדאַנקען.

און ווידער האט זי געהאט איהר מיינונגען און ביי דער וועטשערע האט זי גערעדט מיט סאַשאַ׳ס עלטערן וועגען דעם, ווי שווער עס איז אצינד פאר די קינדער זיך צו לערנען אין גימנאַזיאום, נור אז פון דעסטוועגען איז א קלאַסישע בילדונג פאָרט בעסער, ווי אַן אַנדערע, ווייל פון גימנאַזיאום ארויס, איז דער וועג פאר דיר אומעדום אָפען: ווילסטו — ווערסטו א דאָקטאָר, ווילסטו — איז א אינזשעניר.

סאַשאַ האט גענומען געהן אין גימנאַזיאום. זיין מאַמע איז אוועק אין כארקאָוו צו איהר שוועסטער און האט זיך נישט צוריק־געקעהרט; זיין פאָטער איז עפּעס יעדער טאָג וואו־עס־איז געפאָהרען אונטערזוכען סטאַדעס רינדער און, עס פלעגט טרעפען, אז ער זאָל נישט זיין אין דער היים צו דריי־פיער טעג, און אָלענקאַ׳ן האט זיך געדאַכט, אז סאַשאַ׳ן האט מען גאַר אין גאַנצען פערלאָזען, אז ער איז א איבעריגער אין שטוב און שטאַרבט פאר הונגער. זי האט איהם צו־ליעב דעם צוגענומען צו זיך אין פליגעל און איהם דאָרט געהאַלטען אין א קליין צימערל.

און אזוי איז אוועק א האַלב יאָהר און סאַשאַ האט אַלץ געלעבט מיט איהר צוזאַמען אין פליגעל. יעדען אין דער פריה קומט אָלענקאַ אריין צו איהם אין צימער; ער שלאָפט געשמאַק, מיט דער האַנד אונ־טערגעלעגט אונטער דער באַק, אָטהעמט קוים. איהר איז א שאָד איהם צו וועקען.

— סאַשענקאַ — זאָגט זי אומעטיג — שטעה אויף! טייבעלע מיינס! שוין צייט אין גימנאַזיאום!

ער שטעהט אויף, טהוט זיך אָן, זאָגט אָב זיין מאָרגען־געבעט, דערנאָך זעצט ער זיך טרינקען טהעע; ער טרינקט אוים דריי גלאָז טהעע און עסט אויף צוויי גרויסע בולקעס און א האַלב פראַנצויזיש ברויט מיט פּוטער. ער האט זיך נאָך נישט גוט אָטשוכעט פון שלאָף און איז שלעכט אויפגעלעגט.

— הער, סאשענקא, דו האָסט נישט גוט אויסגעלערענט די פאַ־בעל — זאָגט אַלענקא און קוקט אויף איהם מיט אזעלכע אויגען, ווי זי וואָלט איהם בעגלייט אויף א זעהר ווייטער רייזע — זאָרג האב איך מיט דיר. דו זעה, סטארע זיך, טייבעלע מיינס, לעהרען... פאָלג די לעהרער.

— אך, לאָזט מיך צופריעדען, איך בעט אייך! — ענטפערט סאשא.

דערנאָך געהט ער אין גימנאזיאום, אליין א קלייניצקער, נור אין א גרויסען קארטוזעל מיט דעם ביכער־רענצעל אויפ'ן רוקען. הינטער איהם שטיל, אָהן גערויש, געהט אַלענקא.

— סאשענקא־א! — רופט זי איהם נאָך.

ער קוקט זיך ארום, און זי שטופּט איהם אין האנד אריין א פייג אדער א צוקערקע. ווען זיי דערגעהען צו דער געסעל, וואו די גימנא־זיאום געפינט זיך, ווערט איהם פערדראָסיג, וואס הינטער איהם געהט נאָך א הויכע, דיקע פרוי; ער קוקט זיך ארום און זאָגט:

— מוהמע, איהר געהט אהיים, איך וועל שוין איצט אליין.

זי שטעלט זיך אָב און קוקט איהם נאָך, ביז ער ווערט פער־שוואונדען אין טויער פון גימנאזיאום.

אך, ווי זי האט איהם ליעב! פון איהרע פריהערדיגע ליעבעס איז קיין איין איינציגע נישט געווען אזא טיעפע, אזא איבערגעבענע, קיין מאָל פריהער איז איהר נשמה נישט בעזיעגט געוואָרען אזוי אין איהר האט זיך אליץ מעהר און מעהר צוברענט דער געפיהל פון מוטער־ליעבע. פאר דעם דאָזיגען פרעמדען אינגעל, פאר זיינע גריבע־לאָך אין די באקען, פאר דעם קארטוזעל וואָלט זי אָבגעגעבען איהר גאַנץ לעבען, מיט פרייד, מיט טרערען פון בעגייסטערונג וואָלט זי עס אָבגעגעבען. פאר וואס? פאר ווען? ווער קען עס וויסען?

בעגלייט סאשא'ן אין גימנאזיאום, קעהרט זי זיך שטיל אום אהיים, א צופריעדענע, א רוהיגע, פול מיט ליעבע. איהר פנים, וועל־כער איז פאר דעם לעצטען האלב יאָהר ווידער יונג געוואָרען, שמייכעלט און שיינט; די בעקאנטע, וועלכע טרעפען זי אָן, קוקען אויף איהר מיט פערגעניגען און זאָגען:

— וואס מאכט איהר עפעס, נשמה'ניו, אָלגאַ סעמענאָווּנא! ווי געהט עס אייך, נשמה'ניו?

— שװער, שװער איז איצט זיך צו לערנען אין גימנאזיע — דערצעהלט זי אויף דעם מארק — א קלייניגקייט, נעכטען האט מען אין ערשטען קלאס ארויסגעגעבען די קינדער אויסצולערנען אויף אויסענװעניג א פאבעל, א לעטיינישע איבערזעצונג און דערצו נאך א מאטעמאטישע אויפגאבע... נו, היינט פרעג איך אייך, קען א קליין אינגעל דאס אלעס מאכען?

און זי הויבט אן צו רעדען װעגען די לעהרער, לעקציאנען, און לעהרביכלאך — דאס זעלבע, װאס עס רעדט װעגען זיי סאשא.

דריי א זייגער עסען זיי מיטאג, אין אבענד מאכען זיי צוזאמען די לעקציאנען און װיינען.

געלעגט איהם אין בעט אריין, צלמ'ט זי איהם עטליכע מאל איבער און שעפטעצט א געבעט, דערנאך, לייגענדיג זיך שלאפען, חלומ'ט זי װעגען דער צוקונפט, א װייטער און א נעבעלדיגער, װען סאשא װעט ענדיגען דעם קורס, װעט װערען א דאקטאר, אדער א אינזשעניער, װעט האבען אן אייגען, גרויס הויז, פערד, קארעטען, װעט הייראטהען און האבען קינדער... זי שלאפט איין און טראכט נאך אלץ װעגען דאס זעלבע, און איבער די באקען גיסען זיך טרערען פון די פערמאכטע אויגען ארויס. און דאס שװארץ קעצעלע ליעגט ביי איהר אונטער'ן זייט און ברומט:

— מור... מור... מור...

פלוצים דערהערט זיך א שטארקער קלאפען אין פארטקע.

אלענקא כאפט זיך אויף און אטהעמט נישט פאר שרעק; דאס הארץ איהרס קלאפט שטארק. עס געהט אװעק א האלבע מינוט, און װידער דאס קלאפען.

— דאס איז א טעלעגראמע פון כארקאװ — טראכט זי און נעהמט ציטערען מיט'ן גאנצען לייב — די מוטער פערלאנגט מסתמא סאשא'ן צו זיך אין כארקאװ... אוי, גאטוניו!

זי איז פערצװייפעלט; עס פריהרען ביי איהר דער קאפ, די הענד, די פיס, און עס דאכט זיך, אז קיין מעהר אונגליקליכער מענש איז אויף דער גאנצער װעלט נישטא.

עס געהט אװעק נאך א מינוט און עס דערהערען זיך שטימען: דאס האט דער װעטערינאר זיך צוריקגעקעהרט פון קלוב אהיים.

— נו, גאָט צו דאַנקען — טראַכט זי.

די שווערקייט אויפ'ן הארצען געהט ביסלאַכווייז אָב, עס ווערט איהר ווידער לייכט, זי לעגט זיך און טראַכט וועגען סאַשאַ'ן, וועלכער שלאָפט געשמאַק אין דעם צווייטען צימער און רעדט ווען־ניט־ווען פון שלאָף:

— איך'ל דיר געבען! ארויס! שלאָג זיך נישט!



אהן א נאמען

אין דעם פינפטען יאָהרהונדערט פלעגט די זונן, אזוי ווי איצט, אויפשטעהן יעדען אין דער פריה, און יעדען אויף דער נאַכט זיך לייגען שלאָפען. אין דער פריה, ווען איהרע ערשטע שטראהלען האָבען זיך געקושט מיט דעם טהוי, פלעגט די ערד אויפלעבען, די לופט פלעגט זיך אָנפילען מיט קלאַנגען פון פרייד, בעגייסטערונג און האָפנונג, און אויף דער נאַכט פלעגט די זעלבע ערד אנשווייגען ווערען און זינקען אין א טיעפען תהום. איין טאָג איז געווען עהנליך צום אנדערן, איין נאַכט צו דער צווייטער. צייטענווייז פלעגט אָנלויפען א כמארע, און עס האט מיט רוגזה געהילכט דער דונער. אדער עס איז אראָבגעפאַלען פון הימעל א פערטראַכטער, שלעפעריגער שטערן, אדער עס איז פארבייגעלאָפען א בלייכער מאָנאַך און האט דערצעהלט זיין חברה ברידער, אז ניט ווייט פון מאָנאַסטיר האט ער געזעהן א טיגער — און דאס אלעס, ווייטער אבער איז איין טאָג געווען עהנליך צום אנדערן, איין נאַכט צו דער צווייטער.

די מאָנאַכען האבען געארבייט און געבעטען צו גאָט, און זייער פאָטער, דער אלטער הויפט־גייסטליכער, האט געשפּיעלט אויף דעם אָרגעל, פערפאסט לעטייניש שירים און געשריעבען נאָטען. דיעזער וואונדערבארער אלטינקער האט בעזעסען אַן אויסערגעוועהנליכען טאַלענט. ער האט אזוי קונציג געשפּיעלט אויפ'ן אָרגעל, אז אפילו גאָר די אלטע מאָנאַכען, ביי וועלכע עס איז פון אלטקייט טעמפּ געוואָרען דאס געהער, האבען ניט געקענט איינהאלטען די טרערען, בעת פון זיין קעמערל האבען זיך געטראָגען די קלאַנגען פון אָרגעל. ווען ער האט גערעדט וועגען עפּעס, עס האט געמעגט זיין א גאַנץ געוועהנליכע זאַך, למשל, וועגען בוימער, חיות אָדער דעם ים, האט מען איהם נישט געקענט הערען אָהן א שמייכעל אדער אָהן טרערען, און עס האט

זיך געדאכט, אז אין זיין נשמה האבען געקלונגען די זעלבע סטרונעס, וואס אין אָרגעל. ווען ער האט זיך אבער געבייזערט, אדער א שטארקע פרייד האט איהם אָנגעפילט, אדער ער האט געגומען ריידען וועגען עטוואס שרעקליכעס און גרויסעס, דאן האט איהם באהערשט א לייי־דענשאפטליכע בעגייסטערונג, אויף זיינע בליסטשענדיגע אויגען פלע־גען ארויסטרעטען טרערען, דער פנים פלעגט רויט ווערען, דער קול האט ווי א דונער געהילכט, און די מאָנאכען, הערענדיג איהם, האבען געפיהלט, ווי זיין בעגייסטערונג שמידט צוזאמען זייערע נשמות; אין יענע שעהנע, וואונדערבארע מינוטען איז זיין מאכט געווען אונ־בעגרענצט, און אויב ער וואָלט דעמאָלט געהייסען זיינע אַלטע מאָנאַ־כען ארייגוואַרפען זיך אין ים אריין, וואָלטען זיי אלע ביז'ן לעצטען מיט פרייד געטהאָן זיין רצון.

זיין שפיעלען, זיין זיס קול און די שירים, אין וועלכע ער האט געלויבט גאָט, דעם הימעל און די ערד, זיינען פאר די מאָנאכען געווען א קוואל פון שטענדיגער פרייד.

עס האט געטראָפען, אז צוליעב דעם איינטאָניגען, לאַנגווייליגען לעבען, וואס זיי האבען געפיהרט, האבען זיי דערעסען די ביימער, די בלומען, דער פריהלינג, דער יעסען... דער רויש פון ים האט מיעד געמאכט זייער געהער און עס איז זיי איבערדריסיג געוואָרען צו הע־רען דאס געזאנג פון די פויגעלאך; אבער דער אַלטער פאָטער, דער הויפט־גייסטליכער זייערער, איז זיי קיין מאָל, קיין מאָל ניט מיאוס געוואָרען און אין זיינע טאַלענטען, האבען זיי זיך, אזוי ווי אין ברויט, גענויטיגט יעדען טאָג.

עס זיינען אוועק צעהנדליגער יאָהרען און אימער נאָך איז איין טאָג עהנליך געווען צום אנדערן, איין נאכט צו דער צווייטער. אויסער ווילדע פויגלען און חיות, האט זיך ביים מאָנאסטיר קיין לעבעדיג באשעפעניש ניט בעוויזען. די נאָהענטסטע מענשליכע וואוינונג איז געווען וייט, און אום צו קומען אהין פון מאָנאסטיר, אדער פון דאָרט צום מאָנאסטיר האט מען בעדאַרפט דורכגעהן א וויאָרסט הונדערט דורך דעם מדבר. דורכצוגעהן דעם מדבר האבען זיך אונטערגענומען נור אזעלכע מענשען, וועלכע האבען פעראכטעט דאס לעבען, האבען זיך פון איהם אָבגעזאָגט און זיינען געגאנגען אין מאָנאסטיר, ווי אין א קבר.

גרוים איז דאַריבער געווען דער וואונדער פון די מאָנאַכען, ווען איין מאָל, ביי נאַכט, האט אין זייערע טויערען אָנגעקלאַפּט א מאַן, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין א שטאָדט־מענש, א גע־וועהנליכער זינדער, וואס האט ליעב דאס לעבען. נאָך איידער ער האט געבעטען ביי דעם הויפּט־גייסטליכען א ברכה און פאר'ן דאַווענען, האט דיעזער מאַן פערלאַנגט וויין און עסען. אויף דער פראַגע, ווי אזוי ער קומט אין דעם מדבר, האט ער געענטפערט מיט א לאַנגער געשיכטע: ער איז אוועק אויף געיעג, האט אביסעל צו פיעל אויסגע־טרונקען און האט פערבלאָנדזשעט. אויף דעם פאָרשלאַג צו ווערען א מאָנאַך און ראַטעווען זיין נשמה, האט ער געענטפערט מיט א שמייכעל: „איך בין אייך נישט קיין חבר."

אָבגעגעסען און אָבגעטרונקען, האט ער בעקוקט די מאָנאַכען, וועלכע האבען איהם בעדיענט, האט מיט א פאָרוואורף א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— איהר, מאָנאַכען, הויבט גאָר נישט אָן צו טהאָן. איהר ווייסט נור צו עסען און צו טרינקען. אזוי דען ראַטעוועט מען די נשמה? בעטראַכט נור: אין דער צייט, וואס איהר לעבט דאָ אין רוה, עסט, טרינקט און טרוימט וועגען גן עדן, געהען אייערע מיטמענשען אונטער און ווערען פערלאָרען אין גיהנום. טהוט אַקאָרשט א קוק, וואס עס טהוט זיך אין שטאָדט! אייניגע שטאַרבען פאר הונגער, די אַנדערע, ניט וויסענדיג וואו אהינצוטהאָן זייער גאָלד, טרינקען זיך אין אויס־געלאַסענהייט און דאַרבען ווי פליגען אין האָניג. נישטאָ ביי זיי נישט קיין גלויבען, נישט קיין אמת! וועמ־זשע דאַרף זיי ראַטעווען? ווע־מעס זאַך איז צו פּרעדיגען? אפשר איך, וועך איז אליין שכור פון פריהמאָרגען ביז נאַכט? שוין־זשע האט אייך גאָט געגעבען דעם ענ־זאַגענדען גייסט, דאס ליעבענדע הארץ און דעם גלויבען צוליעב דעם, אז איהר זאָלט זיצען דאָ צווישען די פיער ווענט און גאָרנישט ניט טהאָן?

די שכור'ע רייד פון שטאָדט־מענשען זיינען געווען פּרעך און ניט אנשטענדיג, דאָך האבען זיי מערקווירדיג געווירקט אויף דעם הויפּט־גייסטליכען. דער אַלטער האט זיך איבערגעקוקט מיט זיינע מאָנאַכען, איז בלייך געוואָרען און געזאָגט:

— ברידער, ער זאָגט דעם אמת! עס איז וואהר, די אָרימע לייט

געהען אונטער צוליעב זייער אונוויסענהייט און שוואכקייט און ווע־רען פערלאָרען אין אויסגעלאַסענהייט, אין ניט־פרומקייט. און מיר ריהרען זיך נישט פון אָרט, אזוי ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען אונזער עסק. פארוואס זאָל איך טאקע נישט געהן און זיי דערמאָנען אָן גאָט, וועלכען זיי האבען פארגעסען?

די רייד פון דעם שטאָדט־מענשען האבען היגעריסען דעם אַל־טען; אויפ'ן צווייטען טאָג האט ער גענומען זיין שטעקען, האט זיך געזעגענט מיט די ברידער און איז אוועק אין שטאָדט. און די מאָנאַ־כען זיינען פארבליעבען אָהן זיין מוזיק, אָהן זיינע רעדעס און אָהן זיינע שירים.

אומעדיג און לאַנגווייליג האבען זיי אָבגעלעבט אָהן איהם איין חדש, א צווייטען, און דער אַלטער איז אַלץ נישט צוריקגעקומען. ערשט נאָך דעם דריטען חדש האט זיך דערהערט דער בעקאַנטער קלאַפּ פון זיין שטעקען. די מאָנאַכען האבען זיך א וואָרף געטהאָן איהם אַנטקעגען און האבען איהם פארשאָטען מיט פראגען, אבער אנשטאט דעם, וואס ער זאָל זיך דערפרעהען מיט זיי, האט ער זיך ביטער צוואויינט און האט נישט געענטפערט קיין איין וואָרט. די מאָנאַכען האבען בעמערקט, אז ער איז שטאַרק עלטער און מאָגערער געוואָרען: זיין פּנים איז געווען אויסגעמאַטערט און האט אויסגע־דריקט טיעפען טרויער, און ווען ער האט זיך צוואויינט, האט ער אויס־געזעהן, ווי א מענש, וועמען מען האט שטאַרק בעליידיגט.

די מאָנאַכען האבען אויך גענומען וויינען און האבען מיט מיט־לייד געפרעגט, פארוואס ער וויינט, פארוואס זיין פּנים איז אזוי פינ־סטער, ער האט אבער ניט געזאָגט קיין וואָרט און האט זיך פערשלאָ־סען אין זיין צימערל. זיעבען טעג איז ער געזעסען ביי זיך, האט גאָר־נישט געגעסען, ניט געטרונקען, האט נישט געשפּיעלט אויף דעם אָר־געל און נור געוויינט. אויף דעם קלאַפּען צו איהם אין טהיר, אויף דעם געבעט פון די מאָנאַכען, ער זאָל ארויסקומען און זיך טהיילען מיט זיי מיט זיין טרויער, האט ער נור געענטפערט מיט א טיעפען שוויגען.

ענדליך איז ער ארויסגעגאַנגען. ארומגעקליעבען ארום זיך אַלע מאָנאַכען, האט ער מיט א פערוויינטען פּנים און מיט אַן אויסדרוק פון טרויער און ענטריסטונג גענומען דערצעהלען וועגען דעם, וואס מיט איהם האט פּאסירט אין די לעצטע דריי מאָנאַטען. זיין קול איז

געוועזן רוהיג, און די אויגען האבען געשמייכעלט, ווען ער האט בע־שריבען זיין וועג פון מאָנאסטיר אין שטאָדט אריין.

אויפ'ן וועג, האט ער געזאָגט, האבען פאר איהם די פויגלען גע־זונגען, די טייכעלאך געמורמעלט, און זיסע, יונגע האָפנונגען האבען זיין נשמה באַלעבט ; ער איז געגאנגען און זיך געפיהלט, ווי א סאָל־דאַט, וועלכער געהט אין שלאכט און איז זיכער אין דעם זיעג ; חלום'ענדיג, איז ער געגאנגען, האט שירים און הימנען פערפאסט און ניט באמערקט, ווי דער וועג האט זיך געענדיגט.

אבער זיין שטימע האט א ציטער געטהאָן, די אויגען האבען אויפגעבליצט און ער אין גאנצען האט זיך אָנגעצונדען פלאַם־פייער, ווען ער האט גענומען ריידען וועגען דער שטאָדט און די מענשען.

ער האט קיין מאָל אין זיין לעבען ניט געזעהן און האט זיך אפילו ניט געוואגט פאָרצושטעלען דאס, וואס ער האט דערזעהן, אריינקו־מענדיג אין שטאָדט. איצט ערשט, צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען אויף זיינע אַלטע יאָהרען, האט ער דערזעהן און פערשטאַנען, ווי שטארק און מעכטיג עס איז דער טייפעל, ווי שעהן עס איז די זינד און ווי שוואך, קליינמוטהיג און אונווירדיג די מענשען זיינען. דורך אַן אונגליקליכען צופאַל, איז דאס ערשטע הויז, אין וועלכען ער איז אריין, געוועזן א הויז פון שאנדע. ארום א פופציג מענשען, וועל־כע האבען געהאַט א סך געלד, האבען געגעסען און אָהן מאָס גע־טרונקען וויין. פער'שכור'טע פון דעם וויין, האבען זיי געזונגען ליעדער און דרייסט גערעדט שרעקליכע, אבשטויסענדע רייד, וועלכע קיין גאָטספירכטיגער מענש וואָלט ניט געוואגט ארויסצולאָזען פון מויל. פרייע, מונטערע און גליקליכע האבען די דאָזיגע מענשען ניט מורא געהאַט ניט פאר גאָט, ניט פאר'ן טייפעל און ניט פאר'ן טויט, הא־בען גערעדט און געטהאָן, וואס זיי האבען געוואָלט, געגאנגען אהין, וואו די ווילדע ליידענשאַפט האט זיי געטריעבען. און דער וויין, ריין, ווי קריסטאל, איז הפנים געוועזן זעהר זיס און שמעקעדיג, ווייל יעדער, וואס האט געטרונקען, האט פריידיג געשמייכעלט און געוואָלט נאָך טרינקען. אויף דעם שמייכעל פון מענשען האט ער געענטפערט אויך מיט א שמייכעל און ווען מען האט עס געטרונקען, האט עס פרעהלאך געפינקעלט, אזוי ווי עס וואָלט געוואוסט, וואס פאר א טייפעלשער רייץ עס איז בעהאַלטען אין זיין זיסקייט.

דער אלטער פאטער מיט אלץ מעהר צארן און וויינענדיג פאר כעס האט ווייטער בעשריעבען וואס ער האט געזעהן. אויף דעם טיש, צווישען די הוליאקעס, האט ער גנזאגט, איז געשטאנען א האלב־נאקעטע זינדערין. עס איז שווער זיך פארצושטעלען און מען קען גאר אין דער נאטור ניט געפינען עטוואס שעהנערעס און אנציהענדע־רעס. דיעזע אונריינע, א יונגע, א דונקעלע, מיט לאנגע האאר, שוואר־צע אויגען און פעטע ריפען, א אונפערשעהמטע און פרעכע, האט גע־שצירעט איהרע וויסע, ווי שנעע, ציינער און געשמייכעלט, ווי זי וואלט וועלען זאגען: „קוק זיך איין, וואס פאר א אונפערשעהמטע, וואס פאר א שעהנע איך בין!" זייד און גאלד־שטאף האבען אין שעהנע פאלדען זיך געצויגען פון איהרע אקסלען, אבער די שעהנהייט האט זיך ניט געוואלט בעהאלטען הינטער'ן קלייד און האט זיך, ווי די יונגע גרינע שפראצונגען פון דער פריהלינגס ערד, ארויסגעריסען מיט באגעהר פון צווישען די פאלדען... די פרעכע פרוי האט גע־טרונקען ווייך, געזונגען ליעדער און זיך איבערגעגעבען יעדען איינ־ציגען, ווער עס האט נור געוואלט.

ווייטער האט דער אלטער, סטראשענדיג צארניג מיט די הענד, בעשריעבען די פערד־רייסעס, דאס שלאגען זיך פון ווילדע אקסען, די טהעאטערס, די ארבייטס־צימערען פון די מאהלערס, וואו מען מאהלט און קנעט פון ליים נאקעטע פרויען.

גערעדט האט דער אלטער פאטער בעגייסטערט, שעהן און הויך מיט א קלינגענדען קול, אזוי ווי ער וואלט אויף סטרונעס געשפיעלט. און די מאנאכען, פארגליווערטע, האבען דורשטיג געשלונגען זיינע ווערטער און עס האט זיי פארכאפט דעם אטהעם פאר בעגייסטע־רונג... און געענדיגט זיין בעשרייבונג וועגען דעם טייפעל'ס צויבער, וועגען די שעהנקייט פון זינד און די פערפיהרערישע אייגענשאפטען פון דעם אבשטויסענדען פרויען־קערפער, האט ער פערשאלטען דעם טייפעל, האט זיך אומגעקעהרט צוריק און זיך בעהאלטען הינטער זיין טהיר....

ווען ער איז אויף מארגען אין דער פריה ארוים פון זיין קעמערל, איז אין מאנאסטיר נישט פערבליעבען קיין איין איינציגער מאנאך. זיי זיינען זיך אלע צולאפען אין שטאדט אריין.

———:———

דער פּאַטער

— דעם אמת געזאָגט, האב איך אביסעל אריינגעגאַסען.... ענטשולדיג, אויפ'ן וועג בין איך אריין אין א וויין־שענק און צוליעב דער היץ האב איך אויסגעטרונקען א פּאָר פלעשלאך. היים, ברו־דער!

דער אַלטער מוסאַטאָוו האט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע עפּעס א שמאַטע און מיט דעם אויסגעווישט זיין געגאָלטען, פער'שכור'טען פּנים.

— איך בין אריין צו דיר, באָריענקא, מלאך מיינער, אויף איין מינוטקעלע — האט ער גערעדט, ניט קוקענדיג אויפ'ן זוהן — צו־ליעב זעהר א וויכטיגער זאך. ענטשולדיג, אפשר האב איך דיר גע־שטערט. — קען איך אפשר ביי דיר קריגען, נשמה מיינע, ביז דינ־סטאג א צעהנעריל? פארשטעהסטו מיך, נאָך נעכטען האב איך גע־דאַרפט בעצאָהלען פאר דער דירה, און געלד, פארשטעהסטו מיך... אַט! כאָטש נעהם און שנייד!...

דער יונגער מוסאַטאָוו איז שווייגענדיג ארויס און זיך גענומען הינטער דער טהיר שעפּטצען מיט דער בעל הבית'טע פון זיין זומער־וואוינונג און מיט די געסט, וועלכע האבען מיט איהם צוזאַמען גע־דונגען די זומער־קווארטיר. אין דריי מינוט ארום האט ער זיך אומ־געקעהרט און שווייגענדיג דערלאַנגט דעם פאַטער א צעהן־רובעלדיגע. יענער, ניט א קוק טהאָנדיג, האט עס נאכלעסיג אראָבגעלאָזען צו זיך אין קעשענע און געזאָגט:

—מערסי. נו, ווי געהט עס דיר? זיך שוין לאַנג נישט גע־זעהן.

— יאָ לאַנג. פון יום טוב אָן.

— אמאָל פינף אודאי האב איך זיך שוין געקליעבען צו דיר, עס

איז אבער אַלץ קיין צייט נישט געווען. דאָ איז איין געשעפט, און דאָ אן אַנדערער... כאַטש נעהם און שטאַרב! אייגענטליך איז דאס א ליגען... אַלץ, וואס איך זאָג, איז ליגען. דו, באַריענקאַ, גלויב מיר נישט. איך האב געזאָגט, אז דינסטאג גיעב איך אָב די צעהן רובעל, גלויב דאס אויך נישט. קיין איין איינציגען וואָרט מיינעם זאָלסטו נישט גלויבען. קיין שום געשעפטען זיינען ביי מיר נישטאָ, עס איז פשוט די פוילקייט, די שכרות און עס איז א חרפה זיך צו ווייזען אין אַזעלכע מלבושים אין גאַס. דו, באַריענקאַ, זיי מיר מוחל. דאָ האב איך אַמאָל דריי געשיקט א קליין מיידעל נאָך געלד און רחמנות'דיגע בריעף דיר געשריעבען. פאר די געלד אַ דאַנק, און די בריעף גלויב נישט: איך האב געלייגט. עס טהוט וועה מיר דאס האַרץ דיך אזוי ארומצונעהמען, מלאך מיינער; איך וויים, אז אליין שלאַגסטו זיך קוים מיט צרות דורך, און קאַרמענען קאַרמעסטו זיך מיט קדחת, אבער מיט מיין אונפערשעהמטער חוצפה קען איך גאַרנישט מאַכען. אַזאַ פרעכער יונג בין איך, אז כאַטש נעהם און שטעל מיך ארויס אויפ'ן בייז וואונדער!... דו זיי מיר מוחל, באַריענקאַ, איך זאָג דיר דעם דאַזיגען גאַנצען אמת, ווייל איך קען נישט גלייכגילטיג קוקען דיר אין דיין מלאך'שען פנים.

א מינוט איז אוועק אין שווייגען. דער אַלטער האט א טיעפען זיפץ געטהאָן און געזאָגט:

— וואָלסט מיך מכבד געווען מיט ביער, צו וואס.

דער זוהן איז שטיל ארויסגעגאַנגען און הינטער דער טהיר האט זיך ווידער דערהערט א שעפטצען זיך.

ווען אין א ווײַלע ארום האט מען געבראַכט ביער, איז דער אַל־טער, דערזעהענדיג די פלאַשען, גלייך לעבעדיג געוואָרען און האט שאַרף אומגעביטען דעם טאָן.

— איך בין, ברודער, די צייט געווען אויף רייסעם — האט ער געזאָגט, מאַכענדיג כלומרשט צושראָקענע אויגען — דריי זיינען געווען אונזערע דאָרט און מיר האבען גענומען א דריי־רובעלדיגען בילעט און געשפיעלט אויף דעם געפלעקטען פערדעל. און אַ דאַנק איהם, דעם דאַזיגען געפלעקטען פערדעל, האבען מיר אויף דעם איין רובעל געוואונען צו צוויי און דרייסיג רובעל. אָהן די רייסעם, ברודער, קען איך נישט אויסקומען. א פערגעניגען איז דאס זעהר אַן ערדלער.

מיין אלטע גיט מיר א גוטע גאָב פאר די רייסעס, אבער איך געה. איך האב עס ליעב און טהו מיר עפּעס!

באָרים, א בלאָנדער יונגערמאַן, מיט א מעלאנכאָלישען, אונבעוועגליכען פּנים איז שטיל געגאנגען פון איין ווינקעל אין אנדער'ן און שווייגענדיג זיך צוגעהערט. ווען דער אַלטער האט איבערגעריסען זיין ערצעהלונג, אום זיך אָבצוהוסטען, איז ער צו איהם צוגעגאנגען און געזאָגט:

— די טעג, פּאפּא, האב איך זיך געקויפט שטיוועלעטען, זיי זיינען אבער אויף מיר צו שמאָל. טאָמער וואָלסטו זיי ביי מיר גענומען? איך וועל דיר זיי אָבלאָזען ביליגער!

— אויך רעכט — האט איינגעשטימט דער אַלטער, זיך א קרים טהאָנדיג — אבער פאר דעם זעלבען פּרייז, ניט ביליגער.

— גוט. איך גיעב דאס דיר אויף באָרג.

דער זוהן איז ארונטערגעקראָכען אונטער דער בעט און פון דאָרט ארויסגעשלעפּט א פּאָאר נייע שטיוועלעטען. דער פאָטער האט אראָבגעצויגען זיינע גרויסע, פארשמירטע, קענטיג פרעמדע שטיוועל, און גענומען אָנמעסטען די נייע.

—ווי א מאָס גענומען! — האט ער געזאָגט — גוט, זאָלען זיי בלייבען ביי מיר. און דינסטאג, ווען איך'ל קריעגען מיין פּענסיע, וועל איך דיר פאר זיי אָבשיקען געלד. אייגענטליך איז דאס שקר וכזב — האט ער ווייטער גערעדט און איז פּלוצים ווידער אריינגעפאַלען אין דעם פריהערדיגען טאָן — איך ליעג, אי וועגען דעם געווינס אויף די רייסעס, אי וועגען דער פּענסיע. און דו, באָריענקא, נארסט מיך אויך... איך פיהל דאָך דיין גוטהערציגע פּאָליטיק, דורך און דורך פארשטעה איך דיך! די שיך זיינען דערפאר אויף דיר צו ענג, ווייל די נשמה דיינע איז ביי דיר א ברייטע. אָך, באָריא, באָריא! אַלץ פערשטעה איך און אַלץ פיהל איך!

— איהר האט זיך איבערגעקליעבען אויף א נייער קווארטיר?

— האט איהם אונטערבראָכען דער זוהן, אום איבערצובייטען דעם געשפּרעך.

— יאָ, ברודער, אויף א נייע. יעדען חדש קלייב איך זיך אריבער. מיין אלטע מיט איהר כאראקטער קען ניט לאנג איינזיצען אויף אן אָרט.

— איך בין געווען ביי דיר אויף דער אַלטער קוואַרטיר, האב דיך געוואָלט איינלאַדען צו מיר אויפ'ן זומער־פּלאַץ. דיר מיט דיין שוואַכען געזונד וואָלט נישט געשאדט צו זיין א געוויסע צייט אויף דער ריינער לופט.

— ניין! — האט דער אַלטער א מאַך געטהאָן מיט א האנד — מיין אלטע וועט נישט לאָזען און איך אליין וויל אויך נישט. שוין אַמאָל הונדערט אודאי, האט איהר זיך געמאַטערט ארויסצורייסען מיך פון בלאָטע און איך אליין האב זיך געמאַטערט, אבער עס איז גאָרנישט ארויס דערפון. לאָזט מיך לויפען! איך וועל שוין פגר'ן אין בלאָטע. אָט זיץ איך אַצינד און קוק אויף דיין מלאך'שען פּנים און אליין ציהט מיך און ציהט אהיים אין דער גרוב אריין. הפּנים, אז מיין מזל איז שוין אזא. א מיסט־זשוק וועסטו בשום אופן ניט פאַרשלעפּען צו א ראָזע. נו, ברודער, מיר איז שוין צייט. עס ווערט פינסטער.

— ווארט אויף, איך וועל דיך בעגלייטען. איך דאַרף אויך היינט עפּעס האבען אין שטאָדט.

דער יונגער און דער אַלטער האבען אָנגעטהאָן זייערע רעק און זיינען ארויס. אין א ווייַלע ארום, ווען זיי זיינען געפאָהרען אויף א דראָזשקע, איז שוין געווען פינסטער און אין די פענסטער האבען גענומען ווינקען פייערלאַך.

— איך האב דיך בדלות געשטעלט, באָריענקאָ! — האט געמורמעלט דער פאָטער — אָרימע, אָרימע קינדער נעבאך! עס מוז זיין א גרויסער אומגליק צו האבען אזא טאַטען! באָריענקאָ, נשמה מיינע, איך קען ניט לייגען, ווען איך זעה דיין פּנים. ענטשולדיג... מיין גאָט, צו וואס פאר א מדרגה מיין חוצפה דערגעהט! אָט האב איך דיך אַצינד בע'גזל'ט און בעראַבעוועט, איך פאַרשעהם דיך מיט מיין שכור'ען אויסזעהן, די ברידער דיינע בעראַבעווע איך אויך און פאַרשעהם. און דו האָסט געדארפט נעכטען אויף מיר א קוק טהאָן! איך וועל ניט בעהאַלטען פון דיר, באָריענקאָ! צו דער אַלטער מיינער זיינען זיך נעכטען צוזאמענגעקומען שכנים און סתם פּאַסקודניאַקעס, האב איך צוזאמען מיט זיי זיך אָנגע'שכור'ט און גענומען בעריידען אייך, מיינע קינדערלאַך, בעליידיגען אויף וואס די וועלט שטעהט. און געזידעלט האב איך אייך, און זיך געקלאָגט, אז איהר

האט מיך כלומרשט געוואָרפען. איך האב געוואָלט, פערשטעהסטו מיך, ביי די שכור'ע ווייבער ארויסרופען רחמנות און האב דערפאר געשפּיעלט די ראָלע פון אן אונגליקליכען פאָטער. אָט אזעלכע מינים גאַנגען איז שוין ביי מיר: ווען איך וויל בעהאַלטען מיינע חסרונות, מיינע פעהלערן, דאן ווארף איך די גאַנצע צרה ארויף אויף מיינע אונשולדיגע קינדער. איך קען דיך ניט בעטריעגען, באָריענקאַ, און עס פון דיר בעהאַלטען. געגאַנגען בין איך צו דיר מיט א גאַנצען אָנ־שטעל און ווי איך האב דערזעהן דיין גוטסקייט, דיין מילדקייט, האט די צונג ביי מיר אָבגענומען און מיין גאַנצען געוויסען האט עס מיט'ן קאָפּ ארויף איבערגעקעהרט.

— געגוג, פּאַפּאַ, לאָמיר ריידען פון עפּעס אַנדערעס.

— גרויסער גאָט, וואס פאר א קינדער ביי מיר זיינען דאָ! — האט ווייטער געריעדט דער אַלטער, ניט הערענדיג דעם זוהן — וואס פאר א טהייערע מתנות גאָט האט מיר געשענקט! ניט איך האב גע־דאַרפט האבען אזוינע קינדערלאַך, נור עפּעס א רעכטער מענש מיט א נשמה, מיט געפיהלען! איך בין עס ניט ווערטה!

דער אַלטער האט אראָבגענומען זיין קליינעם קאַרטוזיק מיט א קנעפּיל און האט זיך עטליכע מאָל איבערגע'צלם'ט.

— גאָט צו דאַנקען דערפאר! — האט ער א זיפץ געטהאָן, און זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען, אזוי ווי זוכענדיג א הייליגען בילד — מערקווירדיגע, זעלטענע קינדער! דריי זיהן האב איך און איינער איז ווי דער אַנדערער. ניכטערע, בכבוד'יגע, ארבייטזאַמע, און וואס פאר א קעפּ! איזוואָזשציק, דו האָסט געדאַרפט זעהן ס'אַרא קעפּ! איין גריגאָרי האט ביי מיר אזוי פּיעל שכל, אז עס וואָלט גע־קלעקט צו באטהיילען גאַנצע צוואַנציג מענשען. ער קען אי פראַנ־צויזיש, אי דייטש און רעדען רעדט ער, אז א כפּרה אַלע דיינע אַד־וואָקאַטען — פּשוט א מחיה צו הערען... קינדער מיינע, קינדער, עס גלויבט זיך מיר נישט, אז איהר זייט מיינע! עס גלויבט זיך נישט! דו, באָריענקאַ, ביזט ביי מיר א הייליגער, א מאַרטירער. איך שטעל דיך בדלות און וועל עס ניט אויפהערען צו טהאָן... דו גיסט מיר געלד אָהן א סוף, כאָטש דו ווייסט, אז דיין געלד געהט אוועק ניט אויף עפּעס רעכטס. אַנומעלט האב איך דיר געשיקט א רחמנות'־דיגען בריעף, האב בעשריעבען מיין קראַנקהייט, דאס איז אבער געווען

א ליגען: דאס געלד האב איך ביי דיר געבעטען אויף שנאַפּס. און געבען גיסטו מיר דערפאר, ווייל דו האָסט מורא מיך צו בעליידיגען מיט אַן אָבזאָג. דאס אַלעס ווייס איך גאַנץ גוט און פיהל. גרישאַ איז אויך א מארטירער. דאָנערשטאָג בין איך אוועק צו איהם אין געריכט א שכור'ער, א שמוציגער, אַן ארומגעריסענער... מיט בראַנ־פון האט פון מיר געזעצט, ווי פון א שענק. קום איך אהין, אזא מין באַשעפעניש, און קריך גלייך צו איהם מיט נידערטרעכטיגע רייד, און דאָ ארום, ברודערל מיינער, זיצען זיינע חברים, די העכערע בע־אַמטע, און אזוי מענשען, וואס קומען מיט ביטעס. פארשעהמט איהם אויפ'ן גאַנצען לעבען. און ער, ער זאָל כאָטש א האָאָר צומישט ווערען, נור אביסענקע בלאסער איז ער געוואָרען, האט א שמייכעל געטהאָן און איז צוגעקומען צו מיר, ווי נישט איהם מיינט מען דאס, האט מיך נאָך אפילו פאר זיינע חברים פאָרגעשטעלט. דערנאָך האט ער מיך בעגלייט ביז צו דער היים און וואָלט מיר כאָטש מיט איין וואָרט א פאָרוואורף געמאכט! איך בעראבעווע איהם נאָך ערגער, ווי דיך. נעהמען מיר אצינד דיין ברודער סאשא'ן, אויך א מארטירער! חתונה געהאַט האט ער, ווייסטו דאָך, מיט א פּאַלקאָווניק'ס א טאָכטער, פון אַריסטאָקראַטישען קרייז, גענומען נדן... דאכט זיך, וואס פאר א גלייכען איז ער מיט מיר. ניין, ברודער, ווי נור ער האט חתונה געהאַט, איז ער מיט זיין יונגער ווייבעל צו מיר געקומען, מיר דעם ערשטען א וויזיט געמאכט... אין מיין גרוב... עהרען־וואָרט!

דער אַלטער האט א כליפּע געטהאָן און באַלד זיך צולאָכט.

— אין יענער צייט האט מען ביי אונז עפּעס אזוי ווי אומיסטנע נעגעסען צוריבענעם רעטאָך מיט קוואס און פיש האט מען געבראָטען און אזא מיאוס'ער גערוך האט זיך געטראָגען איבער'ן שטוב, אז אפילו דעם טייפעל אליין וואָלט ניט גוט געוואָרען. איך בין געלעגען אַן אָנגעסנאָסקעטער און די אַלטע מיינע איז ארויסגעשפּרונגען צו דעם יונגען פּאָאָר פּאָלק מיט א רויטען פרצוף... מיט איין וואָרט, א מיאוס'קייט. און סאשא האט דאס אַלעס אריבערגעטראָגען.

— יאָ, סאשא אונזערער, איז א וואוילער מענש — האט געזאָגט באָריס.

— אַן אויסגעצייכענטער! אַלע זייט איהר ביי מיר גאָלד: אי דו, אי גרישאַ, אי סאשא, אי סאָניא. איך מאַטער אייך, פּלאָג אייך,

פאַרשעהם און שטעל בדלות, און מיין גאַנץ לעבען האב איך פון אייך ניט געהערט אַ שלעכט וואָרט, אַ פאָרוואורף, ניט געזעהן קיין איין קרומען קוק. עס וואָלט כאָטש געווען אַ טאַטע אַ רעכטער, אזוי אבער — פוי! אויסער שלעכטס האט איהר פון מיר קיין מאָל ניט געזעהן. איך בין אַ מענש אַ שלעכטער, אַ פערדאָרבענער... איצט האב איך זיך, גאָט צו דאַנקען, איינגעשטילט, איך האב שוין ניט אַזאַ ווילדען כאַראַקטער, אבער פריהער, ווען איהר זייט נאָך געווען קליינינקע, האב איך געהאַט אַ כאַראַקטער, רוגזה אַ סך. וואס איך האב נישט געזאָגט און וואס איך האב נישט געטהאָן, האט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז אזוי דאַרף זיין. עס האט פּאַסירט, אַז איך קעהר זיך אום ביי נאַכט אַהיים פון קלוב אַ שכור׳ער, און נעהם זיך צו דיין זעליגער מוטער, מאַך איהר פאָרווירפע פאַר די הצאות. אַ גאַנצע נאַכט עס איך איהר דעם לעבער און דענק, אַז אזוי דאַרף זיין; עס האט געטראָפען, אַז אין דער פריה פלעגט איהר אויפשטעהן און פלעגט אין גימנאַזיע אוועק, און איך האב נאָך אַלץ אויסגעגאָסען אויף איהר מיין בייז געמיטה. אַ ליכטיגען גן עדן זאָל זי האבען, איך האב זי פאַרמוטשעט, די מאַרטירערין! און עס פלעגט זיך טרעפען, איהר קומט צוריק פון גימנאַזיע און איך שלאָף, האט איהר נישט געטאָרט עסען מיטאָג ביז וואַנען איך בין נישט אויפגעשטאַנען. צום מיטאָג ווידער די מוזיק. נישקשה, דו מוזט עס נאָך געדענקען. זאָל גאָט אַלעמען אויסהיטען פון אַזאַ טאַטען! מיך האט אייך גאָט געגעבען אלס אַ נסיון. ניט אַנדערש, נור אלס אַ נסיון! שלעפט שוין, קינדערלאַך, ביז׳ן סוף! אַכטע דיין פאָטער און לאַנג וועסטו לעבען אויף דער וועלט. פאַר דעם וואס איהר האַלט אויס דעם נסיון, וועט אפשר גאָט אייך שענקען אַ לאַנג לעבען. איזוואָזשציק, שטעה!

דער אַלטער איז אַראָבגעשפּרונגען פון דראָזשקע און איז אוועקגעלאָפען אין אַ וויין־שענק. אין אַ האַלבע שעה ארום האט ער זיך צוריקגעקעהרט, האט שכור אַ פייף געטהאָן און זיך געזעצט נעבען זוהן.

—און וואו איז איצט סאָניאַ? — האט ער געפרעגט — נאָך אַלץ אין פּאַנסיאָן?

— ניין, אין מאַי האט זי געענדיגט און איצט וואוינט זי ביי סאַשאַ׳ס שוויגער.

— אזוי גאָר! — האט זיך פערוואונדערט דער אַלטער — אַ כוואט אַ מויד, הייסט עס, אז זי איז אין די ברידער געראָטען. עך, נישטאָ, באַריענקאַ, קיין מאַמע, נישטאָ, ווער עס זאָל זיך פרייען. הער אויס, באַריענקאַ. זי... זי וויים, וואו איך וואוין? האַ?

באַרים האט גאַרנישט געענטפערט. אַ מינוט פינף איז אוועק אין אַ טיעפען שווייגען. דער אַלטער האט אַ כליפּע געטהאָן, האט זיך אָבגעווישט מיט זיין שמאַטקעלע און געזאָגט:

— איך האב זי ליעב, באַריענקאַ! איין איינציגע טעכטערל איז זי דאָך, און אויף דער עלטער איז קיין גרעסערע טרייסט ווי אַ טאָכטער נישטאָ... איך וואָלט זיך וועלען זעהן מיט איהר. וואס זאָגסטו, באַריענקאַ, קען מען?

— געוויס, אויב דו ווילסט.

— אויף דיין וואָרט? און זי? זי וועט...

— וואס פאַלט דיר איין, זי האט דיך אַליין געזוכט, געוואָלט זעהן זיך.

— אויף דיין וואָרט? אָט דאס זיינען קינדער! איזוואָזשציק, הערסט? ברייננ אונז צוזאַמען, באַריענקאַ, פייגעלע מיינס! זי איז דאָך אַצינד אַ פריילען, אַן עדעלע, אַ... אַ... איך מיין אַ אַנשטענ־דיגע מיט אַלע מעלות און איך וויל זיך פאַר איהר ניט ווייזען מיט אַזאַ לומפּיגען אויסזעהן. מיר, באַריענקאַ, וועלען דעם דאָזיגען עסק אזוי מאַכען: אַ טעג דריי וועל איך זיך איינהאַלטען פון טרינקען, אום אז מיין פּאַסקודנע, שכור'ע פּרצוף, זאָל קריעגען אַ שטיקעל ליי־טישען פּנים, דערנאָך וועל איך קומען צו דיר, און וועסט מיר געבען אויף אַ ווייַלע אַ וועלכען ניט איז אנצוג; איך וועל זיך ארומגאָלען, אַרומשערען, דערנאָך וועסטו צופאָהרען און זי ברייננען צו זיך, גוט?

— גוט.

—איזוואָזשציק, שטעה!

דער אַלטער איז ווידער אַראָבגעשפּרונגען פון דראָזשקע און גע־לאָפען אין וויין־שענק. ביז באַרים איז צוגעפאָהרען מיט איהם צו זיין וואוינונג, איז ער נאָך אַמאָל צוויי אריינגעלאָפען אין די שענקען, און דער זוהן האט יעדעס מאָל שטיל און געדולדיג איהם אָבגעוואַרט. ווען זיי האָבען אוועקגעשיקט דעם איזוואָזשטשיק און גענומען

געהן איבער'ן לאַנגען, שמוציגען הויף צו דער קוואַרטיר, האָט דער פֿאָטער, אַ זעהר צומישטער מיט אַ שולדיגען אויסזעהן גענומען ניט גאָר דרייסט שטאַמלען און סמאַקטשען מיט די ליפּען.

— באַריענקאַ — האָט ער געזאָגט מיט אַ חניפה'דיגען טאָן — אויב מיין אַלטע וועט דיר אָנהויבען זאָגען עפּעס עס איז, הער זיך ניט צו צו איהר, מאַך זיך ניט הערענדיג און... און בעגעה זיך מיט איהר, וויסטו, אָט אַזוי.... וואָס פריינדליכער. זי איז ביי מיר אונוויסענד און פרעך, אָבער פון דעסטוועגען איז זי פּאָרט אַ גוטע אַלטע. אין איהר ברוסט קלאַפּט אַ גוטע, ווארעמע האַרץ!

דער לאַנגער הויף האָט זיך געענדיגט, און זיי זיינען אריין אין אַ פינסטערן פיהר־הויז. עס האָט אַ סקריפּע געטהאָן די טהיר, אין נאָז האָט אַ קלאַפּ געטהאָן אַ גערוך פון קיך און דער רויך פון אַ סאַמאָוואַר, עס האבען זיך דערהערט שאַרפע שטימען. דורכגעהענדיג פון פיר־הויז דורכ'ן קיך, האָט באָרים נור געזעהן דעם געדיכטען רויך, אַ שטריק מיט צוהאַנגענע וועש און אַ קוימען פון אַ סאַמאָוואַר, פון וועלכען עס האָבען זיך געשאָטען גאָלדענע פונקען.

— און אָט איז מיין גרוב! — האָט געזאָגט דער אַלטער, זיך איינבויגענדיג, און איז אריין אין אַ קליין צימער'ל מיט אַ נידעריגען סופיט און מיט אַ שרעקליך געשטיקטער לופט.

דאָרט ארום אַ טיש זיינען געזעסען עפּעס דריי ווייבער און האָבען טראַקטירט איינע די אַנדערע. דערזעהן דעם גאַסט, האָבען זיי זיך אָפּגערוקט צווישען זיך און אויפגעהערט צו עסען.

— נו, וואָס, האָסט געקראָגען? — האָט האַרט געפרעגט איינע פון זיי, הפנים די „אַלטע" אַליין.

— געקראָגען, געקראָגען — האָט גענומען בורטשען דער אַלטער — נו, באָרים, זעץ זיך צו! ביי אונז, ברודער, יונגער מאַן, איז אַלץ איינפאַך, פּראָסט... מיר לעבען זיך איינפאַך.

ער האָט זיך עפּעס אָהן טאַלק גענומען ארומדרעהען. ער האָט זיך געשעהמט פאַר'ן זוהן און אין דערזעלבער צייט האָט ער, קענטיג, געוואָלט שפּיעלען פאַר די ווייבער ווי אַלעמאָל די ראָלע פון אַ פאַרלאָזענעם פאָטער.

— יאָ, ברודער'ל מיינער, יונגער מאַן, מיר לעבען זיך איינפאַך, אָהן קונצען — האָט ער געשטאַמעלט — מיר זיינען פּראָסטע מענשען

יונגער מאַן... מיר זיינען ניט, ווי איהר, מיר האָבען פיינד צו מאַכען אַן אָנשטעל. יאָ, יאָ... טאָמער וואָלטען מיר גענומען אביסעל בראָנ־פען?

איינע פון די ווייבער (זי האָט זיך געשעהמט צו טרינקען אין דער געגענוואַרט פון אַ פרעמדען מענשען) האָט אַ זיפץ געטהאָן און געזאָגט:

— צוליעב די שוועמלאַך, וועל איך נאָך אַמאָל אויסטרינקען... דאָס זיינען אַזעלכע שוועמלאַך, אַז צו דו ווילסט, צו נישט, מוזטו טרינקען. איוואַן געראַסימיטש, לאַדעט זיי איין, פיליייכט וועלען זיי אויך אויסטרינקען!

— טרינק אויס, יונגער מאַן! — האָט געזאָגט דער אַלטער, ניט קוקענדיג אויף דעם זוהן: — ביי אונז, ברודער, זיינען קיין וויינען און ליקער'ן נישטאָ, מיר מאַכען עס פּראָסט.

— זיי איז ביי אונז נישט „געפעליג!" — האָט אַ זיפץ געטהאָן די אַלטע.

— עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט, ער וועט אויסטרינקען!

אום ניט צו בעליידיגען דעם פּאָטער מיט אַן אָבזאָג, האָט באָרים גענומען דאָס גלעזעל און שווייגענדיג אויסגעטרונקען.

ווען מען האָט געבראַכט דעם סאַמאָוואַר, האָט ער שווייגענדיג מיט אַ פערטראַכטען פּנים דעם פאָטער צוליעב, אויסגעטרונקען צוויי טאַשען פון דעם ערגסטען טהעע. שווייגענדיג האָט ער אויך אויסגע־הערט, ווי די אַלטע, האָט מיט אָנצוהערענישען גערעדט וועגען דעם, אַז אויף דער וועלט זיינען דאָ אַ סך שלעכטע און פערדאָרבענע קינ־דער, וועלכע וואַרפען זייערע עלטערן אויף הפקר.

— איך ווייס, וואָס דו טראַכסט אַצינד! — האָט גערעדט דער אַלטער, וועלכער איז געווען אביסעל אָנגעסנאַסקעט, און איז ווידער אריין אין זיין געוועהנליכען, שיכורען אויפגערעגטען צושטאַנד: — דו טראַכסט: איך האָב זיך אָבגעלאָזען, שטעק אין בלאָטע און מיט מיר איז קלאָגעדיג... און איך מיין, אַז אָט־אָ דאָס פּראָסט לעבען מיינס איז אַ סך נאָרמאַלער פון דיינעם, יונגער מאַן. אין קיינעם נויטיג איז זיך ניט און... עס פעלט מיר גאָר נישט איין זיך צו ערני־דערינגען. איך קען בשום אופן נישט פערטראָגען, ווען עפּעס אַ אינגעל קוקט אויף מיר מיט בעדויערען.

נאָכ'ן טהעע האָט ער געשפּיילט אַ הערינג און עס בעשאָטען מיט קנאָבעל, און געטהאָן האָט ער עס מיט אַזאַ געפּיהל, אַזוי געריהרט, אַז טרעהרען זיינען ביי איהם אַזש אויף די אויגען ארויסגעטראָטען.

ער האָט ווידער גענומען ריידען וועגען די רייסעס, די געווינסטען, וועגען עפּעס אַ פּאַנאַמאַ־הוט, פאַר וועלכער ער האָט גערעכנט בעצאָהלט זעכצען רובעל. ליגענס האָט ער געזאָגט מיט דעם זעלבען אַפּעטיט, מיט וועלכען ער האָט געגעסען דעם הערינג און געטרונקען.

דער זוהן איז שווייגענדיג אויסגעזעסען אַ שעה און האָט זיך גענומען זעגענען.

— איך וואַג נישט דיך איינצוהאַלטען! — האָט געזאָגט דער אַלטער פּאַריסען — ענטשולדיגט, יונגער מאַן, וואָס איך לעב נישט אַזוי, ווי אייך ווילט זיך!

ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, האָט זיך געהאַלטען שטאָלץ, מיט ווירדע און האָט צוגעוואונקען צו די ווייבער.

— לעבע וואָהל, יונגער מאַן! — האָט ער גערעדט, בעגלייטענדיג דעם זוהן ביז'ן פיהר־הויז — אַטאַנדע!

אָבער אין פיהר־הויז, וואו עס איז געווען פינסטער, איז ער פּלוצים צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צום זוהנ'ס אָרבעל און האָט זיך צובליפּעט.

סאַניושקאַ'ן וואָלט זיך וועלען זעהן! — האָט ער גענומען שעפּצען — זעה, באַריענקאַ, מלאך מיינער, ברענג אונז צוזאַמען! איך וועל זיך אָבגאָלען, וועל אָנטהאָן דיינעם אַ אנצוג'ל... וועל מאַכען אַ שטרענגען פּנים... אין איהר געגענוואַרט וועל איך שווייגען... ביי גאָט, איכ'ל שווייגען!

ער האָט זיך צושראָקען ארומגעקוקט אויף דער טהיר, הינטער וועלכער עס האָבען זיך געהערט שטימען פון די ווייבער, האָט זיך איינגעהאַלטען פון שלוכצען און געזאָגט אויפ'ן קול:

— לעבט וואָהל, יונגער מאַן! אַטאַנדע!

קעסטניקעס

(באָרדערס.)

דער שטאָדט־מענש מיכאאיל פעטראָוו זאטאָוו, א זיעבציג יאָה־ריגער אלטינקער, א שוואכער און אן עלענדער, האָט זיך פון קעלט און ברעכעניש אינ'ם גאנצען קערפער אויפגעכאפט פונ'ם שלאָף.

אינ'ם צימער איז געווען פינסטער, נור דאָס פייערל פון דעם לעמפעלע פאר'ן הייליגען בילד איז שוין געווען אויסגעגאנגען. זאטאָוו האָט אונטערגעהויבען דעם פאָרהאנגענדעל און א קוק געטהאָן אין פענסטער, איבער די וואָלקענס, וואָס האָבען בעלאגערט דעם הימעל, האָבען זיך שוין גענומען ציהען ווייסע פאסען און די לופט איז געוואָ־רען דורכזיכטיגער, — פון דעם איז געדרונגען געווען, אז עס איז נאָך גאנץ פריה, אזייגער פינף נישט מעהר.

זאטאָוו האָט א הוסט געטהאָן און, קאָרטשענדיג זיך פאר קעלט, איז ער אָרונטערגעקראָכען פון דער בעט.

אויס אלטע געוועהנהייט, איז ער א לאנגע צייט געשטאנען פאר'ן הייליגען בילד און תפלות געזאָגט. אין די דאָזיגע תפלות האָט ער א סך דערמאָנט, וועמענס נאָמען, צו וועמען זיי האָבען געהערט, האָט ער שוין לאנג געהאט פערגעסען, האָט זיי נור דערמאָנט אויס אלטער געוועהנהייט.

אויס דער זעלבער געוועהנהייט האט ער פערקעהרט אין'ם צי־מער און פיהרהויז און אָנגעשטעלט זיין פוזאטען פיער־פיסיגען סאַ־מאָוואר פון רויטען קופער.

ווען זאטאָוו זאָל נישט האבען די דאָזיגע געוועהנהייטען, וואָלט ער נישט געוואוסט, מיט וואָס אויסצופילען זיין עלטער.

דער אָנגעשטעלטער סאמאָוואר האָט זיך פאמעליכעל צוברענט

און פּלוצים אונערוואַרטעט גענומען הודיען מיט אַ ציטערענדיגען באַס.

— ער האָט שוין גענומען הודיען! — האָט זאַטאָוו אַ בורטשע געטהאָן — פערהודיע זיך אליין דעם קאָפּ!

דאָ אגב האָט דער אַלטער זיך דערמאָנט, אַז נעכטען ביינאַכט האָט ער געזעהן די אויוועז אין חלום און זעהן אַן אויוועז אין חלום — איז אַ סימן אויף טרויער.

חלומות און סימנים זיינען געווען דאָס איינציגע, וואָס האָט אין איהם נאָך אַמאָל געוועקט די געדאַנקען, וואָס האָט איהם אַמאָל גע־נויט צו פערטראַכטען זיך. און דאָס מאָל האָט ער מיט אַ בעזונדערער ליעבע זיך פערטיעפט אין די דאָזיגע פראַגען: וואָס בעדייטעט דאָס הודיען פונ'ם סאַמאָוואַר, וואָס פאַר אַ טרויער זאָגט אָן די אויוועז?

און באַלד טאַקי האָט ער געפונען אַן ענטפער אויף זיין חלום: בעת ער האָט אויסגעשווענקט דעם טהעע־קאַן און געוואָלט פערקאָכען טהעע, האָט ער זיך געכאַפּט אַז אינ'ם קעסטעלע איז אפילו קיין סימן פון טהעע ניטאָ...

— אַ חושך'דיג לעבען! — האָט ער אַ בורטשע געטהאָן, קייק־לענדיג מיט דער צונג שטיקלאַך שוואַרצען ברויט אינ'ם מויל: — אַזאַ הינטיש לעבען! נישטאָ קיין טהעע! וואָלט עס כאָטש געטראָ־פען ביי אַ פּראָסטען פויער, איך בין דאָך אָבער עפּעס אַ שטאָדט־מענש, אַ בעל הבית פון אַ הויז. אַזאַ חרפּה!

בורטשענדיג און ריידענדיג מיט זיך אליין, האָט זאַטאָוו אָנגע־טאָן אויף זיך אַזאַ מין ראָק, וואָס איז עהנליך געווען צו אַ קרינאָלינע, אריינגעשטופּט זיינע פיס אין גרויסע, אַלטע אומגעלומפּערטע קאַלאָ־שען און איז ארויס אויפ'ן הויף.

דער גרויסער הויף, מיט געלע בלעטער פערשאָטען, האָט גע־בלישצעט פון דעם יעסינדיגען פראָסטעל. די לופט איז געווען גרוי, קאַלט און בייז־רוהיג. קיין ווינטעלע, קיינע קלאַנגען.

דער אַלטער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די טרעפּלאַך פון דעם האַלב־איינגעפאַלענעם גאַניק און באַלד איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס פונקט דאָס זעלבע קומט פאָר יעדען אין דער־פריה: צו איהם איז צוגעגאַנגען זיין הונד ליסקאַ, אַ גרויסער הויז־הונד, אַ ווייסער מיט

שווארצע פלעקען, אן אויסגעקראכענער, כמעט א פגר, און א בלינ־דער אויף דער רעכטער אויג.

ליסקא איז צוגעגאנגען נישט־דרייסט, אויסבויגענדיג זיך פאר מורא, אזוי ווי זיינע לאפקעס וואלטען ניט איבער דער ערד געטראָ־טען, נור איבער אָנגעברענטע שטיינער, און זיין גאנצער אויסגעדאר־טער קערפער האָט אויסגעדריקט א מורא'דיגע דערשלאָגענקייט.

זאטאָוו האָט געמאכט א מינע, אזוי ווי ער וואָלט איהם גאָר נישט בעמערקט, אָבער ווען דער הונד, דרעהענדיג שוואך מיט'ן וויי־דעל, האָט איהם א לעק געטהאָן א קאלאש, דעמאָלט האָט זאטאָוו מיט כעס א טופע געטהאָן מיט'ן פוס:

— אוועק פגר! — האָט ער אויסגעשריען — אנשיקעניש דו!

ליסקא האָט אָפגעטראָטען אָן א זייט, אוועקגעזעצט זיך און אָנגעשטעלט זיין איינציגע אויג אויפ'ן בעל הבית.

— שדים! — האָט זאטאָוו זיך געבייזערט ווייטער — איך נאָך האָבען אויף מיין קאָפּ!

און ער האָט מיט האס א קוק געטהאָן אויף זיין שטאהל מיט'ן קרומען מאָכיגען דאך; פון דארט, פון דער שטאהל־טיר, האָט אויף איהם ארויסגעקוקט א גרויסער קאָפּ פון א פערד:

ערמונטערט מסתמא פון דעם, וואָס דער בעל הבית האָט אויף איהם א קוק געטהאָן, האָט דער פערדישער קאָפּ זיך א ציה געטהאָן אהער און אהין און אין פאָראויס, און פון דער שטאהל האָט זיך באלד בעוויזען דער גאנצער פערד, אזא מאָגערער, ווי ליסקא, אזא צושראָ־קענע און דערשלאָגענע בריאה, מיט דינע פיס. א גרייז־גרויער, מיט אָן איינגעשרומפּפּטען בויך און א שפּיציגען, ביינערדיגען רוקען.

ער איז ארוים פון דער שטאהל און האָט זיך אונענטשלאָסען אָפּ־געשטעלט אזוי ווי ער וואָלט זיך געשעהמט.

— עס נעהמט אייך גאָר ניט דער שווארץ יאָהר — האָט זאטאָוו ווידער אָנגעהויבען — די פגירה וויל אייך גאָר ניט נעהמען, איהר פראים וואס איהר זייט, איהר קאטאָרזשניקעס מיינע!... וואס איז? איהר ווילט דאך פרעסען מסתמא, הא? — האָט ער פערקרימט זיין בייזען פנים מיט א פערעכטליכען שמייכעל — אָט באלד קריגט איהר טאקי ביי מיר. אָט באלד! אזא טהייערען פערד, ווי איהר, אזא ברען א לויפער, דארף מען געבען דעם בעסטען האָבער. ווי דען? נאָט,

עסט, וויפיעל איהר ווילט אליין! עסט, ברודער פערדעלע, עסט! און אזא טהייערען הונד דאַרף מען אויך געבען עסען פון דאָס בעסטע. איך האָב אייך וואָס צו געבען עסען, ברודער־הונד איך האָב! אויב אזא טהייערער הונד, ווי איהר, ווילט נישט קיין ברויט, קענט איהר ביי מיר קריגען פלייש!

זאטאוו האָט געבורטשעט ביי א האלבער שעה, אויפרעגענדיג זיך אלץ מעהר און מעהר; צום סוף, האָט ער זיך אזוי אויפגערעגט, אז ער איז אויפגעשפרונגען, האָט גענומען טופּען מיט די פיס און שרייען אויפ'ן גאַנצען קול:

— איך בין ניט מחויב צו געבען פרעסען, אומזיסטע פרע־סער וואָס איהר זייט! איך בין ניט קיין מיליאָנער, וואָס איך זאָל אייך געבען פרעסען און זויפען אומזיסט! איך אליין האָב נישט וואָס צו עסען, היישעריקען מיינע, אז די כאָליערע זאָל אייך פערכאַפּען! נישט קיין נחת האָב איך פון אייך, נישט קיין נוצען, איהר שטעלט מיך נור בדלות! פארוואס פגר'ט איהר נישט אוועק? וואס פאר א ברואים זייט איהר, וואָס אפילו דער טויט נעהמט אייך ניט? לעבט, כאַפּט אייך דער רוח, אָבער פרעסען וועט איהר ביי מיר נישט קריגען! גענוג אייך געגעבען פרעסען! איך וויל ניט מעהר!

זאטאוו האָט זיך געקאָכט, געבייזערט, און דער פערד און דער הונד האָבען זיך צוגעהערט.

אויב זיי האָבען פערשטאַנען, די צוויי קעסטניקעס, אז מען ווארפט זיי אויף פאַר דאָס שטיקעלע ברויט, — ווייס איך ניט אויף געוויס, אָבער די בייכער זייערע זיינען נאָך מעהר איינגעפאלען און אין גאַנצען האָבען זיי זיך צונויפגעקאַרטשעט און אויסגעקוקט נאָך חושכ'דיגער און צרה'דיגער...

זייער רחמנות'דיגער אויסזעהן האָט נאָך מעהר צורייצט זא־טאוו'ן.

— ארויס! — האָט ער זיך פלוצים א כאַפּ געטהאָן — ארויס פון מיין הויז! אוועק פון מיין הויף! ווייזט זיך מיר ניט אויף די אויגען! איך בין ניט מחויב צו האלטען אויף מיין הויף יעדען שלאַק! געהט!

דער־אַלטער האָט מיט דראָבנע טריט זיך א לאָז געטהאָן לויפען

צום טויער, איהם געעפענט, א כאַפּ געטהאָן א פלאָקען פון דער ערד און גענומען יאָגען זיינע קעסטניקעס פון׳ם הויף.

דער פערד האָט א דרעה געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, גענומען בעווע־גען מיט די איינגעפאלענע זייטען און אוועקגעהונקען צום טויער, דער הונד נאָך איהם.

ביידע זיינען ארויס אויף דער גאַס, און אַפּגעגאַנגען א טריט צוואַנציג, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט נעבען פּארקאַן.

— איך וועל אייך שוין! — האָט א סטראַשע געטהאָן זא־טאוו.

ארויסגעטריבען די קעסטניקעס, האָט ער זיך בערוהיגט און גע־נומען קעהרען דעם הויף. פון צייט צו צייט האָט ער ארויסגעקוקט אויף דער גאַס: דער פערד און דער הונד זיינען, ווי איינגעגראָבענע, געשטאַנען נעבען פּארקאַן און האָבען אומעטיג געקוקט אויפ׳ן טויער.

— אָט, פּרובירט אויסקומען אָהן מיר! — האָט דער אַלטער געבורטשעט, פּיהלענדיג, ווי פון זיין הארצען געהט אָפּ דער כעס: — זאָל איצט עמיצער אַנאַנדערער אייך צוזעהן! איך בין אי קארג, אי שלעכט... מיט מיר איז שווער אויסצוקומען, טאָ קומט אוים מיט אַנאַנדערען... יאָ...

אַנגעקוקט זיך זאט מיט׳ן רחמנות׳דיגען אויסזעהן פון זיינע קעסט־ניקעס און אָנגעזעטיגט זיך געגנוג מיט׳ן בורטשען, איז זאטאָוו ארויס געגאַנגען פונ׳ם טויער און, געמאַכט כלומרשט א גזלנ׳שע מינע, האָט ער א געשריי געטהאָן:

— נו, וואָס שטעהט איהר? אויף וועמען וואַרט איהר? האָבען זיך אוועקגעשטעלט אויפ׳ן מיטען וועג און שטערען די מענשען צו געהן! אויפ׳ן הויף ארויף!

דער פערד און דער הונד האָבען ארונטערגעלאָזט די קעפּ און מיט א מינע פון שולדיגע האָבען זיי גענומען געהן צום טויער. ליסקא, מסתמא פּיהלענדיג, אז ער פערדיענט ניט, מען זאָל איהם מוחל זיין, האָט זיך רחמנות׳דיג צוקוויטשעט.

— וואוינען קענט איהר דאָ, אָבער עסען — א מכה — האָט זאטאוו געזאָגט, ארויפלאָזענדיג זיי אויפ׳ן הויף: — פּגר׳ט פונ־מיינטוועגען.

דערווייל׳ע האָט דורך דער אין דער־פריהערדיגער דונקעלהייט

זיך דורכגעבראָכען די זונן; איהרע קרומע שטראַהלען האָבען זיך גע־נומען גליטשען איבער דער יעסינדיגער פערפראָרענער ערד, עס האָ־בען זיך דערהערט שטימען און טריט.

זאַטאַוו האָט אוועקגעשטעלט דעם בעזים אויף אַ פּלאַץ און איז אוועק צו זיין שכן מארק איוואַניטש'ן וואָס האָט געהאַלטען אַ שפּייז־קרעמעל.

קומענדיג צו יענעם, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַן אויפגע־לייגטען שטוהל, בכבודיג אָפּגעזיפצט זיך, אַ גלעט געטהאָן די באָרד און פערפיהרט אַ שמועס וועגען וועטער. פון דעם וועטער איז מען אריבער אויף דעם נייעם דיאַקאָן, פון דעם נייעם דיאַקאָן אויף די זינגער — און דער שמועס האָט זיך פערצויגען.

זיי האָבען גאָר ניט בעמערקט, אַזוי ריידענדיג, ווי די צייט לויפט. און שפּעטער, אַז דעם קרעמער'ס אינגעל האָט געבראַכט צו שלעפּען אַ גרויסען טהעע־קאַן מיט קאָכעדיגען וואסער און זיי האָבען גענומען טרינקען טהעע, איז די צייט געפלויגען גאָר שנעל, ווי אַ פויגעל.

זאַטאַוו האָט זיך דערוואָרעמט און איז פרעהליכער געוואָרען.

— און איך האָב צו דיר אַ בקשה, מאַרק איוואַניטש — האָט ער אָנגעהויבען נאָך דעם זעקסטען גלאָז טהעע, קלאַפּענדיג מיט די פינגער איבער'ן טיש: — זיי שוין גוטהערציג ווייטער און גיעב מיר היינט אויך אַ מעסטעלע האָבער.

פון הינטער דעם גרויסען טהעע־קאַן, וואו עס איז געזעסען מאַרק איוואַניטש, האָט זיך דערהערט אַ טיעפער זיפץ.

— גיעב, האָב רחמנות — האָט זאַטאַוו געבעטען ווייטער — מילא, קיין טהע גיעב מיר ניט, איך וועל שוין ווי עס איז מוזען אויס־קומען אָהן טהעע, אָבער האָבער אַ מעסטעלע גיעב.... איך שעהם זיך אפילו, צו בעטען... איך האָב דיר שוין גענוג דערעסען מיט מיין אָרימ־קייט, אָבער... דער פערד שטעהט אַ הונגעריגער.

— איך קען דיר נישט געבען — אָבער איך בעט דיך, זאָג מיר: וואס האלסטו די דאָזיגע פגירות? וואָלט כאָטש דער פערד געווען ביים זועג, אַזוי אָבער — פוי! — עס איז דאָך אַ חרפה צו קוקען... און דער הונד איז אויך אַן אמת'ער פגר! צו־וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר גיסטו זיי פרעסען?

— וואָס זאָל איך מיט זיי טהאָן?

— וואָס דו זאָלסט מיט זיי טהאָן? פיהר זיי אוועק צו אינגאַ־מען אין די שינדערייו און ווער פטור פון זיי. איגנאַט וועט זיי אָפּ־שפּיעלען אַ קורצע חתונה'קע. זיי האָבען שוין דאָרט לאַנג געדאַרפט זיין. זייער ריכטיגער פּלאַץ.

— דו ביזט גערעכט, עס איז אַזוי...

— דו אַליין שטאַרבסט פאַר הונגער און האָלסט נאָך זיי אויף דיין קאָפּ — האָט דער קרעמער גערעדט ווייטער — איך זאָלעווע נישט דאָס ביסעל האָבער, אָבער געבען אָהן אַ סוף און אָהן אַ רעכענונג קען איך נישט. עס נעהמט גאָר נישט קיין ענד צו דיין אָרימקייט!

דער קרעמער האָט אַ זיפץ געטהאָן און אָפּגעווישט זיין רויטען פּנים.

— און דו האָסט אויך געדאַרפט שטאַרבען — האָט ער געזאָגט — לעבסט און ווייסט אַליין נישט צו־וואָס... יאָ, איך רייד מיט דיר אָפענהערציג! און אַז גאָט שיקט אויף דיר ניט דעם טויט, האָסטו געדאַרפט ערגעץ אַריינטרעטען אין אַן אַנשטאַלט.

— צו־וואָס? איך האָב קרובים... איך האָב אַן אייניקעל...

און זאַטאָוו האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַ לאַנגע געשיכטע וועגען דעם, אַז ערגעץ אין אַ דאָרף וואוינט זיין אייניקעל גלאַשאַ, די טאָכטער פון זיין פּלימעניצע יעקאַטערינע'ן.

— זי איז מחויב מיך אויפצוהאַלטען! — האָט ער געזאָגט — איהר בלייבט איבער מיין הויז, דאַרף זי מיך אויפהאַלטען! היינט געה איך צו איהר. דו פערשטעהסט? גלאַשאַ... איז יעקאַטערינע'ס טאָכ־טער, און יעקאַטערינע, פערשטעהסט, איז מיין ברודער פאַנטאַלעיס שטיעף־טאָכטער... פערשטעהסט? איהר בלייבט איבער מיין הויז... איז זי מחויב מיר צו געבען עסען!

— איידער צו בעטלען, האָסטו שוין לאַנג געדאַרפט געהן צו איהר.

— איך וועל געהן! זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב איך געה ניט צו איהר! זי איז מחויב!

שפּעטער, אַז זאַטאָוו מיט'ן קרעמער האָבען אויסגעטרונקען צו גלעזעלאַך, איז זאַטאָוו געשטאַנען אין מיטען קראָם און גערעדט שוין מיט התפעלות:

— איך קלייב זיך שוין לאַנג צו איהר! היינט געה איך!

— אודאי. איידער ארומצוגעהן שלינג־שלאַנג און פּגרן פאר הונ־גער, וואָלסטו שוין לאַנג געדארפט אוועקגעהן צו איהר אין דאָרף.

— איך געה טאַקי גלייך. איך וועל קומען צו איהר און זאָגען: נעהם זיך מיין הויז, און דערפאר האַלט מיך אין כבוד. גיעב מיר עסען און האָב דרך ארץ פאר מיר. דו ביזט מחויב! ווערסטו ניט וועלען, ווערסטו ניט קריגען נישט מיין הויז און נישט מיין ברכה! פערבלייב געזונד, איוואַניטש!

זאטאָוו האָט אויסגעטרונקען נאָך א גלעזעלע און בעגייסטערט פון דעם נייעם געדאַנק, איז ער אוועק צו זיך אהיים...

דאָס בראַנפען האָט איהם צושרויפט, אינ'ם קאָפּ האָט איהם געדרעהט, ער האָט זיך אָבער ניט אוועקגעלייגט, פערפּאַקט זיינע קליידער אין א פּעקעל, האָט זיך איבערגע'צלם'ט, גענומען זיין שטאָק און איז אוועק.

ניט אומקוקענדיג זיך, בורטשענדיג און קלאַפּענדיג מיט זיין שטאָק איבער די שטיינער, איז ער דורכגעגאַנגען די גאַנצע גאַס און איז אויפ'ן פעלד ארויס. ביז דער דאָרף האָט ער געדארפט געהן א וויאָרסט צעהן־צוועלף.

ער איז געגאַנגען איבער'ן טרוקענעם וועג, האט געקוקט אויף דער טשערעד פון די שטאָדטישע קיה, וואָס האָט פויל געשציפּעט די געלע גראָז, און געטראַכט וועגען דער גרויסער איבערקעהרעניש אין זיין לעבען, וואָס ער האָט ערשט געמאַכט. ער האָט אויך געטראַכט וועגען זיינע קעסטניקעס. ווען ער איז אוועק, האָט ער דעם טויער אָפען גע־לאָזט, אזוי, אז איצט וועלען זיי קענען געהן, וואָהין זיי וועלען אליין וועלען.

קיין גאַנצען וויאָרסט איז נאָך ניט אָפּגעגאַנגען, ווי ער האָט פון הינטען דערהערט טריט. ער האָט זיך אומגעקוקט און מיט כעס א פּאַטש געטהאָן מיט די הענד: נאָך איהם זיינען שטיל געגאַנגען מיט ארונטערגעלאָזטע קעפּ און ווידלען דער פערד און ליסקאַ.

— צוריק! — האָט ער אויסגעשריען און א מאַך געטהאָן צו זיי מיט דער האַנד.

יענע זיינען שטעהן געבליבען, האָבען זיך איבערגעקוקט און א קוק געטהאָן אויף איהם.

ער איז אוועק ווייטער, זיי נאָך איהם. דאַן האָט ער זיך אָפּגע־

שטעלט און גענומען קלעהרען. שלעפּען אַזוינע פגירות צו דער האַלב בעקאַנטער גלאַשאַ'ן קען מען ניט, צוריקקעהרען זיך און פערשפּאַרען זיי האָט זיך ניט געוואָלט און מען האָט ניט געקענט פערשפּאַרען אויף, וואָרום דער טויער איז אַ חורבה.

— אינ'ם שטאַהל וועלען זיי פּגרען — האָט זאַטאַוו געטראַכט — אפשר זאָל איך טאַקי פיהרען צו איגנאַטען אין די שינדעריי?

איגנאַט'ס שטיבעל איז געשטאַנען איופ'ן וועג, אַ טריט הונדערט פונ'ם שלאַגבוים. זאַטאַוו, וועלכער האָט זיך נאָך אַלץ מיישב געווען, ניט וויסענדיג, וואָס פאַר אַן עצה מען גיעט זיך, האָט גענומען געהן צו יענעם שטיבעל. דער קאָפּ האָט ביי איהם געדרעהט און אין די אויגען איז געווען פינסטער...

ניט אַלץ געדענקט ער, וואָס איז פאָרגעקומען ביי דעם פעלד־שינדער איגנאַט'ן אויף הויף. ער געדענקט אַ שווערען מיאוס'ן גערוך פון פעל, אַ געשמאַקען גערוך פון באָרשט, וואָס איגנאַט האָט געכליאָ־בעט, בעת ער איז צו איהם אין שטיבעל אריין. אַזוי ווי דורך אַ חלום האָט ער געזעהן, ווי אַזוי איגנאַט, נאָכדעם ווי ער האָט איהם געלאָזט וואַרטען אַ שעה צוויי, האָט זיך צו עפּעס אַ לאַנגע צייט צוגעגרייט, איבערגעטאָן זיך, גערעדט מיט אַ פרוי וועגען עפּעס; דערנאָך, גע־דענקט ער, האָט ער דערזעהן זיין פערד אויף עפּעס אַזאַ מין געטשעל און דערנאָך האָבען זיך דערהערט צוויי דומפּפּע קלעפּ: איינער אי־בער'ן קאָפּ, דער צווייטער פון דעם פאַלען פון אַ שווערען, גרויסען קער־פּער.

אַז ליסקאַ האָט דערזעהן, ווי מען האָט ערמאָרדעט זיין פּויינד, האָט ער זיך מיט אַ קוויטש אַ וואָרף געטהאָן אויף איגנאַט'ן. דאַן האָט זיך דערהערט אַ דריטער קלאַפּ, וואָס האָט איבערגעהאַקט ליסקאַ'ס קוויטש.

ווייטער געדענקט זאַטאַוו, אַז פאַר צוטומעלטקייט, בעת ער האָט דערזעהן די צוויי לייכעס, איז ער צוגעגאַנגען צום געשטעל און אונטערגעשטעלט זיין אייגענעם שטערן...

דערנאָך ביז'ן סאַמע פאַרנאַכט זיינען די אויגען ביי איהם געווען פערצויגען מיט אַ דונקעלען שלייער, און ער האָט אפילו זייבע אייגענע פינגער ניט געקענט זעהן.

די אַפּטהעקערשע

דאָס שטעדטעל ב., וואָס באַשטעהט אין גאַנצען פון צוויי־דריי קרומע גאַסען, שלאָפט מיט אַ גע'הרג'עטען שלאָף. אין דער פאַרגליווערטער לופט הערשט אַ שטילקייט. עס הערט זיך נור, וואו ערגעץ ווייט, הינטער'ן שטאָדט הפּנים, ביללט אַ הינטעל מיט אַ הייזעריגען, דינעם קול'כעל. עס איז פאַרטאָג.

אַלע אין שטעדטעל שלאָפען שוין לאַנג. עס שלאָפט נור ניט די יונגע פרוי פון דעם פּראָוויזאָר טשאָרנאָמאָרדיק, דעם אייגענטהימער פון דער דאָרטיגער אַפּטהעק.

זי האָט זיך שוין דריי מאָל געלייגט שלאָפען, אָבער עס נעהמט איהר ניט קיין שלאָף — פאַרוואָס? דאָס ווייס זי אַליין נישט. זי זיצט ביים אָפענעם פענסטער, אין איין העמד און קוקט אין גאַס אַרויס. איהר איז הייס, לאַנגווייליג און איבערדריסיג... אַזוי איבערדריסיג, אַז עס ווילט זיך אַזש וויינען, און פאַרוואָס — ווייס זי ווידער נישט. עטוואָס שווערעס ליעגט איהר אויף דער ברוסט און אַלע ווײַלע קייקעלט זיך עס צו צום האַלז... פון הינטען, עטליכע טריט פון דער אַפּטהעקערשע, איינגעדריקט אין וואַנט, שלאָפט געשמאַק און כראָפּעט זיך אונטער טשאָרנאָמאָרדיג אַליין.

אַ הונגעריגער וואַנץ האָט זיך איהם איינגעגעסען אין קרייץ, ער אָבער פיהלט עס נישט און שמייכעלט צופריעדען, ווייל איהם חלום'ט זיך, אַז אַלע אין שטאָדט הוסטען און האַלטען אין איין קויפען ביי איהם דעם דענישען קייזער'ס טראָפּען... איהם קען מען איצט ניט אויפוועקען ניט מיט שטעקענס, ניט מיט האַרמאַטען און ניט מיט לאַסקעס...

דער אַפּטהעק געפינט זיך כמעט ביים סאַמע ברעג פון שטעדטעל, אַזוי, אַז די אַפּטהעקערשע קען זעהן פון ווייטען דאָס פעלד... זי

זעהט, ווי ביסלאַכווייז ווערט ווייסער און ליכטיגער דער ברעג הימעל אויף מזרח־זייט, און ווי ער צינדט זיך דערנאָך אָן, ווי פון אַ גרויסען פייער. אונערוואַרטעט קריכט ארויס פון צווישען די בושעס אַ גרויסע, אַ קיילעכדיגע לבנה. זי איז רויט און עפּעס אזוי ווי פארשעהמט.

פּלוצים הילכען אָפּ אין דער ביינאַכטיגער שטילקייט אימיצענס טריט און דאָס קלינגען פון שפּאָרען. עס דערהערען זיך שטימען.

— דאס געהען די אָפיציערען פון איספּראַווניק אין לאַגער אריין — טראַכט די אפּטהעקערשע.

אַביסעל שפּעטער בעווייזען זיך צוויי פיגורען אין ווייסע אָפּי־ציערסקע רעקלאָך: איינע אַ גרויסע און אַ דיקע, די צווייטע עטוואָס קלענער און דינער... זיי שלעפּען זיך פּויל טריט ביי טריט נעבען פּאַרקען און רעדען וועגען עפּעס אין דער הויך. צוגעקומען צום אפּטהעק, הויבעןביידע פיגורען אָן צו געהן נאָך לאַנגזאַמער און קוקען אויף די פענסטער.

—עס שמעקט מיט אפּטהעק... —זאָגט דער דינער — זעה נור, דאָס איז דאָך טאַקע אַן אפּטהעק! אָך, ערשט איצט דערמאָהן איך זיך... לעצטע וואָך בין איך דאָ געווען, ריצענ־אויל געקויפט. דאָ איז דאָ אַן אפּטהעקער מיט אַ זויערען פּנים און אַ מאָרדע פון אַן עזעל. נו, טאַטעלע, אַ מאָרדע אַביסעל! מיט אזא מין מאָרדע האָט מסתמא שמשון הגבור צו'הרג'עט די פּלישתים.

— נ־נו יאָ — מאַכט דער גראָבער מיט אַ באַס־שטימע — אצינד שלאָפט ער, דער פארשוין! און די אפּטהעקערשע שלאָפט אודאי אויך. די אפּטהעקערשע, דארפט איהר וויסען, אָבעטסאָוו, איז דאָ זעהר אַ שעהנינקע...

— איך האָב זי געזעהן. מיר איז זי אויך זעהר געפעלען גע־וואָרען... זאָגט מיר, דאָקטאָר, שוין־זשע קען זי ליעב האָבען אזא עזעלשע מאָרדע? ווי איז דאָס מעגליך?

— ניין, וואהרשיינליך ליעבט זי איהם ניט — טהוט אַ זיפץ דער דאָקטאָר מיט אזא מינע, אזוי ווי ער וואָלט שטארק רחמנות געהאַט אויף דעם אפּטהעקער — זי שלאָפט אצינד, די מאַמעלע, הינטערן פענסטער'ל! ניט אזוי, אָבעטסאָוו, הא?... האָט זיך אודאי צו לייגט פון היטץ... דאָס מיילכעלע האלב־אָפען... און ס'פיסעלע הייגגט פון בעט אראָפּ... דער גולם, דער אפּטהעקער,

פארשטעהט זיך מסתמא גאָרנישט אויף אזעלכע גוטע זאַכען...
ביי איהם האָבען, וואהרשיינליך, א פרוי און א פלעשעל קארבאָל —
איין פנים!

— ווייסט איהר וואָס, דאָקטאָר? — מאַכט דער אָפיציער, זיך
אָבשטעלענדיג: — לאָמיר גאָר אריינגעהן אין אפטהעק עפּעס קוי־
פען! אמאָל, קען זיין, זאָלען מיר טרעפען די אפטהעקערשע...

— גאָר גו, אין מיטען נאַכט!

— טאָ וואָס איז? זיי זיינען מחויב צו פערקויפען ביי דער נאַכט
אויך. קומט אריין, טהייערינקער, איך בעט אייך!

— פון מיינטוועגען...

די אפטהעקערשע, זיך בעהאַלטענדיג הינטער'ן פאָרהאַנג, הערט
א הייזעריגען קלונג. זיך אַרומקוקענדיג אויף דעם מאַן, וועלכער כראָ־
פעט נאָך געשמאַק, אזוי ווי פריהער און שמייכעלט צופריעדען, ווארפט
זי אויף גיך ארויף אויף זיך א קליידעל, טהוט אָן טופליעס אויף די
באָרוועסע פיס און לויפט אין אפטהעק.

הינטער דער גלעזערנער טהיר זעהען זיך צוויי שאָטענס... די
אפטהעקערשע דרעהט ארויס דעם פייער אין לאָמפּ, לויפט צו דער
טהיר עפענען און איהר איז שוין מעהר ניט לאַנגווייליג, ניט אי־
בערדריסיג און עס ווילט זיך איהר מעהר נישט וויינען, נור דאָס
הארץ קלאַפּט שטאַרק.

עס קומען אריין דער דיקער דאָקטאָר און דער דינער אבטע־
סאָוו.

איצט קען מען זיי שוין גוט אונטערשיידען. דער דיק־בייכיגער
דאָקטאָר איז א דונקעלער, א בעוואַקסענער און ניט קיין ריהרעוודי־
גער. פון זיין קלענסטער בעוועגונג ציהט זיך אויף איהם אָן זיין רע־
קעל אזוי, אז אָט־אָט, דאַכט זיך, צופּלאַצט ער און אויף זיין פנים
טרעט ארויס שוייס. דער אָפיציער אָבער איז א רויטינקער, גאָר
אָהן וואָנצעס; ער איז צאַרט, ווי א פרויענצימער, און בעוועגליך, ווי
אַן ענגלישער בייטשעל.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — פרעגט די אפטהעקערשע, צו
האַלטענדיג דאָס קלייד ביי דער ברוסט.

— גיט אונז... א־א־א... פאַר פופצעהן קאָפּיקעס מיאַטנע
קאַפּסולס!

די אפּטהעקערשע, ניט איילענדיג זיך, שלעפּט אראָפּ א סלאָי פון א פּאָליצע און נעהמט וועגען.

די קונדען שטעהען רוהיג און קוקען אויף איהר רוקען; דער דאָקטאָר זשמורעט זיך, ווי א זאַטער קאַט, און דער אָפיציער קוקט אויס זעהר ערנסט.

— דעם ערשטען מאָל זעה איך, אז א דאַמע זאָל עפּעס פאַרקויפען אין א אפּטהעק — זאָגט דער דאָקטאָר.

— דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט... — רופט זיך אָן די אפּטהעקערשע, קוקענדיג פון דער זייט אויף דעם פרישען, ראָזאָווען פּנים פון אָבטעסאָוו'ן: — מיין מאַן האַלט ניט קיין מענשען, דאַריבער העלף איך איהם אַלע מאָל.

— אזוי, אזוי... איהר האָט א גאַנץ שעהנעם אפּטהעקעל! וואָס פאר א מאַסע פערשיעדענע סלאָיעס דאָ געפינען זיך!... און איהר האָט עס גאָר קיין מורא ניט זיך אַרומצודרעהען צווישען די אַלע גיפטען? בררר!

די אפּטהעקערשע וויקעלט איין דאָס פּעקעלע און דערלאַנגט עס דעם דאָקטאָר. אָבטעסאָוו דערלאַנגט איהר א גילדען. עטליכע סעקונדען געהען אוועק אין שווייגען... די מענער קוקען זיך איבער, מאַכען א טריט צו דער טהיר, דערנאָך קוקען זיי זיך ווידער איבער.

— גיט פאר צעהן קאָפּיקעס סאָדע! — זאָגט דער דאָקטאָר.

די אפּטהעקערשע, זיך באַוועגענדיג פויל און פאַרשלאָפען, ציהט אויס די האַנד צו דער פּאָליצע.

— צו געפינט זיך ניט ביי אייך אין אפּטהעק, עפּעס אזוינס...

— מורמעלט אָבטעסאָוו, בעוועגענדיג מיט די פינגער: — עפּעס אזוינס, ווייסט איהר, עפּעס גוטעס אריינצוגיסען... אָט, סעלטצער וואַסער, צו וואָס? ביי אייך איז דאָ סעלטצער-וואַסער?

— ס'איז דאָ! — ענטפערט די אפּטהעקערשע.

— בראַוואָ! איהר זייט ניט קיין פרוי, נור א פעע. מאַכט אונז צורעכט א פלעשלאָך דריי דערפון!

די אפּטהעקערשע פּאַקט איין אויף גיך די סאָדע און פערשווינדעט אין דער פינסטערניש הינטער דער טהיר.

— אָט דאָס איז א פרוי! — מאַכט דער דאָקטאָר, אונטערווינקענדיג — אזא אַנאַנאַס, אָבטעסאָוו, וועט איהר אפילו אויף דעם

אינזעל מאַדערע ניט געפינען. האַ? וואָס זאָגט איהר?.. און אָט... הערט אַ כראָפּען אַביסעל? דאָס איז דער בעל הבית אליין, שלאָפט עס אַזוי מחיה'דיג.

אין אַ מינוט אַרום קומט די אַפּטהעקערשע צוריק און שטעלט אַוועק אויפ'ן פּערקויף־טיש פינף פלעשלאַך. זי איז נור וואָס געוועזן אין קעלער און דערפאַר איז זי רויט און אַביסעלע אויפגערעגט.

— ש־ש... שטילער! — מאַכט אָבטעסאָוו — ווען זי, עפּענענדיג די פלאַשען, האָט אַראָבגעוואָרפען דעם שרויפען־ציהער: — קלאַפּט ניט אַזוי, אַז ניט וועט איהר נאָך אויפוועקען אייער מאַן...

— נו איז וואָס, אַז איך וועל איהם אפילו אויפוועקען?...

— ער שלאָפט אַזוי געשמאַק... זעהט אייך אודאי אין חלום.... פאַר אייער געזונד!...

— און דערצו נאָך — ברומט דער דאָקטאָר מיט זיין באַס־שטימע, טרייסלענדיג זיך נאָך דעם סעלטצער טרינקען: — זיינען די מענער אַזאַ לאַנגווייליגע סחורה, אַז עס וואָלט גלאַט גוט געווען, זיי זאָלען שטענדיג שלאָפען... אַך, ווען צו דעם ביסעל וואַסער וואָלט נאָך געווען אַ גוט ביסעל רויטען וויין וואָלט שוין גאַר גאָט געווען!

— וואָס אייך קען איינפאַלען! — לאַכט די אַפּטהעקערשע.

— גרויסאַרטיג וואָלט עס געווען! אַ שאָד, וואָס מען פאַרקויפט ניט אין די אַפּטהעקען קיין שטאַרקע געטראַנקען... שאַ... איהר דאַרפט דאָך פאַרקויפען וויין אַלס רעצעפּט. איז דאָ ביי אייך... „וינום גאַלליקום רוברום?”

— ס'איז דאָ.

— נו, אָט! גיט עס אונז אַהער! אויפ'ן טיש אַרויף!...

— ווי פיעל זאָל איך אייך געבען?

— אפריהער גיט אונז אַביסעל אין די וואַסער־אַריין און דערנאָך וועלען מיר שוין זעהן... וואָס זאָגט איהר, אָבטעסאָוו, האַ? ניט אַזוי? אפריהער אין וואַסער און דערנאָך ערשט געשנאַפּסקעט אויף אַן אמת'ן...

דער דאָקטאָר און אָבטעסאָוו זעצען זיך צו נעבען דעם פּערקויף־טיש, נעהמען אַראָב זייערע היטלאַך, און הויבען אָן צו טרינקען דעם רויטען וויין.

— דער וויין, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, איז אַזאַ מין פּאַס־

קוודסטוואָ, אז זאָל ער אויסהיטען!.. — מאַכט דער דאָקטאָר — אָבער אין דער געגענוואַרט... פון אזא... הם... אזא... שמעקט ער, ווי דער בעסטער געטראַנק. איהר זייט אַזוי רייצענד, מאַדאַם! איך קוש אין געדאַנקען אייער הענטעלע!..

— און איך וואָלט זעהר פיעל געגעבען, אום עס צו קענען טהאָן ניט נור אין די געדאַנקען — רופט זיך אָן אַבטעסאָוו — עהרען וואָרט! דאָס לעבען מיינס וואָלט איך אָבגעגעבען!

— אָט דאָס לאָזט צופריעדען... — זאָגט די פרוי טשאָר־נאָמאָרדיק, צינדט זיך אָן שוין אין גאַנצען און סטאַרעט זיך צו מאַ־כען אַן ערנסטען פנים.

— וואָס פאַר אַ קאָקעטקע איהר זייט נאָך אַלעמען! — לאַכט שטיל דער דאָקטאָר, וואַרפענדיג אויף איהר פון דער זייט כיטרע בלי־קען: — קוק אָן אַ פּאָאַר אויגלאַך, זעה, ווי זיי שיעסען מיט פייער! פיף! פּאַף! נו, איך גיעב צו: איהר האָט געזיעגט! איהר האָט אונז אין גאַנצען בעזיעגט!

די אַפּטהעקערשע קוקט אויף זייערע פאַררויטיגטע פנים'ער, הערט אויס זייערע פלוידערייען און ווערט אליין אויך ביי זיך לע־בעדיגער. איהר איז איצט אַזוי פרעהלאַך! זי לאָזט זיך אריין מיט זיי אין אַ געשפּרעך, לאַכט אויפ'ן קול, קאָקעטירט און אויפ'ן סוף, נאָך אַ לאַנגען צושטעהן פון די קונדען, טרינקט זי אויך אויס אביסעל רויטען וויין.

— איהר, אָפיציערען, וואָלט אָפטער בעדאַרפט קומען פון די לאַגער'ן אין שטאָדט — זאָגט זי — אַז ניט איז דאָ אַ שרעקליכער אומעט. איך געה פשוט אויס פאַר לאַנגווייליגקייט!

— ס'אַ וואונדער, וואָס! — מאַכט דער דאָקטאָר — אָט אַזאַ אַנאַנאַס... אַזאַ וואונדער פון דער נאַטור... און וואו געפינט זי זיך? אין אַ וויסטעניש! שעהן האָט זיך אויסגעדריקט גריבאָיע־דאָוו: „אין דער וויסטעניש! אין סאַראַטאָוו!" אָבער, אונז איז שוין צייט אַהיים. עס פרעהט מיך זעהר אייער בעקאַנשאַפט... זעהר און זעהר! ווי פיעל קומט פון אונז?

די אַפּטהעקערשע הויבט אויף די אויגען צום סופיט און בעוועגט לאַנג מיט די ליפּען.

— צוועלף רובעל מיט פערציג קאפיקעס! — האט זי ענדליך בארעכענט.

אבטעסאוו נעהמט ארויס פון קעשענע א דיקען טאשען־בוך, גראבט זיך א ווײלע אין א פאק מיט געלד און צאהלט זיך פונאנ־דער.

— אייער מאן שלאפט זיך געשמאק... זעהט שעהנע חלומות...

— מורמעלט ער, דריקענדיג פעסט דער אפטהעקערשע'ס האנד ביים געזעגענען זיך.

— איך האב פיינד צו הערען נארישקייטען...

—דאס זיינען ביי אייך נארישקייטען? פארקעהרט... דאס זיינען שוין גארנישט קיין נארישקייטען... אפילו שעקספיר אליין האט געזאגט: „גליקליך איז דער, וואס איז אין דער יוגענד יונג געוועזן!"

— לאזט איין מיין האנד!

ענדליך, נאך לאנגע טענות, קושען די קונדען דער אפטהעקער־שעס קליין הענטעלע און ניט ווילענדיג, ניט געאיילט, עפעס אזוי ווי זיי וואלטען נאכגעטראכט, צו האבען זיי ניט עפעס פארגעסען, געהען זיי ארויס פון אפטהעק.

און זי לויפט שנעל אין שלאף־צימער און זעצט זיך ביי דעם זעלביגען פענסטער, ווי פריהער. זי זעהט, ווי דער דאקטאר מיט דעם אפיציער, ארויסגעהענדיג פון אפטהעק, געהען לאנגזאם אפ א טריט צוואנציג, דערנאך שטעלען זיי זיך אב און הויבען זיך אן אין דער שטיל ווענען עפעס צו סוד'ען... וועגען וואס קען דאס זיין? דאס הארץ קלאפט ביי איהר, אין די שלייפען האמערט, פארוואס — ווייס זי אליין נישט... ס'קלאפט דאס הארץ, שטארק, שטארק, עפעס אזוי ווי יענע צוויי, וואס סוד'ען זיך דארט, וואלטען אצינד איהר גורל בע־שטימט...

אין א מינוט פינף ארום טרעט דער דאקטאר אב פון אבטע־סאוו'ן און געהט זיך אוועק ווייטער, און אבטעסאוו אליין קעהרט זיך אום צוריק. ער געהט פארביי דעם אפטהעק איין מאל, א צווייטען מאל... דא שטעלט ער זיך אב נעבען דער טהיר, און דא נעהמט ער ווידער שפרייזען... צום סוף דערהערט זיך א שטילער, פארזיכ־טיגער קלונג פון גלעקעל.

— וואָס איז? ווער איז דאָרט? — הערט פּלוצים די אפּטהעק־קערשע איהר מאַנ'ס שטימע — דאָרט קלינגט מען און דו הערסט גאָרנישט! — רעדט דער אפּטהעקער שטרענג — וואָס זיינען דאָס עפּעס פאַר א גאַנגען!

ער שטעהט אויף, טהוט אָן דעם שלאָף־ראָק און שאָקלענדיג זיך אויף די פיס פון שלעפעריגקייט, שליאָפּענדיג מיט די טופליעס געהט ער אין אפּטהעק אריין.

— וואָס... פערלאַנגט איהר? — פרעגט ער ביי אָבטער־סאָוו'ן.

— גיט... גיט... גיט מיר פאַר פופצעהן קאָפּיקעס מיאַטנע קאַפּסולס.

דער אפּטהעקער סאָפּעט מיט דער נאָז, גענעצט, קלאַפּט זיך אָן מיט די קניע אָן דעם פערקויף־טיש און, שלאָפענדיג אין גאַנג, קריכט ער צו צו א פּאָליצע און נעהמט פון דאָרט ארונטער דעם סלאָי...

אין א פּאָאר מינוטען ארום זעהט די אפּטהעקערשע, ווי אָבטער־סאָוו פערלאָזט דעם אפּטהעק און, אָבגעהענדיג עטליכע טריט, ווארפט ער אוועק אויפ'ן פערשטויבטען וועג די מיאַטנע קאַפּסולס. פון א ווינ־קעל געהט איהם אנטקעגען ארויס דער דאָקטאָר... ביידע קומען זיך צוזאמען און מאַכענדיג עפּעס שטארק מיט די הענד, פערשווינדען זיי אין דעם פריהמאָרגענדיגען נעבעל...

— ווי אונגליקלאך איך בין! — זאָגט די אפּטהעקערשע, קור־קענדיג מיט כעס אויף איהר מאַן, וועלכער טהוט זיך שנעל אויס, אום זיך צוריק צו לייגען שלאָפען: — אוי, ווי אונגליקלאך! — מאַכט זי ווידער און בעגיסט זיך מיט ביטערע טרעהרען. און קיינער, קיינער ווייס עס אפילו נישט...

— איך האָב פארגעסען פופצעהן קאָפּיקעס אויפ'ן פערקויף־טיש — בורטשעט דער אפּטהעקער און דעקט זיך איבער מיט'ן קאָלדרע — געה, זיי אַזוי גוט, בעהאַלט עס אין טיש־קעסטעל...

און גלייך אויפ'ן אָרט ווערט ער ווידער אנשלאָפען.

דאס ווייב

— איך האָב אייך געבעטען, איהר זאָלט ניט אויפראַמען ביי מיר אויפ'ן טיש — האָט געזאָגט ניקאָלאַי עווגראַפיטש — נאָך אייער ראַמענעַ'ש קען מען קיין זאַך ניט געפינען אויף אָן אָרט. וואו איז די טעלעגראַמע? וואו האָט איהר זי אַהינגעטהאָן? איצט געהט זוכט. זי איז פון קאַזאַן, אָנגעצייכענט מיט דעם נעכטיגען דאַטום.

די דיענסט, אַ בלאַסע, זעהר מאָגערע, מיט אַ גלייכגילטיגען פּנים, האָט אין קאָרב אונטער'ן טיש געפונען איינציגע טעלעגראַמען און האָט זיי שווייגענדיג דערלאַנגט דעם דאָקטאָר; דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען שטאָדטישע טעלעגראַמען פון פּאַציענטען. דערנאָך האָט מען געזוכט אין זאַל און ביי אָלגאַ דמיטריעווגאַ'ן אין צימער.

עס איז שוין געווען איינס אַזייגער ביינאַכט. ניקאָליא עווגראַפיטש האָט געוואוסט, אַז זיין ווייב וועט זיך נאָך ניט אַזוי גיך אומקעהרען אַהיים, יעדענפאַלס ניט פאַר פינף... ער האָט איהר ניט געטרויט און, ווען זי איז שפּעט אויסען געבליבען, האָט ער ניט געקענט שלאָפען, זיך געמוטשעט און אין דערזעלבער צייט פעראַכטעט אי דאָס ווייב, אי איהר בעט, אי דעם שפּיעגעל, אין די שאַכטעלאַך קאָנפעקטען, אי די פערשיעדענע בלומען, וואָס עפּעס אימעצער האָט איהר יעדען טאָג געשיקט און וועלכע האָבען פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען הויז דעם פריקרען גערוך פון אַ בלומען־קראָם.

אין אַזעלכע נעכט פלעגט ער ווערען קליינלאַך, קאַפּריזנע און פלעגט זיך צוטשעפּען פאַר יעדע קליינינקייט. אַזוי האָט זיך איהם איצט געדאַכט, אַז ער דאַרף זעהר נויטיג האָבען די טעלעגראַמע, וואָס ער האָט נעכטען ערהאַלטען פון זיין ברודער, כאָטש דאָרט איז גאָרנישט געשטאַנען אויסער אַ ווינשעוואַניע צו האָבען אַ פרעהלאַכען יום טוב...

אין דעם ווייב׳ס צימער אויפ׳ן טיש, אונטער א קערבעלע מיט פּאָסט־פּאַפּיר, האָט ער געפונען עפּעס א טעלעגראַמע און האָט, פאַר־בייגעהענדיג, אויף איהר א קוק געטהאָן. אַדרעסירט איז זי געווען אויף דער שוויגער׳ס נאָמען, פאַר אָלגא דמיטריעווגא׳ן; געקומען איז עס פון מאָנטע־קאַרלאָ, אונטערגעשריעבען: מישעל...

פון דעם אינהאַלט האָט דער דאָקטאָר ניט פערשטאַנען קיין איין וואָרט, ווייל עס איז געשריעבען געווען אויף עפּעס א אויסלענ־דישער שפּראַך, אויף ענגליש, דאַכט זיך.

— ווער איז דאָס דער מישעל? און וואָס עפּעס פון מאָנטע־קאַרלאָ? און וואָרום עפּעס אויף דער שוויגער׳ס נאָמען?

אין דער צייט פון זיין זיעבען־יאָהריגען פאַמיליען־לעבען האָט ער זיך איינגעוואוינט צו פאַרדעכטיגען, צו וועגען און מעסטען יעדעס וואָרט איהרס, יעדע זאַך, אין אַלעמען צו זוכען בעווייזע און איהם איז ניט איין מאָל געקומען אויפ׳ן זינען, אז א דאַנק דער היימישער פּראַקטיקע, וואָלט ער אצינד געקענט ווערען אַן אויסגעצייכענטער דעטעקטיוו.

ווען ער איז געקומען צוריק אין קאַבינעט און זיך גענומען אַרומ־טראַכטען, האָט ער זיך גלייך דערמאָנט, אז מיט א יאָהר אָנדערט־האַלבען צוריק איז ער מיט דער ווייב געווען אין פּעטערסבורג.

דאָרט האָט ער איין מאָל פריהשטיק געגעסען אין א געוויסען רעסטאָראַן צוזאַמען מיט זיינעם א שוהל־קאַמעראַד, אַן אינזשעניער. אָט דיעזער אינזשעניער האָט פאַר איהם און זיין פרוי פאָרגעשטעלט א יונגען מאַן פון א יאָהר 22—23, מיט׳ן נאָמען מיכאַאיל איוואַ־ניטש; די פאַמיליע איז געווען א קורצע, עפּעס א מאָדנע: ריס. אין א פּאָאָר מאָנאַטען אַרום האָט דער דאָקטאָר באַמערקט זיין פרוי׳ס אַלבאָם די פאָטאָגראַפיע פון יענעם יונגען מאַן מיט אַן אונטער־שריפט אויף פראַנצויזיש: „אַלס אָנדענקען פון דער געגענוואַרט און אין האָפנונג אויף דער צוקונפט”. נאָכדעם האָט ער איהם ווידער א פּאָאָר מאָל געטראָפען ביי דער שוויגער...

און געווען איז עס גראָד אין דער צייט, ווען דאָס ווייב האָט אָפט גענומען אַוועקגעהן פון הויז און איז געקומען צוריק אַהיים ערשט פיער, פינף אזייגער אין דער פריה... זי האָט איהם אַלץ געבעטען, ער זאָל איהר געבען אַן אויסלענדישען פּאַספּאָרט, ער האָט איהר אָבער

ענטזאָגט און ביי זיי פּלעגט גאַנצענע טעג זיין אַזעלכע קריעגערייען, אַז עס איז געווען אַ חרפּה פאַר די דיענסטען.

מיט אַ האַלב יאָהר צוריק האָבען זיינע פריינד דאָקטוירים ער־קלעהרט, אַז ביי איהם הויבט זיך אָן צו ענטוויקלען די אויסצערונג און האָבען איהם געראַטהען אַלעס צו וואַרפען און אַוועקפאָהרען אין קריעם. ווען אָלגאַ דמיטריעוונאַ האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זי וואָלט זיך זעהר דערשראָקען; זי האָט זיך גענומען לאַסטשען צו איהם און איהם איינרייידען, אַז אין קריעם איז קאַלט און לאַנגוויילינ, אַז עס איז אַ סך גלייכער צו פאָהרען אין ניצצאַ. אַהין וועט זי פאָהרען צוזאַמען מיט איהם, וועט אַרום איהם אַרומגעהן, איהם פּפלעגען און היטען...

ערשט אַצינד האָט ער פערשטאַנען, פאַרוואָס דער ווייב האָט זיך אַזוי געוואָלט זיין אין ניצצאַ: איהר מישעל וואוינט אין מאָנטע־קאַרלאָ...

ער האָט גענומען אַ ענגליש־רוסישען ווערטער־בוך און איבער־זעצענדיג וואָרט פאַר וואָרט, זוכענדיג צו טרעפען זייער בעדייטונג, האָט ער ביסלעכווייז צוזאַמענגעשטעלט אָט אַזאַ פראַזע: „איך טרינק פאַר מיין טהייערער געליעבטער'ס געזונד, טויזענד מאָל קוש איך דאָס קליין פיסעלע. ערוואַרט מיט אונגעדולד דיין קומען.״

דער דאָקטאָר האָט זיך פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ נאַרישע, לעכערליכע ראָלע ער וואָלט געשפּיעלט, ווען ער וואָלט מרוצה גע־וואָרען צו פאָהרען מיט דער ווייב אין ניצצאַ, און האָט זיך אַזש שיעור ניט צואווייינט פאַר פערדרוס און בעליידיגונג. שטאַרק אויפגערעגט האָט ער גענומען אַרומגעהן איבער אַלע צימערען.

אין איהם האָט ערוואַכט זיין שטאָלץ, די פעראַכטונג פון אַ פּאָלקס־מענשען. דריקענדיג די פויסטען און זיך קאָרטשענדיג פון עקעל, האָט ער ביי זיך געפרעגט, ווי אַזוי ער, דער זוהן פון אַ דאָר־פישען פּאָפּ, אַליין אַ פּראָסטער, אַן איינפאַכער אַ פּשוט'ע געזונדע נאַטור, אַ דאָקטאָר פון פּראָפעסיאָן — ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט זיך לאָזען פערשקלאַפען פון אַזאַ שוואַכע, נידעריגע, פאַרקויפטע באַ־שעפעניש!..

— אַ קליין פּיסעלע! — האָט ער געבורטשעט, דריקענדיג די טעלעגראַמע אין פּויסט: — אַ קליין פּיסעלע!

פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט זיך פערליעבט, האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג און דערנאָך צוזאַמען געלעבט זיעבען יאָהר, איז איהם בלויז געבליעבען אַן עראינערונג פון לאַנגע, שמעקענדיגע האָרר, אַ גאַנצע מאַסע שפּיצען און אַ קליין פּיסעל, וועלכע איז ווירק־ליך געווען זעהר קליין און שעהן... און אפילו נאָך איצט, דאַכט זיך איהם, אַז פון די פריהערדיגע אומאַרמונגען און לאַסקעס איז אויף זיין פּנים און די הענד געבליעבען נור דאָס געפיהל, אַז זיי האָבען בעריהרט זיידענס און שפּיצען און מעהר גאָרנישט... גאָרנישט מעהר, אויב מען זאָל ניט רעכענען די היסטעריקעס, דאָס קוויטשען, פאָרוויר־פע, סטראַשונקעס און פאַלשקייט, פרעכע, פערעטהערישע פאַלש־קייט...

ער געדענקט, ווי ביי דעם טאַטען אין דאָרף, פלעגט טרעפען, אַז פון גאַס פלעגט זיך אריינרייסען אין שטוב אריין אַ פויגעל און נעה־מען ווילד קלאַפּען אין די שויבען און צו־וואָרפען, צושליידערען אַלעס ארום... אָט אַזוי האָט אויך דיעזע פרוי פון אַ פרעמדער אומגעבונג, אַ פרעמדער וועלט זיך אריינגעריסען אין זיין לעבען און האָט פון איהם געמאַכט אַ חורבן, אַ תל...

זיינע בעסטע יאָהרען זיינען אוועק, ווי אין אַ גהינום; די האָפ־נונגען אויף גליק זיינען צושטערט און אויסגעלאַכט; קיין געזונד איז ניטאָ; זיין הויז איז אנגעפילט מיט זאַכען פון מיאוס'ער, נאַרישער קאָקעטסטוואָ... און פון די צעהן טויזענד רובעל אַ יאָהר, וואָס ער פאַרדיענט, קען ער בשום אופן נישט אַבּרייסען כאָטש אַ צעהן רובעל צו שיקען זיין אַלטער מאַמען אין דאָרף אריין... דערצו איז ער אויף וועקסלען אויך שולדיג אַ רובעל פופצעהן טויזענד... עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ווען אין זיין הויז וואָלט געלעבט אַ באַנדע רויבער, וואָלטען זיי ניט קענען צושטערען פאַרניכטען, צוברעכען זיין היים מעהר, ווי דיעזע פרוי האָט עס געטהאָן.

ער האָט אָנגעהויבען הוסטען און שטיקען זיך. מען האָט זיך געדאַרפט לייגען אין בעט אריין און זיך אויסוואַרעמען; ער האָט עס אבער ניט געקענט, און איז אַלץ ארומגעגאַנגען איבער די צימערן, אָדער האָט זיך געזעצט ביים טיש און האָט נערוועז געפיהרט מיט אַ

בלייפעדער איבערן פּאַפּיר און פערטראַכט געשריבען:

— אַ קליין פּיסעלע! אַ קליין פּיסעלע!..

אַ זייגער פינף אין דער פריה איז ער זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען און דאַן האָט ער שוין אין אַלעמען בעשולדיגט נור זיך אליין, איהם האָט זיך איצט אויסגעדאַכט, אַז ווען זיין ווייב אָלגע דמיטריעווגאַ וואָלט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן, וועלכער זאָל האָבען אויף איהר אַ גוטען איינפלוס — איז, קען זיין, אַז סוף כל סוף וואָלט פון איהר געוואָרען אַ גוטע, עהרליכע פרוי; ער אליין פערשטעהט זיך ניט אויף אַזעלכע זאַכען, די נשמה פון דער פרוי איז איהם אין גאַנצען פרעמד, אונפערשטענדליך, דערצו איז ער ניט אינטערעסאַנט, גראָב...

— מיר איז שוין ווענעג פערבליעבען צו לעבען — האָט ער געטראַכט — איך בין אַ ברמנן און דאַרף ניט שטערען די לעבעדיגע. איצט וואָלט איבערהויפּט געווען נאַריש און קינדעריש, איך זאָל זיך איינשפּאַרען און באַשטעהן אויף מיינע רעכטע. איך וועל זיך מיט איהר דורכריידען און איהר ערקלעהרען: זאָל זי זיך געהן צו דעם מענשען, וועלכען זי ליעבט... איך וועל נעהמען אַלעס אויף זיך און איהר געבען אַ גט.

צום סוף איז געקומען אָלגאַ דמיטריעוונאַ און, ווי זי איז געווען אין דער ווייסער ראָטאָנדע אין הוט און קאַלאָשען, אי זי אריין צו איהם אין קאַבינעט און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אַ קרעסלע.

— העסליכער, גראָבער אינגעל! — האָט זי געזאָגט, אָטהעמענדיג שווער, און האָט אַ כליפּע געטהאָן: — דאָס איז ניט עהרליך, דאָס איז מיאוס! — זי האָט אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס — איך קען ניט, איך קען ניט, איך קען ניט!

— וואָס איז געשעהן? — האָט געפרעגט ניקאָלאַי עווגראַפיטש, צוגעהענדיג צו איהר.

— מיך האָט אַצינד בעגלייט שטודענט אַזאַרבעקאָוו און האָט פערלאָרען מיין געלד־טאַש און אין געלד־טאַש איז געווען פופצעהן רובעל, וואָס איך האָב גענומען ביי דער מאַמען.

זי האָט געוויינט, ווי אַ קליין מיידעלע, און ניט נור דאָס טיכעל, אפילו די האַנדשוה זיינען ביי איהר געווען נאַס פון טרערען.

— נו, וואס קען מען טהאָן! — האט א זיפץ געטהאָן דער דאָק־טאָר — פארלאָרען איז פארלאָרען, וואס קען דער שטודענט העלפען? בערוהיג זיך, איך האב מיט דיר וועגען עפּעס צו ריידען.

— איך בין ניט קיין מיליאָנערשע, וואס זאָל זיך אזויווארפען מיט געלד. ער זאָגט, ער וועט מיר אָבגעבען, אבער איך גלויב איהם ניט, ער איז אַן אָרימאַן...

דער מאַן האט איהר ווידער אמאָל געבעטען, זי זאָל זיך בערו־היגען און איהם אויסהערען, און זי האט אַלץ גערעדט פון דעם שטו־דענט און פון איהרע פערלאָרענע פופצעהן רובעל.

— אך, איך וועל דיר מאָרגען געבען פינף און צוואַנציג רובעל, נור הער אויף, שוויינ, איך בעט דיך! — האט ער געזאָגט מיט פער־דרוס אין קול.

— איך דארף זיך איבערטהאָן! — האט זי גענומען וויינען — איך קען דאָך ניט ריידען ערנסט, ווען איך בין אָנגעטהאָן אין פוטער! עפּעס מאָדנע!...

ער האט פון איהר אראָבגענומען דעם פוטער, די קאַלאָשען און האט אין דערזעלבער צייט דערפיהלט דעם גערוך פון ווייסען וויין, דעם זעלביגען, מיט וועלכען זי האט אזוי ליעב געהאט צו פארטריג־קען נאָך אויסטערס... ניט קוקענדיג אויף איהר לייכטקייט און בייג־זאמקייט, האט זי געקענט א סך עסען און פיעל טרינקען.

זי איז אוועק צו זיך און אין א ווײַלע ארום האט זי זיך צוריק־געקעהרט אַן איבערגעטהאָנענע, אַן אָנגעפּודערטע, מיט פערוויינטע אויגען, האט זיך געזעצט און איז אין גאַנצען פארלאָרען געגאַנגען אין איהר לייכטען, מיט שפּיצען בעפּוצטען שלאָפראָק. אין דער מאַסע טהייערע שפּיצען און ראָזאָווען זייד האט דער מאַן געקענט אונטער־שיידען נור איהרע צולאָזטע האָאר און דאס קליין פּיסעלע אין א טופליע.

— וועגען וואס ווילסטו מיט מיר ריידען? — האט זי געפרעגט, זיך וויגענדיג אין קרעסלע.

— איך האב ניט ווילענדיג דערזעהן אָט דאס... — האט גע־זאָגט דער דאָקטאָר און איהר דערלאַנגט די טעלעגראַמע.

זי האט איבערגעלעזען און א קוועטש געטהאָן מיט די אַקסלען.

— נו, איז וואס? — האט זי געזאָגט, זיך וויגענדיג נאָך שטאַר־

פֿער — דאס איז א געוועהנליכע ווינשעוואַניע צום נייעם יאָהר, מעהר גאָרנישט. קיין סעקרעטען זיינען דאָ ניטאָ.

— דו האָסט גערעכענט, אז איך קען ניט די ענגלישע שפּראך. דאס איז אמת, איך קען טאַקע ניט. אבער ביי מיר געפינט זיך א ווערטערבוך. די טעלעגראַמע איז פון ריס'ן; ער טרינקט פאר זיין געליעבטער'ס געזונד און קושט דיך טויזענד מאָל... אבער לאָמיר דערפון ניט ריידען, צו וואס? ... — האט דער דאָקטאָר גערעדט ווייטער שנעל און נערוועז — איך וויל דיר ניט מאַכען קיין פֿאָרוואורפע, איך זוך ניט קיין קריעגערייען. גענוג שוין געוועזען צווישען אונז קריעג, רייסעניש און בעשולדיגונגען, ס'איז צייט צו מאַכען א סוף... אָט וואס איך'ל דיר זאָגען: דו ביזט פריי און קענסט זיך לעבען, ווי דו ווילסט...

א ווייילע האבען זיי ביידע געשוויגען. זי האט גענומען שטיל וויינען.

— איך מאַך דיך פריי, אום דו זאָלסט ניט זיין געצוואונגען זיך שטענדיג צו פֿארשטעלען, צו לייגען און בעטריעגען — מאַכט ניקאָלאַי עווגראפיטש — אויב דו ליעבסט יענעם יונגען מאַן, טאָ ליעב זיך איהם פריי און אָפען; אויב דו ווילסט פֿאָהרען צו איהם אין אויסלאַנד, טאָ פֿאָהר. דו ביזט יונג, שעהן, געזונד, און איך בין א קריפּעל, מיר איז שוין אין גאַנצען ניט לאַנג פֿארבליעבען צו לעבען. מיט איין וואָרט, איך האָף, אז דו פֿערשטעהסט מיך...

ער איז געוועזען שטאַרק אויפגערעגט און ניט געקענט ווייטער ריידען.

אָלגא דמיטריעוונא האט זיך צוואויינט און מיט א קול, מיט וועלכען מען רעדט געוועהנליך, ווען מען האט אויף זיך שטאַרק רחמנות, האט זי זיך מודה געיועזן, אז זי ליעבט ריס'ן, איז מיט איהם געפֿאָהרען שפּאַצירען הינטער דער שטאָדט, איז געוועזען ביי איהם אויף זיין קוואַרטיר און אז איצט ווילט זיך איהר ווירקליך זעהר און זעהר פֿאָהרען אין אויסלאַנד.

— אָט, זעהסטו, איך פֿערבעהאַלט פון דיר קיין זאַך ניט — האט זי געזאָגט מיט א זיפץ — מיין גאַנצע נשמה איז פאר דיר אָן אָפענעם בוך. און איך בעט דיך, זיי א גוטינקער, גיעב מיר א פּאַספּאָרט!

— איך זאָג דיר נאָך אַמאָל: דו ביזט פֿריי!...

זי האט זיך איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער אָרט, נעהנטער צו איהם, אום צו קענען בעסער זעהן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. זי האט איהם ניט געגלויבט און האט זיך איצט געמאַטערט צו פערשטעהן זיינע פערבאָרגענע געדאַנקען...

זי האט קיין מאָל קיין מענשען ניט געגלויבט און ווי עדעל און עהרליך עס זיינען ניט געווען די אבזיכטען, האט זי אימער אין זיי פערדעכטיגט קלייגליכע און נידעריגע געפיהלען, פערזענליכע, עגאָ־איסטישע צוועקען. און איצט, ווען זי האט, פאַרשענדיג, איהם אריינגעקוקט אין פּנים, האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ביי איהר אין די אויגען האט, ווי ביי א קאַץ, א בלישצע געטהאָן א גרין פייערל...

— איז ווען, אַלזאָ, קריעג איך דעם פּאַספּאָרט? — האט זי שטיל געפרעגט.

איהם האט זיך פּלוצים פאַרוואָלט זאָגען: „קיין מאָל ניט!” ער האט זיך אבער איינגעהאַלטען און געזאָגט:

— ווען דו ווילסט.

— איך וועל פאָהרען נור אויף איין מאָנאַט.

— דו וועסט פאָהרען צו ריס'ן אויף אימער. איך וועל דיר געבען א גט, וועל אַלעס נעהמען אויף זיך, און ריס וועט דאַן קענען מיט דיר חתונה האבען.

— אבער אז איך וויל גאָר נישט קיין גט! — האט זיך א כאַפּ געטהאָן אָלגא דמיטריעוונאַ, מאַכענדיג א פערוואונדערט פּנים — איך בעט ביי דיר ניט קיין גט! דו גיעב מיר נור א פּאַספּאָרט, דאס אַלעס!...

— אבער פארוואס ווילסטו ניט קיין גט? — האט געפרעגט דער דאָקטאָר, ווערענדיג אויפגערעגט — דו ביזט א מאָדנע פרוי. עפּעס א מאָדנער סאָרט מענש ביזטו! אויב דו האָסט זיך ערנסט פערליעבט און ער ליעבט דיך אויך, איז פאר אייך די בעסטע זאַך צו הייראַטהען. שווין־זשע איז דיר ליעבער צו האבען אַן אונגעזעצליכען פערקעהר מיט א געליעבטען, ווי מיט איהם צו הייראַטהען?..

— אַך, אַזוי? אַצינד פערשטעה איך אייך — האט זי געזאָגט, אַבטרעטענדיג פון איהם, און איהר פּנים האט אָנגענומען א שלעכטען, א בייזען אויסדרוק — איך פערשטעה איך אויסגעצייכענט.

איך האב אייך דערעסען און איהר ווילט פשוט פון מיר פטור ווערען, דערפאר לוינט עס אייך מיר אָנצואווארפען א גט. א שעהנעם דאנק אייך, אבער איך בין אויך ניט אזא נאר, ווי איהר דענקט זיך. קיין גט וועל איך ניט נעהמען און פון אייך וועל איך אויך ניט אוועקגעהן, איך וועל ניט אוועקגעהן, ניין, ניין!...

— ערשטענס, ווייל איך ניט פערליערען די געזעלשאפטליכע שטעלונג, וואס איך פארנעהם — האט זי גערעדט ווייטער שנעל, שנעל, עפעס אזוי ווי זי וואָלט מורא געהאט, אז מען וועט איהר ניט לאָזען אויסריידען — צווייטענס, בין איך שוין 27 יאָהר אלט און רים איז ערשט 23; אין א יאָהר ארום וועל איך איהם דערעסען און ער וועט מיך אוועקווארפען... און, דריטענס, צווישען אונז גערעדט, בין איך ניט זיכער, אז מיין איצטיגער געפיהל וועט לאנג אָנהאלטען... אָט האט איהר אייך דעם גאנצען אמת! פון אייך געה איך אבער ניט אוועק!

— דאן וועל איך דיך ארויסיאָגען פון הויז! — האט א געשריי געטהאָן ניקאָלאַי עווגראפיטש, און גענומען טופען מיט די פיס — איך וועל דיך ארויסטרייבען, ווי א הונד, דו נידעריגע, שמוציגע באַ־שעפעניש!

— דאס וועלען מיר נאָך זעהען! — האט זי געזאָגט און איז ארויס פון צימער.

אויף דרויסען איז שוין לאנג ליכטיג געוואָרען, אבער דער דאָק־טאָר איז נאָך אַלץ געזעסען ביי דעם טיש, האט געפיהרט מיט א בליי־פעדער איבער א שטיקעל פאפיר און האט מעכאַניש געשריעבען:

„ווערטהער הערר... א קליין פיסעלע”...

אדער ער איז ארומגעגאנגען איבער די צימערען און האט זיך אָבגעשטעלט אין גאסט־צימער פאר א פאָטאָגראפישעם בילד, וואס איז ארונטער גענומען געוואָרען מיט זיעבען יאָהר צוריק, באלד נאָך דער חתונה, און האט עס לאנג, לאנג בעטראכט.

דאס איז געווען א פאמיליען־בילד: דער שווער, די שוויגער, זיין ווייב אָלגאַ דמיטריעוונא, ווען זי איז אלט געווען אין גאנצען צוואנציג יאָהר, און ער אליין, דער יונגער, גליקליכער מאַן... דער שווער, א געגאָלטער, אַן אָנגעגעסענער, א כיטרער געהיים־ראטה, האט שטארק ליעב געלד; די שוויגער — א פולע פרוי מיט קליינינקע,

רויבערישע געזיכטסציגע, ווי ביי א קליין חיה'לע, וועלכע האט די טאָכטער משוגע ליעב און העלפט איהר אין אלעמען; ווען די טאָכ־טער זאָל שטיקען א מענשען, וואָלט איהר די מאמע ניט געזאָגט קיין וואָרט און וואָלט זי נאָך פארשטעלט מיט א פאָלע פון איהר קלייד.

ביי אָלגא דמיטריעוונא זיינען די געזיכטסציגע אויך קליין און רויבעריש, ווי ביי איהר מאמען, אבער מיט מעהר אויסדרוק און דריי־סטער; דאס איז שוין ניט קליין חיה'לע, נור עפּעס א חיה פון די גרעסערע!..

און ניקאָלאי עווגראפיטש אליין שטעלט מיט זיך פאָר אויף דיע־זען בילד עפּעס אזא פּראָסטאַק, א וואוילען יונג; א מענשען, וואס איז נאָט די נשמה שולדיג... א גוטמוטהיגער, נאאיווער שמייכעל איז צוגאָסען איבער זיין גאַנצען פּנים, און ער גלויבט הייליג, אז די דאָזיגע רויבער באַנדע, אין וועלכער דאס שיקזאל האט איהם צופע־ליג אריינגעשטויסען, וועט איהם געבען אי פּאָעזיע, אי גליק, אי אלעס, אלעס, פון וואס ער האט גע'חלום'ט, ווען ער האט אלס שטו־דענט געזונגען דאס ליעד: „ניט ליעבען — הייסט איבערפיהרען דאס יונג לעבען"...

און ווידער אמאָל קען ער ניט בעגרייפען און פרעגט ביי זיך: ווי איז דאס מעגליך, וואס ער, דער זוהן פון א דאָרפישען פּאָפּ, וואס איז ערצויגען געוואָרען איינפאַך און פריי, א פּראָסטער, א פּשוט'ער, אַן עהרליכער מענש, האט זיך געקענט אזוי הילפלאָז איבערגעבען אין די הענד פון אָט אזא קלייניגקע, פאַלשע, העסליכע, עקעלהאפ־טע באַשעפעניש, וועלכע איז פון דער נאַטור אוים איהם גאַנץ פרעמד!

ווען ער האט א זייגער עלף אָנגעטהאָן דעם ראָק צו פאָהרען אין שפּיטאָל, איז צו איהם אין קאבינעט אריין די דיענסט.

— וואס דארפט איהר? — האט ער געפרעגט.

די מאדאם איז אויפגעשטאַנען און זיי בעטען די פינף־און־צוואַנציג רובעל, וואס איהר האט זיי אנומעלט פארשפּראָכען...

די מהומה

מאַשענקאַ פּאַוולעצקאַיאַ, אַ יונגע אינסטיטוטקע, וועלכע האָט נור וואָס געענדיגט דעם קורס, האָט זיך אומקעהרענדיג פון איהר שפּאַציר אין דאָס הויז פון די קושקינס, וואו זי איז געוועזען אַלס גו־בערנאַנטקע, דאַרטען געטראָפען אַן אונגעוועהנליכע איבערקעהרע־ניש. דער שווייצאַר מיכאַילאַ, וועלכער האָט איהר די טהיר געעפענט, איז געוועזען זעהר אויפגערעגט און רויט ווי אַ ראַק.

פון אויבען האָט זיך געטראָגען אַ טומעל.

— די מאַדאַם האָט מסתמא געקריגען אַן אַנפאַל... — האָט מאַשענקאַ אַ טראַכט געטהאָן — אָדער זי האָט זיך צוקריגט מיט'ן מאַן...

אין'ם פאָרצימער און אין'ם קאָרידאָר האָט זי געטראָפען די דיענסטען. איינע פון זיי האָט געוויינט.

דערנאָך האָט מאַשענקאַ געזעהן, ווי פון איהר צימער איז אַרויס־געלאָפען דער בעל הבית אַליין ניקאָלאַי סערגייאַוויטש, אַ קליינינקער, נאָך ניט קיין אַלטער מאַן, מיט אַן אויפגעבלאָזענעם פּנים און אַ גרויסען פּליך אויפ'ן קאָפּ. ער איז געוועזען רויט און איהם האָט גע־שווינדעלט... ניט באַמערקענדיג די גובערנאַנטקע, איז ער זי פאַר־בייגעגאַנגען און, אויפהויבענדיג די הענד אין דער הויך, האָט ער אויסגעשריען:

— אוי, ווי שרעקליך דאָס איז! ווי ניט טאַקטיש! ווי נאַריש! ווילד! העסליך!

מאַשענקאַ איז אַריין צו זיך אין צימער און דאָ איז איהר דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען אויסגעקומען דורכצופיהלען דעם ביטע־רען געפיהל, וואָס איז אַזוי גוט בעקאַנט די מענשען, וועלכע לעבען אין דער פרעמד און זיינען אַבהיינגיג פון זייערע רייכע און יחסן'־אישע בעלי הבתים.

אין איהר צימער האט מען געמאכט אַן אונטערזוכונג. די בעל הבית'טע, פעדאָסיא וואסיליעוונא, א דיקע דאמע מיט ברייטע שול־טערען, געדיכטע שווארצע ברעמען, קליינינקע וואָנצעלאך, איז גע־שטאנען ביי איהר טישעל און האט צוריק אריינגעלייגט אין ארבייטס־קערבעל קניילכלאך וואָל, שטיקלאך וואַרע און פאַפּיערלאך... מיט איהרע רויטע הענד, גלאַטע האָר, פּנים און מאניערען האט זי מעהר אויסגעזעהן ווי א פּראָסטע קעכין, איידער א רייכע אריסטאָקראַטישע דאמע.

דאס אָנקומען פון דער גובערנאַנטקע איז מסתמא געווען אונ־ערוואַרטעט פאר איהר, ווייל ווען זי האט זיך אומגעקוקט און דער־זעהן איהר בלאַסען, פערוואונדערטען פּנים, איז זי אביסעל צומישט געוואָרען און האט ארויסגעשטאַמעלט:

— ענטשולדיגט, איך... איך האב ניט ווילענדיג אויסגעשאָטען, האב פארטשעפּעט מיט'ן ארבעל...

און זאָגענדיג נאָך עפּעס, איז די מאדאם קושקין ארויס, רוי־שענדיג מיט איהר שלעפּע.

מאשענקא האט זיך אומגעקוקט מיט פארוואונדערטע אויגען איבער איהר צימער און ניט פארשטעהענדיג, ניט וויסענדיג, וואס צו טראכטען, האט זי א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און ס'איז איהר קאלט געוואָרען פון שרעק...

וואס אזוינס האט פעדאָסיא וואסיליעוונא געזוכט אין איהר קערבעל? און אויב זי האט טאקע אויף אַן אמת, אזוי ווי זי האט געזאָגט, ניט ווילענדיג פארטשעפּעט מיט'ן ארבעל און אויסגעשאָטען, טאָ פאר וואס איז עפּעס ניקאָלאַי סערגייאיטש ארויסגעלאָפען פון איהר צימער אזא אויפגערעגטער, אזא רויטער? פארוואס איז עפּעס איין שופליאד פון טיש אביסעל ארויסגערוקט? א שפּאָר־קעסטעלע, אין וועלכער די גובערנאַנטקע פלעגט בעהאַלטען צוואַנציגערס און אַלטע מארקעס, איז געווען אָפען. מען האט זי געעפענט, אבער בשום אופן ניט געקענט צוריק פארמאכען, כאָטש מען האט צוקראַצט דעם גאַנצען שלאָס. די עטאַזשערקע מיט ביכער, דער טיש, די בעט — אויף אַלעם זיינען געלעגען פרישע צייכענס פון אַן אונטערזוכונג. אפילו אין קאָרב מיט די וועש האט מען אויך געזוכט. די וועש איז

געוועזען ריכטיג צוזאַמענגעלייגט, אבער ניט אזוי ווי מאַשענקאַ האָט עס געלאָזען, ווען זי איז פון הויז אוועק.

אַן אונטערזוכונג איז אַלזאָ ביי איהר געמאַכט געוואָרען, און אמת'ע, מיט אַלע קליפּערלאַך, אבער ווארום, צו וואס? וואס האָט פּאַסירט? מאַשענקאַ האָט זיך דערמאָנט אָן דעם שווייצאַר'ס אויפ־רעגונג, אָן דעם טומעל אין הויז, אָן דער פּערוויינטער דיענסט; צו האָט דאס אַלעם ניט געהאַט עפּעס א שייכות מיט דער אונטערזוכונג, וואס מען האָט נור וואס ביי איהר געמאַכט? צו איז זי ניט פּאַרמישט אין עפּעס א שרעקליכען פערברעכען?

מאַשענקאַ איז בלאַס געוואָרען, א קעלט איז איהר אריבער און זי האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויפ'ן קאָרב מיט וועש.

אין צימער איז אריין די דיענסט.

— ליזאַ, איהר ווייסט נישט, פאַר וואס האָט מען דאס ביי מיר... ביי מיר... געזוכט? — האָט געפרעגט די גובערנאַנטקע.

— ביי דער מאַדאַם איז פערפאַלען געוואָרען א שפּילקע פון צוויי טויזענד רובעל... — האָט געענטפערט ליזאַ.

— יאָ, אבער וואס האָט מען ביי מיר צו זוכען?

— ביי אַלעמען, פריילייןן, האָט מען געזוכט. ביי מיר אויך... אונז אַלעמען האָט מען אויסגעטהאָן מוטער־נאַקעט און ארומגע־זוכט... און איך, פריילייןן, זאָל מיר גאָט אזוי העלפען... ניט נור זייער שפּילקע, נור אפילו צום טואַלעט־טישעל בין איך נאָהענט ניט צוגעגאַנגען. אפילו אין דער פּאָליציי וועל איך אויך אזוי זאָגען.

—אבער... אבער צו וואס האבען זיי ביי מיר געזוכט? — האָט נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען די גובערנאַנטקע.

— איך זאָג דאָך אייך, א שפּילקע האָט מען צוגע'גנב'עט... די מאַדאַם אַליין האָט מיט איהרע אייגענע הענד אַלעם ארומגעטאַפּט. אפילו דעם שווייצאַר מיכאַילאָ האבען זיי אַליין ארומגעזוכט. ס'איז א חרפּה און א שאַנדע! און ניקאָלאַי סערגייאיטש שטעהט נור און קוקט און קוואָקטשעט, ווי א הוהן... און איהר, פריילען, דאַרפט ניט אזוי ציטערען אומזיסט. ביי אייך האָט מען גאָרנישט געפונען! אזוי לאַנג ווי איהר האָט ניט גענומען די שפּילקע, האָט איהר נישט פאַרוואס מורא צו האבען.

— אבער, ליזאַ, דאס איז דאָך נידעריג... אזאַ בעליידיגונג!..

— האט געזאָגט מאַשענקאַ, זיך שטיקענדיג פון אויפרעגונג — דאס איז דאָך אַ געמיינהייט, אַ שווינעריי! וואס פאר א רעכט האט זי געהאט מיך צו פאַרדעכטיגען און זיך צו גראַבלען אין מיינע זאַכען?

— אין דער פרעמד לעבט איהר, פריילען — האט א זיפץ געטהאָן ליזאַ — כאָטש איהר זייט א פריילען, א געבילדעטע, און דאָך... אזוי ווי א דיענסט... דאס איז אודאי ניט אזוי ווי צו זיין ביים טאַטען מיט דער מאַמען...

מאַשענקאַ האט זיך א וואָרף געטהאָן אין בעט און זיך ביטער צואוויינט. קיינער האט איהר נאָך קיינמאָל ניט געטהאָן אזאַ געוואַלדיגע עולה, קיינמאָל האט מען זי נאָך ניט אזוי טיעף בעליידיגט, ווי איצט...

זי, דאס גוט־ערצויגענע, געפיהלפאָלע מיידעל, די טאָכטער פון א לעהרער, האט מען פערדעכטיגט אין גנבה און זי ארומגעזוכט, ווי א פשוט'ע גאַסען־פרוי! א גרעסערע בעליידיגונג, דאכט זיך, קען מען שוין ניט אויסטראַכטען.

און צו דעם געפיהל פון בעליידיגונג איז נאָך צוגעקומען א שרעקליכע מורא: וואס וועט איצט זיין? אין איהר קאָפּ האבען גענומען קריעכען פערשיעדענע משונה'דיגע געדאַנקען. אויב מען האט איהר געקענט פערדעכטיגען אין גנבה, דאַן הייסט עס, קען מען זי איצט אַרעסטירען, אויסטהאָן זי מוטער־נאַקעט און ארומזוכען, דער־נאָך שלעפּען איבער'ן גאַס מיט פּאָליסלייט, אריינזעצען אין טורמע, אין א פינסטערען, קאַלטען קעמערל פול מיט מייז און שצורעס, אָט פונקט אין אַזעלכען, וואו עס איז געזעסען די פרינצעסין טאראַ־קאַנאָווא...

ווער וועט זיך דאַן פאר איהר אָננעהמען? איהרע עלטערן וואוי־נען ווייט אין דער פּראָווינץ; קיין געלד צו קומען צו איהר האבען זיי ניט. דאָ, אין דער הויפּט־שטאָדט, איז זי איינע אליין, ווי אין א וויסטען פעלד, אָהן פריינד, אָהן בעקאַנטע. וואס מען וויל, דאס קען מען מיט איהר טהאָן...

— איך וועל לויפען צו אַלע ריכטער און פערטהיידיגער... — האט געטראַכט מאַשענקאַ, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער — איך וועל זיי ערקלערען, וועל שווערען... זיי וועלען מיר גלויבען, אז איך קען ניט זיין קיין גנב'טע!

מאשענקאַ האט זיך דערמאָנט, אז ביי איהר אין קאָרב אונטער די ליילאכער ליגען נאַשוואַרג, וועלכע זי האט, אוים אַלטער גע־וועהנהייט נאָך פון אינסטיטוט, בעהאַלטען מיטאָג־צייט אין קעשענע און עס אוועקגעטראָגען צו זיך אין צימער.

פון דעם געדאנק, אז דיעזע קליינינקע געהיימנים איהרע איז אצינד בעקאנט איהרע בעלי הבתים, איז איהר היים געוואָרען און זי האט זיך פערשעהמט. און פון דעם אַלעמען — פון דעם שרעק, שאַנדע און בעליידיגונג, האט זיך ביי איהר אָנגעהויבען א שטארקע הארצקלאַפעניש, וועלכע האט זיך אָבגערופען אויך אין די שלייפען, אין די הענד און טיעף אין בויך...

— קומט עסען! — האט מען גערופען מאשענקאַ'ן.

— געהן, צו ניט?...

מאשענקאַ האט פאררירכט איהרע האָאר, האט זיך ארומגעווישט מיט א נאַסען האַנדטוך און איז אוועק אין עסס־צימער. דאָרט האט מען שוין אָנגעהויבען צו עסען מיטאָג...

ביי איין ברעג טיש איז געזעסען פעדאָסיא וואסיליעווּנא, א שטרענגע, מיט א טעמפּען, ערנסטען פנים, ביים צווייטען — ניקאָלאַי סערגייאיטש. ביי די זייטען זיינען געזעסען געסט און די קינדער. צום טיש האבען דערלאַנגט צוויי לאַקעיען אין פראַקען און ווייסע האַנדשוה. אַלע האבען געוואוסט, אז אין שטוב איז א מהומה, אז די בעל הבית'טע איז פאַראומערט און האבען געשוויגען. עס האט זיך נאָר געהערט דאס קייען און קלאַפּען פון די לעפעל אָן די טעלער.

א געשפּרעך האט פאַרפיהרט די בעל הבית'טע אליין.

— וואס האבען מיר היינט צום דריטען געריכט? — האט זי געפרעגט ביי דעם לאַקעי מיט א שוואכען, ליידענדען קול.

— עסטורזשאָן אַליאַ ריוסס! — האט געענטפערט דער לאַקעי.

— דאס האב איך באַשטעלט, פעניא... — האט זיך צוגע־איילט צו ערקלערען ניקאָלאַי סערגעיאיטש — ס'האט זיך מיר פאר־וואָלט פיש. אויב דיר געפעלט ניט, מיין טהייערע, טאָ זאָל מען עס ניט דערלאַנגען. איך האב עס דאָך... אַט אזוי...

פעדאָסיא וואסיליעווּנא האט ניט געליעבט די שפּייזען, וועלכע ניט זי אליין האט באַשטעלט, און איצט זיינען איהרע אויגען פער־לאָפען מיט טרערען.

— גו, לאָמיר אויפהערען זיך אויפרעגען — האט מיט א זיס קול געזאָגט מאמיקאָוו, איהר הויז דאָקטאָר, אָנריהרענדיג זי לייכט ביי דער האנד און שמייכלענדיג מיט א זיסען שמייכעל — מיר זיינען שוין אָהן דעם אויך גענוג נערוועז. לאָמיר פארגעסען וועגען דער בראָשקע! דאס געזונד איז טהייערער פון צוויי טויזענדער!

— מיר איז ניט קיין שאָד די צוויי טויזענדער! — האט גע־ענטפערט די בעל הבית'טע, און א גרויסער טרער האט זיך געקייקעלט איבער איהר באק — מיך פארדריסט דער פאקט אליין! איך וויל נישט האבען אין מיין הויז קיין גנבים... מיך הארט ניט, קיין זאך זשאלעווע איך נישט, אבער גנב'ענען ביי מיר — דאס איז אזא אונ־דאנקבארקייט! אָט אזוי בעצאָהלט מען עס מיר פאר מיין גוטס־קייט!....

אלע האבען געקוקט אין זייערע טעלער אריין, נור מאשענקא'ן האט זיך געדוכט, אז נאָך דער בעל הבית'טעס ווערטער האבען אלע אויף איהר א קוק געטהאָן. דער ביסען האט זיך איהר פלוצים גע־שטעלט אין האלז, זי האט זיך צוואויינט און צוגעדריקט א טיכעל צום פנים.

— ענטשולדיגט — האט זי אויסגעשטאמעלט — איך... איך קען ניט. דער קאָפּ טהוט וועה. איך'ל אוועקגעהן...

זי איז אויפגעשטאנען פון טיש, א קלאָפּ טהאָנדיג אונגעשיקט מיט'ן שטוהל, איז נאָך מעהר צומישט געוואָרען און שנעל פארלאָזען דעם עסס־צימער.

— גאָט ווייסט וואס דאָ טהוט זיך אָב! — האט געזאָגט ניקאָ־לאי סערגייאיטש — נויטיג האט מען עס געדארפט מאכען ביי איהר אן אונטערזוכונג! דאס איז, ווירקליך... ניט ריכטיג!..

— איך זאָג ניט, אז זי האט גענומען די בראָשקע — האט גע־זאָגט פעדאָסיא וואסיליעוונא — אבער קענסטו דען פאר איהר ערב זיין? דעם אמת זאָגענדיג, גלויב איך זעהר ווייניג אָט די דאָזיגע גע־לערענטע קבצן'טעס.

— ווירקליך, פעניא, דאס איז ניט ריכטיג... ענטשולדיג, פע־ניא, אבער נאָך'ן געזעץ נאָך האָסטו קיין רעכט ניט צו מאכען אונ־טערזוכונגען.

— איך ווייס ניט אייערע געזעצע. איך ווייס נור, אז ביי מיר

אין פארפאלען געװאָרען אַ בראָשקע, דאס אלעס. און איך װעל שוין די בראָשקע צוריק געפינען! — זי האט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן גאָפּעל איבער'ן טעלער און די אויגען האבען ביי איהר בייז אַ בלישטשע געטהאָן — און איהר עסט און מישט זיך ניט אריין אין מיינע זאכען.

ניקאָלאַי סערגייעװיטש האט פארשעהמט אראָבגעלאָזען די אוי־גען און אַ זיפץ געטהאָן.

מאַשענקאַ האט דערװיילע, קומענדיג צו זיך אין צימער, זיך געװאָרפען אין בעט. אצינד האט זי זיך שוין מעהר נישט געשראָ־קען און ניט געשעהמט, איהר האט נור געמאַטערט אַ שטארקער פער־לאַנג צו געהן און צופּאַטשען די באַקען יענער הארטער, יענער פער־ריסענער, טעמפּער, גליקליכער פרוי.

ליגענדיג איינגעגראָבען אין קישען, האט זי געטרוימט װעגען דעם, װי גוט עס װאָלט געװען צו געהן איצט קויפען אַ זעהר טהייערע שפּילקע און עס צו װארפען אין פּנים אריין יענער משוגענער!

אוי, װען גאָט זאָל געבען, אַז פּעדאַסיאַ װאַסיליעװנאַ זאָל אָרעם װערען און איבער די הייזער אַװעקגעהן, זי זאָל אליין דורכפיהלען דעם טעם פון אָרימקייט, עלענד און נויט, פון זיין אין דער פרעמד, ביי לייטען, און זי, די בעליידיגטע מאַשענקאַ, זאָל איהר אַ נדבה געבען... אדער, װען זי זאָל קריגען עפּעס אַ גרויסע ירושה, װאָלט זי געקויפט אַ קארעטע און זיך דורכגעפאָהרען מיט אַ טומעל פארביי איהרע פענסטער, אום זי זאָל איהר מקנא זיין!..

אבער דאס זיינען אלץ שעהנע חלומות, אין דער װירקליכקייט אבער איז געבליעבען נור איינס — װאָס גיכער אװעק פון דאַנען, ניט צו בלייבען דאָ קיין איין שעה מעהר. אמת, ס'איז שרעקליך צו פערליערען אַ פּלאַץ און פאָהרען צוריק צו די עלטערן, װעלכע קומען אליין קוים אויס, אבער װאָס קען מען זיך העלפען? מאַשענקאַ האט שוין איצט ניט געקענט אָנקוקען ניט די בעל הבית'טע, ניט איהר קליין צימערל; איהר איז דאָ געװאָרען שטיקענד, שװער און מורא'דיג. פּעדאַסיאַ װאַסיליעװנאַ, װעלכע איז געװען צומישט אויף איהרע קראַנקהייטען און בלומרשט'דיגען אריסטאָקראַטיזמוס, איז איהר אזוי מיאוס געװאָרען, אַז עס האט זיך איהר געדאַכט, אַז אלעס אויף דער

וועלט איז געוואָרען אזוי גראָב און ניט אנציהענד נור דערפאר, ווייל עס לעבט דיעזע פרוי.

מאשענקא איז אראבגעשפרונגען פון בעט און זיך גענומען איינ־פאקען.

— קען מען אריינגעהן? — האט הינטער דער טהיר געפרעגט ניקאָלאי סערגייאיטש. ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר לאנגזאם און האט גערעדט מיט א שטילען, ווייכען קול — קען מען?

— קומט אריין.

ער איז אריין און האט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טהיר. זיינע אויגען האבען געקוקט אומעדיג און דאס רויט נעזעל האט געגלאנצט. נאָך מיטאָג האט ער געטרונקען ביער, און דאס איז קענטיג געווען נאָך זיין גאנג, נאָך זיינע שוואכע, שלאפע הענד.

— וואס איז דאס? — האט ער געפרעגט, אָנווייזענדיג אויפ'ן קאָרב.

— איך פּאק זיך איין. ענטשולדיגט, ניקאָלאי סערגייאיטש, איך קען מעהר נישט פארבלייבען אין אייער הויז. מיך האט טיעף בעליי־דיגט די אונטערזוכונג!

— איך פארשטעה... אבער פון דעסטוועגען.... צו וואס? מען האט אונטערזוכט און איהר לאכט זיך אויס... וואס הארט אייך? אייך וועט דערפון גאָרנישט אָבקומען.

מאשענקא האט געשוויעגען און זיך נאָך אַלץ געפּאקט.

ניקאָלאי סערגייאיטש האט א ציה געטהאָן זיינע וואָנצעס, עפּעס אזוי ווי ארומטראכטענדיג, וואס נאָך צו זאָגען, און ווייטער גענר־מען ריידען מיט א זיסען, איינשמייכלענדיגען קול.

— איך אליין פארשטעה גאנץ גוט, אבער מען דארף האבען נאָכזיכט. איהר ווייסט דאָך, מיין ווייב איז א נערוועזע, א צודרעהטע, מען דארף ניט זיין שטרענג...

מאשענקא האט געשוויגען.

— אויב איהר פיהלט זיך אזוי שטארק בעליידיגט — האט ווייטער גערעדט ניקאָלאי סערגייאיטש — דאן... דאן בין איך בערייט זיך פאר אייך צו ענטשולדיגען. נו, ענטשולדיגט.

מאשענקא האט גאָרנישט געענטפערט, זי האט זיך נור נאָך נידעריגער איינגעבויגען צו איהר סאקוואיאזש. אט דיעזער פאר־

שכור'טער, אונענטשלאָסענער מענש האט קיין שום דעה נישט גע־האט אין שטוב. ער האט אפילו ביי די דיענסטען געשפיעלט די קלעגליכע ראָלע פון א צוטשעפעניש, אַן איבעריגען מענשען; און זיין ענטשולדיגונג האט אויך ניט געהאט קיין שום בעדייטונג.

— הם... איהר שווייגט? אייך איז עס ניט גענוג? אויף אַזאַ אופן ענטשולדיג איך זיך פאר דער ווייב, אין דער ווייב'ס נאָמען. זי איז זיך בעגאַנגען ניט טאַקטיש, איך גיעב עס צו, ווי אַן ערעל־מאַן...

ניקאָלאַי סערגייאיטש איז זיך דורכגעגאַנגען, האט א זיפץ גע־טהאָן און ווייטער גערעדט:

— איהר דאַרפט הפנים, אַז ביי מיר זאָל קאַלופען אָט דאָ, אונטער'ן הארצען... איהר דאַרפט, אַז דאַס געוויסען זאָל מיך פּלאָגען...

— ניקאָלאַי סערגייאיטש, איך ווייס, אַז איהר זייט ניט שול־דיג — האט געזאָגט מאַשענקאַ, קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים מיט איהרע גרויסע, פאַרוויינטע אויגען — הײנט צו וואָס זאָלט איהר זיך פּלאָגען?

—געוויס... נור איהר פון דעסטוועגען, איהר... ניט פאָהרט אוועק... איך בעט אייך...

מאַשענקאַ האט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

ניקאָלאַי סערגייאיטש האט זיך אָבגעשטעלט ביים פענסטער און גענומען באַראַבאַנעווען איבער די שויבען.

—אָט אַזעלכע טעות'ן זיינען פאר מיר אַן אמת'ע מאַטערניש— האט ער ארויסגערעדט — וואָס זאָל איך טהאָן? אויף די קניע זיך פאר אייך שטעלען, וואָס? מען האט בעליידיגט אייער שטאָלץ, און אָט, איהר וויינט, קלייבט זיך אַוועקצופאָהרען, אָבער ביי מיר איז דאָך אויך דאָ אַ געוויסער שטאָלץ און איהר קוקט ניט אויף דעם. אדער ווילט איהר איך זאָל פאר אייך זאָגען דאַס, וואָס איך וועל אפילו פאר'ן גלח ניט זאָגען, בעת איך וועל זיך מתודה זיין פאר איהם? ווילט איהר? הערט אויס, איהר ווילט, איך זאָל זיך מודה זיין אין דעם, אין וואָס איך וועל זיך אפילו אין מיין ודוי פאר'ן טויט ניט מודה זיין?

מאַשענקאַ האט געשוויגען.

— איך האב גענומען ביי דער ווייב די בראָשקע — האט שנעל ארויסגערעדט ניקאָלאַי סערגייאיטש — נו, אַצינד זייט איהר שוין צופריעדען? בעפריעדיגט? יאָ, איך... האב גענומען... נור געוויס האָף איך אויף אייער פארשוויגענקייט... אום גאָטעס ווילען, קיין וואָרט, קיינעם נישט, קיין אָנצוהערעניש אפילו נישט, איהר הערט!..

מאַשענקאַ א פערוואונדערטע און א צושראָקענע, האט זיך ווייטער געפּאַקט; זי האט געכאַפּט איהרע זאכען, זיי געקנייטשט און אָהן אָרדנונג זיי געשטופּט אין קאָרב און אין סאַקוואַיאַזש.

אַצינד, נאָך ניקאָלאַי סערגייאיטש'עס אָפענהערציגער ערקלערונג האט זי דאָ נישט געקענט מעהר פארבלייבען קיין איין מינוט און זי האט זיך שוין געוואונדערט, ווי אזוי האט זי פריהער געקענט לעבען אין דיעזען הויז.

—און עס איז ניטאָ וואס זיך צו וואונדערן... — האט גענומען ריידען ניקאָלאַי סערגייאיטש נאָך אַ קורצען שטילשווייגען — עס איז א גאַנץ געוועהנליכע געשיכטע! איך דארף גויטיג דאס געלד און זי... גיט נישט. אָט דיעזעס הויז און אלעס, וואס דאָ געפינט זיך, האט דאָך מיין טאַטע אָנגעלעבט, מאַריאַ אַנדרעיעווּנאַ! אָט דאס אלעס איז דאָך מיינס, און די בראָשקע האט דאָך געהערט צו מיין מוטער, און... אלעס איז מיינס! און זי האט אַלץ פערנומען, האט אלעס אריינגעכאַפּט אין איהרע הענד... איך'ל דאָך נישט געהן מיט איהר פיהרען קיין פּראָצעסען, איהר פערשטעהט דאָך אליין... איך בעט אייך, איך בעט אייך זעהר און זעהר, ענטשולדיגט און... און בלייבט. וועט איהר בלייבען?

— ניין! — האט געזאָגט מאַשענקאַ פעסט און גענומען ציטערען — לאָזט מיך אָב, איך בעט אייך!

— נו, זאָל אייך גאָט העלפען — האט א זיפץ געטהאָן ניקאָלאַי סערגייאיטש, זיך זעצענדיג אויף א ביינקעלע נעבען קאַסטען — דעם אמת זאָגענדיג, האב איך ליעב די, וועלכע קענען זיך נאָך בעליידיגען, פעראַכטען און אזוי ווייטער. הונדערט יאָהר וואָלט איך אזוי געזעסען און אויף אייער ענטריסטעטען פּנים געקוקט... הייסט עס, אַלזאָ, אז איהר בלייבט ניט? איך פארשטעה... אַנדערש האט גאַר נישט געקענט זיין... נו, יאָ, געוויס... אָט אייך איז גוט, אבער מיר איז אָט אזוי — בררר!... קיין איין טריט קען מען נישט טהאָן

פון אָט דעם קבר... איך וואָלט אוועקפאָהרען אויף עפּעס אַן אַנדער גוט אונזער׳ס, זיינען אבער אומעדום פאַראַן גענוג דער ווייב׳ס יוצר משרתים... פערוואַלטערס, אַגראָנאָמען, דער טייפעל זאָל זיי אַלעמען צונעהמען, פאַרוועהרען דיר און פאַרוועהרען... קיין פיש זאָלסטו נישט כאַפּען, אויף די גראָז נישט טרעטען, די בוימער נישט ברעכען...

— ניקאָלאַי סערגייאיטש! — האט זיך דערהערט פון זאַאַל פעדאָסיאַ וואַסיליעוונאַ׳ס קול — אַגניאַ, רוף אַהער דעם פּריץ!

— אַלזאָ, איהר בלייבט ניט? — האט געפרעגט ניקאָלאַי סער־גייאיטש, זיך שנעל אויפהויבענדיג און געהענדיג צום טהיר — פון דעסטוועגען וואָלט איהר פאָרט געדאַרפט זיך אָבשטעלען, אויף מיין וואָרט. אויפ׳ן אבענד וואָלט איך אריינגעגאַנגען צו אייך... וואָלטען מיר געשמועסט א ווײַלע. הא? בלייבט דאָ! געהט איהר אַוועק, בלייבט אין גאַנצען שטוב קיין איין מענשליכע באַשעפעניש נישט. דאס איז דאָך שרעקליך!

דער בלאַסער, פאַר׳שכור׳טער פּנים פון ניקאָלאַי סערגייאיטש האט זיך געבעטען, אבער מאַשענקאַ האט א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ: „ניין!“ און ער האט א מאַך געטהאָן מיט א האַנד און איז ארויס.

אין א האַלבע שעה ארום איז זי שוין געווען אין וועג.

די כאָריסטקע

אַמאָל, ווען פּאַשאַ איז נאָך געווען אינגער, שעהנער און מעהר ביי דער שטימע, איז ביי איהר אויפ'ן זומער פּלאַץ געזעסען ניקאָלאַי פּעטראָוויטש קאָלפּאַקאָוו, איהר פערעהרער. עס איז געווען אונער־טרעגליך הייס און שטיקענד. קאָלפּאַקאָוו האט נור וואס אָבגעגעסען מיטאָג און אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פלאַש שלעכטען פּאָרטוויין. ער האט זיך געפיהלט ניט געזונד און שלעכט אויפגעלעגט.ביידען איז געווען זעהר לאַנגווייליג און זיי האבען געוואַרט, עס זאָל אָבפּאַלען די היץ, אום מען זאָל קענען געהן שפּאַצירען.

פּלוצים האט מען גאַנץ אונערוואַרטעט אָנגעקלונגען אין פירהויז. קאָלפּאַקאָוו, וועלכער איז געזעסען אָהן אַ רעקעל און אין טופליעס, איז אויפגעשפּרונגען און האט פרעגענדיג אַ קוק געטהאָן אויף פּאַשען.

— דאס איז מסתמא דער בריעף־טרעגער, אדער קען זיין אַ פריינדין — האט געזאָגט די זינגערין.

קאָלפּאַקאָוו האט זיך נישט געשעהמט נישט פאר אַ פריינדין און נישט פאר'ן בריעף־טרעגער, נור אויף יעדען פאַל, האט ער גענומען זיינע קליידער און איז ארויס אין צווייטען צימער, און פּאַשאַ איז געלאָפען עפענען די טהיר. צו איהר גרעסטער פערוואונדערונג, איז אויפ'ן שוועל געשטאַנען ניט דער בריעף־טרעגער און ניט אַ פריינדין, נור עפּעס אַ פרעמדע פרויענצימער, אַ יונגע, שעהנע, אַריסטאָקראַ־טיש־געקליידעטע און, ווי עס האט געשיינט, פון די אנשטענדיגע...

די אונבעקאַנטע איז געווען בלאַס און האט געאָטהעמט שווער, אַזוי ווי פון געהן אויף הויכע טרעפּ.

— וואס פערלאַנגט איהר? — האט געפרעגט פּאַשאַ.

די דאַמע האט נישט גלייך געענטפערט. זי האט געטהאָן אַ טראָט פאַראויס, האט לאַנגזאַם ארומגעקוקט דעם צימער און זיך

געזעצט מיט אזא מינע, ווי זי וואָלט נישט געקענט שטעהן אויף די פיס פון מידקייט אדער שוואכקייט; דערנאָך האט זי לאנג באַוועגט מיט איהרע בלאַסע ליפּען, זיך סטאַרענדיג עפּעס אויסצורעדען.

—מיין מאַן איז ביי אייך? — האט זי ענדליך געפרעגט, אויפהויבענדיג אויף פּאשען איהרע גרויסע אויגען מיט רויט־פּאַרוויינטע אויגען־לידער.

— וועלכער מאַן? — האט אויסגעשעפּטצעט פּאשא און האט זיך פּלוצים אזוי דערשראָקען, אז הענד און פיס זיינען ביי איהר קאַלט געוואָרען — וועלכער מאַן? — האט זי איבערגעפרעגט און גענומען ציטערען.

— מיין מאַן... ניקאָלאַי פּעטראָוויטש קאָלפּאַקאָוו.

—נ־ניין... ניין, מאַדאם... איך... איך קען קיין שום מאַן נישט....

א מינוט איז אוועק אין שווייגען.

די אונבעקאַנטע האט עטליכע מאָל צוגעטראָגען א טיכעל צו איהרע בלאַסע ליפּען און, כדי צו בעהערשען דאס אינערליכע ציטערען, האט זי איינגעהאַלטען דעם אָטהעם, און פּאשא איז געשטאַנען פאר איהר אונבעוועגליך, ווי אַן איינגעגראָבענע, און האט געקוקט אויף איהר אונענטשלאָסען און מיט שרעק.

— אַלזאָ, זאָגט איהר, אז ער איז דאָ ניטאָ? — האט געפרעגט די דאַמע שוין מיט א פעסטען טאָן און עפּעס מאָדנע שמייכלענדיג.

— איך... איך ווייס ניט, אויף וועמען איהר פרעגט.

— איהר זייט א העסליכע, א נידעריגע, א שמוציגע... — האט געמורמעלט די אונבעקאַנטע, קוקענדיג אויף פּאשען מיט האס און עקעל — יאָ, יאָ... א שמוציגע. עס פרעהט מיך זעהר און זעהר, וואס איך קען עס אייך ענדליך ארויסזאָגען.

פּאשא האט דערפיהלט, אז אויף דער שוואַרץ־געקליידעטער דאַמע מיט די בייזע אויגען און די ווייסע, דינע פינגער, מאַכט זי אַן איינדרוק פון עפּעס אבשטויסענדעס, העסליכעס, און זי האט זיך פאַרשעהמט פאר איהרע פולע, רויטע באַקען, די געלע פּלעקען אויף דער נאָז און דער גשיבע אויפ'ן שטערן, וועלכע האט זיך פאר קיין פאַל נישט פאַרקאַמט ארויף, און איהר האט זיך געדאַכט, אז ווען זי וואָלט

געוועזן אַ מאָגערע, ניט קיין געפּודערטע און אָהן אַ גשיבע, וואָלט נאָך מעגליך געוועזן צו בעהאַלטען, אַז זי איז ניט קיין אַנשטענדיגע און דאַן וואָלט ניט געוועזן אַזאַ חרפּה און אַזוי מורא'דיג צו שטעהן פאַר דער אונבעקאַנטער, געהיימניספולער דאַמע.

— וואו איז מיין מאַן? — האָט ווייטער גערעדט די דאַמע — איינענטליך, צו איז ער דאָ צו ניט, מיר איז אַלץ איינס, איך דאַרף אייך נור זאָגען, אַז עס איז ענטדעקט געוואָרען די פאַרשוועהרונג און ניקאָלאַי פּעטראָוויטש'ן זוכט מען... מען וויל איהם אַרעסטירען. אָט וואָס איהר האָט אָנגעמאַכט!

די דאַמע איז אויפגעשטאַנען און איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער אין שטאַרקער אויפרעגונג. פּאַשאַ האָט אויף איהר געקוקט און נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט פאַר שרעק.

— היינט נאָך וועט מען איהם געפינען און אַרעסטירען — האָט געזאָגט די פרוי און האָט אַ כליפּע געטהאָן, און אין דיעזען געוויין האָט זיך געהערט אַ בעליידיגונג אַ כעס — איך ווייס, ווער עס האָט איהם געבראַכט צו אַזאַ שרעקליכער טהאַט! העסליכע, פערדאָרבענע! עקעלהאַפטע, פאַרקויפטע באַשעפעניש! (ביי דער דאַמע האָבען זיך פאַרקרימט די ליפּען און די נאָז האָט זיך פאַרקנייטשט פון עקעל)— איך בין מאַכטלאָז... הערט אויס, איהר, נידעריגע פרויענצימער!... איך בין מאַכטלאָז, איהר זייט שטאַרקער פאַר מיר, עס איז אָבער דאָ, ווער עס זאָל זיך אָננעהמען פאַר מיר מיט די קינדער! גאָט זעהט אַלעס! ער איז גערעכט! ער וועט זיך אָברעכענען מיט אייך פאַר מיין יעדען טרער, פאַר אַלע שלאָפלאָזע נעכט! עס וועט קומען אַ צייט, איהר וועט מיך נאָך דערמאָנען!..

עס איז ווידער שטיל געוואָרען.

די דאַמע איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער און געבראָכען די הענד און פּאַשאַ האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף איהר טעמפּ, פערוואונדערט, האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען און געריכט זיך פון איהר עטוואָס שרעקליכעס.

— איך, מאַדאַם, ווייס פון גאָרנישט — האָט זי אויסגערעדט און זיך פּלוצים צוואויינט.

— איהר לייגט! — האָט אויסגעשריען די דאַמע און בייז אַ בליק געטהאָן אויף איהר מיט די אויגען — איך ווייס אַלעס! איך

קען אייך שוין לאַנג! איך ווייס, אז לעצטען מאָנאַט איז ער אַבגע־זעסען ביי אייך יעדען טאָג!

— יאָ. טאָ איז וואס? וואס איז דערפון געדרונגען? צו מיר קומען א סך געסט, אבער איך צווינג קיינעם נישט. ווער עס וויל, קומט.

— איך זאָג דאָך אייך: מען האט אויסגעפונען די פארשווענ־דונג! פון דעם פּלאַץ, וואו ער דיענט, האט ער פארשווענדעט געלד, פרעמדעס געלד! צוליעב אזא... ווי איהר, צוליעב אייך, האט ער זיך ענטשלאָסען צו בעגעהן א פערברעכען. הערט אוים — האט געזאָגט די דאמע מיט אַן ענטשלאָסענעם טאָן, זיך אָבשטעלענדיג פאר פּאשען — ביי אייך קענען נישט זיין קיין פּרינציפּען, איהר לעבט נור צוליעב דעם, אז איהר זאָלט קענען טהאָן שלעכטעס, אָט דאס איז אייער צוועק... אבער עס לאָזט זיך ניט דענקען, אז איהר זייט געפאלען אזוי טיעף, אז ביי אייך איז נישט פארבליעבען קיין שפּור פון א מענשליכען געפיהל! ער האט א ווייב, קינדער... אויב מען וועט איהם משפּט'ען און פארשיקען, דאַן וועל איך מיט די קינדער שטארבען פאר הונגער... פארשטעהט עס קלאָר! און דאָך איז דאָ איין מיטעל צו ראטעווען איהם און אונז פון אָרימקייט און שאַנדע. אויב איך וועל היינט אריינטראָגען ניין הונדערט רובעל, וועלען זיי איהם לאָזען צופריעדען. מעהר נישט ווי ניין הונדערט רובעל!

— וואס פאר א ניין הונדערט רובעל? — האט שטיל געפרעגט פּאשא — איך... איך ווייס נישט... איך האב נישט גענומען...

— איך בעט ביי אייך נישט קיין ניין הונדערט רובעל... איהר האט נישט קיין געלד, דארף מען נישט, איך דארף נישט אייערס. איך בעט עפּעס אַנדערש... געוועהנליך שענקען די מענער אזעלכע, ווי איהר זייט, טהייערע ציערונג. קעהרט מיר אום צוריק נור די זאכען, וואס איהר האט געקראָגען פון מיין מאַן!

— מאדאם, זיי האבען מיר קיין שום זאכען ניט געשענקט! — האט א קוויטש געטהאָן פּאשא, אָנהויבענדיג צו בעגרייפען.

— היינט, וואו איז דאס געלד? ער האט פארשווענדעט זיינס, מיינס און פרעמדעס... וואו איז דאס אלעס אהינגעקומען? הערט אוים, איך בעט אייך! איך בין געוועזען אויפגערעגט און האב אייך אָנ־געזאָגט א סך אונאנגענעהמליכקייטען, אבער איך ענטשולדיג זיך פאר

אייך. איהר דארפט מיך האסען, איך וויים, אבער, אויב איהר זייט פעהיג אויף רחמנות, טאָ געהט אריין אין מיין לאַגע! איך בעט אייך, גיט מיר אוועק די זאכען.

— הם... — האט געזאָגט פאשא און א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס — איך וואָלט מיט פערגעניגען, נור זאָל מיך גאָט שטראָפען, זיי האבען מיר גאָרנישט געגעבען. גלויבט מיר, אויף מיין געוויסען. איבריגענס, זייט איהר גערעכט — האט געזאָגט די זינגע־רין און איז צומישט געוואָרען — זיי האבען מיר עפּעס איין מאָל גע־בראכט צוויי קליינינקייטען. אָט, איך וועל זיי אייך אָבגעבען, אויב איהר פערלאַנגט...

פאשא האט ארויסגעצויגען איינעם פון די טואלעט־קעסטעלאך און האט פון דאָרט גענומען א געבלאָזענעם, גאָלדענעם בראסלעט און א דין רינגעל מיט א רובין.

— אָט, נאַט! — האט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיג די דאָזיגע זאכען דער אונבעקאַנטער פרוי.

— וואס גיט איהר מיר? ניט קיין נדבה בעט איך, נור דאס, וואס קומט ניט אייך... וואס איהר האט, זיך בענוצענדיג מיט אייער לאַגע, ארויסגעקוועטשט פון מיין מאַן... פון דיעזען שוואכען, אונ־גליקליכען מענשען... דאָנערשטאָג, ווען איך האב אייך געזעהן מיט מיין מאַן אויפ'ן האפען, האט איהר געטראָגען טהייערע בראָשקעס און בראסלעטען. אויף אזא אופן איז גאָר אומזיסט, וואס איהר מאכט זיך פאר אזא אונשולדיג שעפעלע! איך בעט אייך דאס לעצטע מאָל: גיט איהר מיר די זאכען, צו ניט?

— וואס פאר א מאָדנע איהר זייט, עהרען וואָרט... — האט געזאָגט פאשא און זיך גענומען פיהלען בעליידיגט — איך פערזיכער אייך, אז פון אייער ניקאָלאַי פּעטראָוויטש'ן האב איך אויסער דער בראסלעטקע מיט'ן רינגעל, גאָרנישט אָנגעזעהן. זיי פלעגען מיר נור ברייגען זיסע קוכעלאך.

— זיסע קוכעלאך... — האט א לאַך געטהאָן די אונבעקאַנטע — אין דער היים האבען די קינדער נישט וואס צו עסען, און דאָ זיינען זיסע קוכעלאך. איהר זאָגט זיך אלזאָ בעשטימט־אָב מיר אומצוקעה־רען די זאכען?

נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, האט זיך די דאמע געזעצט

און, טראַכטענדיג וועגען עפּעס, האט זי געקוקט נור אויף איין פּונקט.

— וואס טהוט מען אצינד? — האט זי אויסגערעדט — אויב איך וועל ניט קריעגען די ניין הונדערט רובעל, דאַן איז ער פערלאָרען, און איך מיט די קינדער זיינען פערלאָרען. דער׳הרג׳ענען דיעזע פּאַס־קודסטוואָ, אדער זיך שטעלען פאר איהר אויף די קניע אפשר?

די דאַמע האט צוגעדריקט דאס טיכעל צום פּנים און האט זיך צוואויינט.

— איך בעט אייך! — האט זיך געהערט צווישען איהר געוויין — איהר האט דאָך עס רואינירט און צו גרונד געריכטעט מיין מאַן, ראַטעוועט איהם... איהר האט נישט קיין רחמנות אויף איהם, אבער די קינדער... די קינדער... וואס זיינען די קינדער שולדיג?

פּאַשאַ האט זיך פאָרגעשטעלט קליינע קינדער, וועלכע שטעהען אויפ׳ן גאַס און וויינען פאר הונגער, און זי האט זיך אליין צו־קלאָגט.

— אבער וואס קען איך טהאָן, מאדאם? — האט זי געזאָגט — איהר טענה׳ט אלץ, אז איך בין א פערדאָרבענע און האב רואינירט ניקאָלאי פּעטראָוויטש׳ן, און איך פערזיכער אייך, איך שווער אייך, ווי פאר גאָט אליין... אז איך האב פון זיי קיין שום נוצען נישט... אין אונזער גאַנצען כאָר האט נור איין מאָטיאַ א רייכען געליעבטען, און מיר אלע איבעריגע שלאָגען זיך קוים דורך, אויף ברויט מיט קוואַס. ניקאָלאי פּעטראָוויטש איז א געבילדעטער, א ערעלער הערר, נו האב איך איהם עמפּפאַנגען. מיר קענען נישט ניט עמפּפאַנגען...

— איך פאָדער די זאכען! די זאכען גיט מיר אהער! איך וויין... ערנידעריג זיך... איהר ווילט, אָט שטעל איך זיך אויף די קניע! אָט איז אייך!

פּאַשאַ האט א געשריי געטהאָן פאר שרעק און גענומען מאכען מיט די הענד. זי האט געפיהלט, אז דיעזע בלאַסע, שעהנע דאַמע, וועלכע דריקט זיך אויס אזוי שעהן, ווי אין טעאַטער אויף דער ביהנע, קען נאָך אויף אַן אמת זיך שטעלען פאר איהר אויף די קניע, אויס שטאָלצקייט, אויס ערעלקייט, אום זיך אויסצופיינען און זי, די כאָ־ריסטקע, צו ערנידעריגען.

— גוט. איך וועל אייך אָבגעבען די זאכען! — האט נערוועז

געזאָגט פּאשא, אָבווישענדיג די אויגען — אָט האט איהר. אבער איהר זאָלט וויסען, אז זיי זיינען ניט ניקאָלאַי פּעטראָוויטש׳עס... איך האב זיי געקראָגען פון אנדערע געסט. יאָ, ווי איהר ווילט זיך...

פּאשא האט ארויסגעצויגען דעם אויבערשטען שופליאד פון קאָמאָדע, האט פון דאָרטען ארויסגענומען א בראָשקע מיט דימענטען, א בינטעל קאָרעללען, עטליכע רינגען, א בראַסלעט, און דאס אלעס דערלאַנגט דער דאַמע.

— נעהמט, אויב איהר ווילט, אבער פון אייער מאַן האב איך קיין שום נוצען נישט געהאט. נעהמט עס, ווערט רייך! — האט ווייטער געגרעדט פּאשא, א בעליידיגטע פון דעם סטראַשען זיך צו שטעלען אויף די קניע — און אויב איהר זייט אַן עדלע... א געזעצליכע פרוי זיינע, האט איהר איהם געדארפט האלטען נעבען זיך. אזוי איז דאס! איך האב איהם צו זיך ניט גערופען, ער איז אליין געקומען....

די דאַמע האט דורך טרערען ארומגעקוקט די זאכען, וואס מען האט איהר דערלאַנגט, און געזאָגט:

— דאס איז ניט אלעס... דאָ וועט אפילו פאר פינף הונדערט רובעל אויך נישט זיין.

פּאשא האט העפטיג ארויסגעשליידערט פון קאָמאָדע נאָך א גאָלדענעם זייגער, א סיגארען־טאַש און שפּאַנקעס, און, מאכענדיג מיט די הענד, האט זי געזאָגט:

— ביי מיר איז שוין מעהר גאָרנישט פארבליעבען... איהר קענט מיך אפילו ארומזוכען!

די פרוי האט א זיפץ געטהאָן, מיט ציטערענדע הענד האט זי איינגעפּאקט די זאכען אין א טיכעל, און, נישט זאָגענדיג קיין וואָרט, אפילו ניט א מאַך טהאָנדיג מיט׳ן קאָפּ, איז זי ארויס.

פון׳ם צווייטען צימער האט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אריינגעקומען קאָלפּאַקאָוו. ער איז געווען בלאַס און האט נערוועז געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט נור וואס איינגענומען עטוואס זעהר ביטערעס; אין זיינע אויגען האבען געבליסטשעט טרערען.

— וואס פאר א זאכען האט איהר מיר געבראכט? — האט זיך פּאשא אויף איהם ארויפגעוואָרפען — ווען, ערלויבט מיר, אייך צו פרעגען?

— זאכען... נארישקייטען! וואס פאר א זאכען! — האט אויסגערעדט קאָלפּאקאָוו און א טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ — מיין גאָט! זי האט פאר דיר געוויינט, זיך ערנידעריגט...

— איך פרעג ביי אייך, וואס פאר א זאכען האט איהר מיר גע־בראכט? — האט א געשריי געטהאָן פּאשא.

— גאָט מיינער, זי, די עדעלע, שטאָלצע, ריינע... אפילו אויף די קניע האט זי זיך געוואָלט שטעלען פאר... פאר אזא מויד! און איך האב זי דערצו געבראכט! איך האב עס דערלאָזען!

ער האט זיך אָנגעכאפּט פאר'ן קאָפּ און ארויסגעקרעכצט:

— ניין, איך וועל דאס זיך קיין מאָל ניט מוחל זיין! קיין מאָל ניט! אוועק פון מיר, אוועק... פּאסקודסטווע!... — האט ער א געשריי געטהאָן מיט עקעל, אָבטרעטענדיג פון פּאשען און אָבשטו־פּענדיג זי מיט ציטערענדע הענד — זי האט זיך געוואָלט שטעלען אויף די קניע און... פאר וועמען? פאר דיר! אוי, גאָט מיינער!

ער האט זיך שנעל אָנגעטהאָן און אויסמיידענדיג פּאשען מיט א געפיהל פון עקעל, איז ער צוגעגאנגען צו דער טהיר און איז ארויס.

פּאשא האט זיך אנידערגעלייגט און גענומען וויינען הויך אויפ'ן קול. עס איז איהר שוין איצט געווען א שאָד איהרע זאכען, וועלכע זי האט אויף דער הייסער מינוט אוועקגעגעבען, און זי האט זיך גע־פיהלט בעליידיגט.

זי האט זיך דערמאָנט, ווי מיט דריי יאָהר צוריק האט איינער א סוחר זי אומזיסט און אום נישט גוט אָנגע'הרג'עט, און זי האט זיך נאָך העכער צוואויינט.

די פארבלאנדזשעטע

דער גאַנצער זומער פּלאַץ איז איינגעהילט אין א שטאָק־פינס־טערניש. דער דאָרף־זייגער קלינגט איינס. די געשוואָרענע אדוואָקאַטען קאַזיאוקין און לאַיעוו, ביידע אין אַן אויסגעצייכענטען מוטה און אַביסעלע אונטערגעשנאָסקעט, געהען ארוים פון וואַלד און ווענדען זיך צו די זומער וואָהנונגען.

— נו, גאָט צו דאַנקען, געקומען... — זאָגט קאַזיאוקין, אָבאָטהעמענדיג — אין אונזער צושטאַנד אָבגעהן צו פוס פינף ווערסט פון סטאַנציאָן איז אַ העלדישקייט. איך האָב מיך שרעקליך אָנגעמוטשעט! און, ווי אויף צו להכעיס איז נישטאָ קיין איין דראָזשקע...

— האַרצעדיגער פּעטיא... איך קען נישט! אויב איך וועל אין פינף מינוט ארום נישט ליעגען אין בעט, וועל איך, דאַכט זיך, שטאַרבען!

— אין בע־ע־עט? נו, דאָס ברודער, לאַכסטו מסתמא! מיר וועלען אַפריהער וועטשערע עסען, א גוט ביסעל משקה אויסטרינקען, און דערנאָך ערשט אין בעט אריין. איך און מיין וויעראָטשקא וועלען דיר נישט לאָזען שלאָפען... א חיות, זאָג איך דיר, ברודער'ל, איז צו האָבען א ווייב! דו וועסט עס קיין מאָל נישט פערשטעהן, מיט דיין טרוקענער נשמה. אָט וועל איך באַלד קומען צו זיך אַהיים, א מיעדער, א פערמאַטערטער... מיך וועט באַגעגענען מיין ליעב ווייבעלע, וועט מיך אָנטרינקען מיט טהעע, געבען עסען און אוים דאַנקבאַרקייט פאַר מיין אַרבייט, פאַר מיין ליעבע צו איהר, וועט זי א קוק טהאָן אויף מיר מיט איהרע שוואַרצינקע אויגעלאַך אַזוי צאַרט און פריינדליך, אַז איך וועל פערגעסען, ברודער'ל מיינער אי די מיעדקייט, אי די גנבה מיט דעם אויפברעכען, אי דעם געריכטס־זאַאַל, אי דעם קאַסאַציאָן־דעפּאַרטאַמענט... ג־ר־ו־ט!..

— אָבער... ביי מיר האָבען, דאכט זיך, די פיס אָבגענומען... קוים וואָס איך שלעפּ זיך... און טרינקען ווילט זיך... שרעקליך...

— נו, אָט זיינען מיר אין דער היים.

די חברים געהען צו צו איינער פון די זומער־וואָהנונגען און שטע־לען זיך אָב ביי א פענסטער.

— א זומער פּלאַץ, אַן אנטיק — זאָגט קאַזיאַווקין — אָט מאָר־גען וועסטו זעהען, וואָס פאר א שעהנע אויסזיכטען דאָ זיינען פאַ־ראַן; ס'איז פינסטער אין די פענסטער, ווייזט אויס, וויעראַטשקא האָט זיך שוין געלעגט, זי האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטען. זי ליעגט מסתמא און מוטשעט זיך, וואָס איך בין נאָך ביז אַצינד נישטאָ.. (ער גיט א שטופּ מיט'ן שטעקען דאָס פענסטער, וואָס עפענט זיך) אָט וואָס פאַר א העלדין זי איז! ליעגט זיך אין בעט אריין און פער־מאַכט אפילו נישט די פענסטער. (ער טהוט אויס דאָס רעקעל און וואַרפט עס צוזאַמען מיט דעם פּאָרטפעל אין פענסטער אריין). היים! נו, ברודער, לאָמיר נעהמען זינגען א סערענאַדע, מיר וועלען זי לאַכעדיג מאַכען... (זינגט): „די לבנה שווימט איבער די ביינאַכטיגע הימ־לען... א ווינטעלע בלאָזט קוים קוים..." זינג, אַליאָשאַ! וויע־ראַטשקאַ, זינגען דיר שובערט'ס סערענאַדע? (זינגט): „שטי־ל בע־טען מיי־נע ליעדער"... (דאָס קול רייסט זיך איבער מיט א קראַמפּ־האַפטען הוסטען.) טפו! וויעראַטשקאַ, זאָג אַקסיניען, זי זאָל אונז עפענען די פאָרטקע! (פּויזע) וויעראַטשקאַ, פויל־זשע זיך נישט, שטעה אויף, ליעבע! (ער שטעלט זיך אויף א שטיין און קוקט אריין אין פענסטער) וויערונטשעק, מאַמעלע מיינס, וויערונטשיקעל... מלאך'ל וויבעלע מיינס, איין און איינציגס, שטעה אויף און זאָג אַקסיניען, זי זאָל אונז עפענען די פאָרטקע! דו שלאָפסט דאָך נישט! מאַמעלע, מיר זיינען אַזוי מיעד און אָהן קרעפטען, אז עס גלוסט זיך אונז אין גאַנצען נישט צו וויצלען. מיר זיינען דאָך געגאַנגען צו פוס פון דער סטאַנציאָן! הערסטו, צו נישט? אַך, דער טייפעל זאָל עס כאַפּען! (ער פּרובירט אריינצוקריעכען אין פענסטער און רייסט זיך אָב) אפשר זיינען דעם גאַסט נישט אַנגענעהם די שפּאַסען! ווי איך זעה, וויערא, ביזטו געבליעבען די זעלבע אינסטיטוטקע, ווי געווען, דו וואָלסט נור געשטיעפט...

— און אפשר, עס קען דאָך זיין, אז וויערא סטעפּאַנאָוונא שלאָפט!
— זאָגט לאיעוו.

— זי שלאָפט נישט! עס ווילט זיך איהר מסתמא, אז איך זאָל מאכען א יריד און אויפוועקען אלע שכנים! איך הויב זיך אָן צו בייזערען, וויערא! א, דער טייפעל זאָל עס כאפּען! הויב מיך אונטער, אליאָשא, איך וועל ארייגקריכען! א נאריש מיידעל ביזטו, א פּענסיאָנערקע און נישט מעהר!... הויב אונטער!

שווער סאָפּענדיג הויבט לאיעוו אונטער קאָזיאַווקין'ען. יענער קריכט אריין אין פענסטער און פערשווינדעט אין דער פינסטערניש פונ'ם צימער.

— וויערקאַ! — הערט אין א מינוט ארום לאיעוו — וואו ביזט דו? א שווארץ יאָהר... טפוי, טייפעל... כ'האָב אין עפּעס די האנד אויסגעפּאטשקעט! טפוי!

עס דערהערט זיך א שאָרכען, א קלאפּעריי פון פליעגלען און א פערצווייפעלטער געשריי פון א האָהן.

— אָט האָסטו דיר! — הערט לאיעוו — וויערא, פון וואנען האָבען זיך ביי אונז גענומען היהנער? אָך, צום טייפעל, ווי פיעל עס זיינען דאָס דאָ פאראַן! א קוישעל מיט אָן אינדיק... זיי פּיקען זיך, די ניעדערטרעכטיגע!...

פון פענסטער פליהען ארוים מיט א געשריי צוויי היהנער און, שרייענדיג אויפ'ן גאנצען קול, נעהמען זיי זיך טראָגען איבער דער גאַס.

— אליאָשא, מיר זיינען אריינגעפאלען נישט אויפ'ן ריכטיגען אָרט! — זאָגט קאזיאוקין מיט א וויינענדיגען קול — דאָ זיינען עפּעס היהנער... איך האָב, ווייזט אויס, א טעות געהאט... עך, כאפּט אייך דער טייפעל, ווי זיי זיינען זיך דאָס צולאָפּען, די פערפלוכטע!...

— טאָ גיעה־זשע געשווינד ארוים! דו פערשטעהסט? איך שטארב פאר דורשט!

— גלייך... איך וועל נור געפינען דאָס רעקעל מיט דעם פּאָרטפּעל...

— צינד אָן א שוועבעלע!

— די שוועבעלאך זיינען אינ'ם רעקעל... דער טייפעל האָט מיך אהער פארשלעפּט! אלע הייזער האָבען דאָ איין פּנים, דער רוח

אליין וועט זיי אויך נישט קענען אונטערשיידען אין דער פינסטער.
אוי, אַן אינדיק האָט מיך אַ דזשובע געטהאָן אין באַק אריין! פער־
דאמ־טע!...

— געה ארוים שנעלער, אַז נישט וועט מען נאָך מיינען, אַז מיר
גנב'ענען היהנער.

— גלייך... דאָס רעקעל קען איך בשום אופן נישט געפינען.
שמאַטעס וואַלגערען זיך דאָ אַ סך אַרום און מען קען נישט דערגעהן
קיין טאָלק, וועלכעס איז דאָס רעקעל. ווארף מיר אַקאָרשט אריין
שוועבעלאַך!

— איך האָב נישט קיין שוועבעלאַך!

— אַ שעהנע לאַגע, נישטאָ וואָס צו רעדען! וואָס טהוט מען
דאָ? אָהן רעקעל און פּאָרטפעל קען מען נישט אוועק. מען מוז זיי
אויפזוכען.

— איך פערשטעה נישט, ווי איז דאָס מעגליך, אַז מען זאָל נישט
קענען דערקענען זיין אייגענע הויז — בייזערט זיך לאַיעוו — אַזאַ
שיכורע מאָרדע... ווען איך זאָל וויסען, אַז עס וועט ארויסקומען אַזאַ
מעשה, וואָלט איך בשום אופן אין דער וועלט מיט דיר נישט געפּאָה־
רען. איך וואָלט מיר אַצינד געווען אין דער היים, וואָלט זיך רוהיג גע־
שלאָפען און דאָ, נאָ דיר, שטעה און מוטשע זיך... מיעד בין איך
שרעקליך, טרינקען ווילט זיך... דער קאָפּ דרעהט זיך!

— באַלד, באַלד... וועסט נישט שטאַרבען...

איבער לאַיעוו'ס קאָפּ פליהט פערביי מיט אַ געפּילדער אַ גרוי־
סער האָהן. לאַיעוו זיפצט טיעף אָב און, אַ מאַך געטהאָן האָפנונגסלאָז
מיט אַ האַנד, זעצט ער זיך אויף אַ אַ שטיין. די נשמה געהט איהם
אוים פאַר דורשט, די אויגען קלעפען זיך צוזאַמען, דעם קאָפּ שלעפּט
אראָב... עס געהען פערביי אַ מינוטען פינף, צעהן, צוואַנציג, און
קאַזיאַוווקין פּאַדעט נאָך אַלץ אַרום די היהנער.

— פּיאָטער, וועט היינט נעהמען אַן עק?

— באַלד. איך האָב שוין געהאַט געפונען דעם פּאָרטפעל, און
האָב איהם ווידער פערלאָרען.

לאַיעוו שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט די פויסטען און פערמאַכט
די אויגען.

דער געשריי פון די היהנער ווערט אַלץ גרעסער. די איינוואָהנע־

רינס פון דער ליידיגער דאטשע פליהען ארויס דורך דעם פענסטער און עס דאכט זיך איהם, ווי ווילדע פויגלען דרעהען זיך ארום אין דער פינסטער איבער זיין קאָפּ. פון זייערע געשרייען קלינגט איהם אין די אויערען, און זיין נשמה געהמט דורך א שרעק.

— פרא אדם!... — טראכט ער — האָט מיר איינגעלאדען צו גאַסט, צוגעזאָגט מכבד צו זיין מיט וויין און מיט זויער מילך און אַנ־שטאָדט דעם האָט ער מיך געצוואונגען צו שלעפען זיך צופוס פון סטאַנציאָן אהער און אויסהערען די קולות פון די פערפלוכטע היה־נער...

בייזערנדיג זיך, שטופּט לאיעוו די מאָרדע אין קאָלנער אריין, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיין פּאָרטפּעל און בערוהיגט זיך ביסלעב־ווייז. מיעד און פערמאַטערט הויבט ער אָן איינצושלאָפען.

— געפונען דעם פּאָרטפּעל! — הערט ער קאזיאוּוקינ'ס טריאומ־פירענדען געשריי — איך וועל באלד געפינען דאָס רעקעל און — א סוף, מיר געהען!

נור אָט, דורכ'ן שלאָף הערט ער א הינטיש בילען. עס בילט צוערשט איין הונד, דערנאָך א צווייטער, א דריטער.. און דאָס הינ־טישע בילען, אויסמישענדיג זיך מיט דעם היהנערישען קוואָקען, גיט ארויס עפּעס א ווילדע מוזיק. עמעצער געהט צו צו לאיעוו'ן און פרעגט איהם וועגען עפּעס. נאָכדעם הערט ער, ווי איבער זיין קאָפּ קריכט מען אין פענסטער אריין, מען קלאַפּט, מען שרייט... א פרוי אין א רויטען שירץ שטעהט נעבען איהם מיט א לאַנטערנע אין דער האַנד און פרעגט וועגען עפּעס.

— איהר האָט נישט קיין רעכט דאָס צו זאָגען! — הערט ער קאזיאוּוקינס קול — איך בין א געשוואָרענער אדוואָקאט „קאַנדידאַט פון רעכט" קאָזיאוּוקין. אָט, האָט איהר מיין וויזיט קאַרטע!

— וואָס טויג מיר אייער קאַרטעל? — זאָגט עמיצער מיט א הייזעריגען באַס — איהר האָט מיר אלע היהנער צוטריעבען, איהר האָט צוקוועטשט די אייער! גיט א קוק, וואָס איהר האָט אָנגעמאַכט! היינט־מאָרגען האָבען זיך די אינדיטשקעס געדאַרפט פון די אייער אויספּיקען און איהר האָט זיי צוקוועטשט. היינט, צו־וואָס־זשע, מיין הערר, טויג מיר אייער קאַרטע?

— איהר זאָלט נישט וואגען מיך צו פערהאַלטען! יאָ, יאָ! איך וועל עס נישט ערלויבען!

— טרינקען ווילט זיך... — טראכט לאיעוו, סטארעט זיך עפע־נען די אויגען און פיהלט, ווי איבער זיין קאָפּ קריכט עמעצער פון פענסטער ארויס.

— איך בין קאַזיאַווקין! דאָ איז מיין זומער פּלאַץ, אַלע קענען מיך דאָ!

— קיין שום קאַזיאַווקין קענען מיר נישט!

— וואָס דערצעהלסטו מיר א מעשה? זאָל מען רופען דעם סטאַ־ראָסטע, ער קען מיך!

— היצט זיך נישט, באַלד קומט צו פאָהרען דער „אוריאַדניק"... אַלע היגע זומער געסט קענען מיך גאַנץ גוט און אייך האָט מען קיין מאָל אויף די אויגען נישט געזעהען.

— איך וואָהן שוין דאָס פינפטע יאָהר אין „די פערפּוילטע קאָ־לאָניעס" אויף א זומער־וואָהנונג!

— אָווא! איז דען דאָס די „קאָלאָניעס"? דאָ איז כילאווא, און די „פערפּוילטע קאָלאָניעס" זיינען אויף רעכטס, הינטער דער פאַבריק פון שוועבעלאָך, א וויאָרסט פיער פון דאַנען.

—דער טייפעל זאָל מיך נעהמען! איך בין, הייסט עס, נישט מיט דעם ריכטיגען וועג געגאַנגען!

די קולות פון די מענשען און עופות מישען זיך אוים מיט דעם הינטישען בילען און פון דעם כאַאָס פון די פערשיעדענע קלאַנגען טיילט זיך אָב קאַזיאַווקינס קול:

— איהר זאָלט נישט וואגען! איך וועל בעצאָהלען! איהר וועט שוין וויסען, מיט וועמען איהר האָט צו טהאָן!

צום סוף ווערען די שטימען וואָס אמאָל שטילער. לאיעוו פיהלט, ווי מען צופּט איהם פאר א אַקסעל...

בענקעניש

פאר וועמען זאָל איך אויסריידען מיינע צרות?...

עס איז פארנאכט. א גרויסער, פייכטער שנעע דרעהט זיך פויל ארום די נאָר־וואס אָנגעצונדענע לאַנטערנעס און ווי א דינער, ווייכער שלייער לעגט ער זיך אויס איבער די דעכער, די פערדישע רוקענס, די פלייצעס, די היטלען.

דער פוהרמאַן יאָנא פּאָטאַפּיטש איז אין גאנצען ווייס, ווי א געשפּענסט. ער האט זיך צוזאַמענגעדרעהט ווי א קנויל, זיצט אויף דער קעלניע און בעוועגט זיך נישט. ווען א גאנצער בארג מיט שנעע זאָל אויף איהם ארויפפאלען, וואלט ער דאן, דאכט זיך, אויך נישט געהאלטען פאר נויטיג, דאס פון זיך אראָבצוטרייסלען.... זיין שקאפּע איז אויך ווייס און אונבעוועגליך. מיט איהר אונבעוועגליכקייט, די גלייכע, דארע פיס, ווי שטעקענס, און די שפּיציגע אויסגעשטארצטע זייטען, איז זי אפילו פון נאָהענטען אויך שטארק עהנליך צו א לעקאך־פערדעל. זי איז מסתמא שטארק ארייגעטהאָן אין איהרע מחשבות. וועמען מען האט אוועקגעריסען פון אקער, פון די בעקאנטע היימישע בילדער און אריינגעשליידערט אין דיעזען שטרודעל פול מיט משונה׳־דיגע פייערן, מיט אייביגען טומעל און פערהאווטעטע ־ פערשמאיעטע מענשען, פאר דעם איז אונמעגליך נישט צו טראכטען...

יאָנא און זיין שקאפּע ריהרען זיך שוין לאנג נישט פון אָרט. פון הויף זיינען זיי ארויסגעפאָהרען נאָך פאר מיטאָג, אבער קיין אָנ־הויב האבען זיי נאָך נישט געהאט, כאָטש נעהם און צוריים זיך.

נור אָט צושפּרייט זיך איבער דער שטאדט דער בייגאכטיגער נעבעל. די בלאסע פייערלאך פון די לאַנטערנעס ווערען פארדונ־קעלט פון די ליכטיגע שטערען און דער גערודער אין גאס ווערט לע־בעדיגער, טומעלדיגער...

— איזוואָשציק, אויף וויבאָרגער גאַס! — הערט יאָנא — איזוואָשציק!

יאָנא טהוט זיך א טרייסעל און דורך די אויגען־לעדלאַך פאַר־קלעפּטע פון שנעע, זעהט ער א מענשען אין מיליטערישע קליידער מיט א קאַפּישאָן.

— אויף וויבאָרגער גאַס! — זאָגט נאָך א מאָל דער מענש — דו שלאָפסט, צו וואס? אויף וויבאָרגער!

אום צו ווייזען, אז ער שלאָפט נישט, טהוט יאָנא א ציה פאַר די לייצעס, און פון דער שקאַפּע'ס רוקען און פון זיינע פּלייצעס נעה־מען זיך שיטען הויפענס מיט שנעע... דער מיליטער־מאַן זעצט זיך אין שליטען. דער פוהרמאַן טהוט א סמאַטשקע מיט די ליפּען, ציהט אוים די האַלז ווי א גאַנז, הויבט זיך אביסעל אויף און, מעהר אוים געוועהנהייט ווי אוים נויט, טהוט ער א מאַך מיט דער בייטש... די שקאַפּע ציהט אויך אוים די האַלז, קרימט אוים איהרע דאַרע פים און אָהן חשק ריהרט זי זיך פון אָרט...

— וואוהין קריכסטו, טייפעל דו! — הערט יאָנא באַלד אין אָנהויב קולות פון מענשען, וואס בעוועגען זיך הין און צוריק אין דער דונקעלהייט — וואו שלעפּט דיך דער רוח? האַלט זיך רעכטס!

— דו קענסט נישט פאָהרען! רעכטס האַלט זיך! — בייזערט זיך דער מיליטער־מאַן.

עס זידעלט זיך דער קוטשער פון דער קאַרעטע, עס קוקט מיט כעס א פאַרבייגעהער, וועלכער איז איהם פערלאָפען דעם וועג און זיך אָנגעשלאָגען מיט'ן אַקסעל אָן דער שקאַפּע'ס מאָרדע. ער בייזערט זיך און טרייסעלט אראָב דעם שנעע פון ארבעל.

יאָנא זיצט אויף'ן קעלניע, ווי אויף שפּילקעס, דרעהט זיך ארום, מאַכט מיט די עלענבויגענס אין אלע זייטען, גלאָצט מיט די אויגען, ווי א משוגענער, אזוי ווי ער וואָלט נישט פערשטאַנען, וואו ער איז און צו וואס ער איז דאָ.

— וואס פאַר א לומפּען זיי זיינען עס! — חכמה'ט זיך דער מיליטער־מאַן — רק זיי ווילען זיך אָן דיר אָנשלאָגען, אדער זיי קרי־כען דיר אונטער'ן פערד. דאס האבען זיי זיך אלע צוזאַמענגערעדט.

יאָנא קוקט זיך ארום אויף זיין פּאַסאַזשיר און בעוועגט מיט די

ליפּען... קענטיג ער וויל עפּעס זאָגען, אבער פון זיין האַלז געהט נור ארויס א שווערער סאָפּען.

— וואס? — פרעגט דער מיליטער־מאַן.

יאָנאַ פארקרימט זיין פּנים אין א כלומרשט׳דיגען שמייכעל, שטרענגט אָן זיין האַלז און שטאַמעלט:

— ביי מיר, פּריץ׳ל, איז אָט וואס... א זוהן איז מיר יענע וואָך אוועקגעשטאָרבען...

— הם!... פון וואס איז ער געשטאָרבען?

יאָנאַ קעהרט זיך אום מיט׳ן גאַנצען קערפּער צום פּאַסאַזשיר און זאָגט:

— ווער ווייס איהם? מסתמא, פון א היטץ־קרענק... דריי טעג איז ער אָבגעלעגען אין שפּיטאָל און געשטאָרבען.... גאָט האט אזוי געוואָלט...

— פון וועג ארונטער, טייפעל! — דערהערט זיך אין דער פינ־סטערניש — ביזט דאָרט בלינד, צו וואס, אַלטער כּלב! מיט די אויגען קוק!

— פאָהר, פאָהר... — זאָגט דער פּאַסאַזשיר — אויף אזא אופן וועלען מיר ביז מאָרגען אויך נישט דערקריכען. טרייב אונטער אביסעל!

דער פוהרמאַן ציהט ווידער אויס די האַלז, הויבט זיך אונטער אביסעל און מיט א שווערער בעוועגונג טהוט ער א מאַך מיט דער בייטש. עטליכע מאָל דערנאָך האט ער זיך אומגעקוקט אויפ׳ן פּאַסאַ־זשיר. יענער אבער האט פערמאַכט די אויגען און איז קענטיג ניט געוועזען אויפגעלעגט צו הערען.

אראָבגעלאָזען דעם פּאַסאַזשיר אויף וויבאָרגער גאַס, שטעלט זיך דער פוהרמאַן אָב נעבען טראַקטיר, דרעהט זיך צוזאַמען אין דרייען אויף דער קעלניע און ווידער ריהרט ער זיך נישט... דער נאַסער שנעע פארשיט איהם ווידער און פארבט אין גאַנצען אויס אין ווייסען אי איהם, אי די שקאַפּע. עס געהט אוועק איין שעה, א צווייטע...

דריי יונגע לייט, שליאָפּענדיג מיט זייערע קאַלאָשען און זיד־לענדיג זיך צווישען זיך, געהען פארביי איבער׳ן טראָטואר: צוויי פון זיי זיינען הויך און דין, דער דריטער איז קליין און איינגעהויקערט.

— איזוואָשציק, צום פּאָליציייאישען בריק! — שרייט דער

הויקער מיט א ציטערענדיגען קול — זאָלבע־דריט... פאר א פער־ציגער!

יאַנאַ טהוט א ציה פאר די לייצעס און שמאַקעט מיט די ליפּען. א פערציגער איז גאָר קיין פּרייז נישט, נור וואס געהט איהם אַצינד אָן דער פּרייז... א רובעל צו פינף קאָפּיקעס — איהם איז איצט אַלץ איינס, אבי נור פּאסאזשירען זאָלען זיין...

שטופּענדיג זיך און ריידענדיג גראָבע רייד, געהען די יונגע לייט צו צום שליטען און נעהמען אַלע דריי אויף א מאָל קריכען אויפ'ן זיץ־פּלאַץ. עס הויבט זיך אויף א פראגע: וועלכע צוויי זאָלען זיצען, און ווער זאָל זיין דער דריטער, וואס מוז שטעהען? נאָך א לאַנגען רייסען זיך, זידלערייען און פּאָרווירפע, קומען זיי אַלע צום שלום, אז שטעהען דאַרף דער הויקער, ווייל ער איז דער סאַמע קלענסטער.

— נו, טרייב אָן! — קוויטשעט דער האָרבאַטער, זיך ארויפ־שטעלענדיג און אטהעמענדיג יאָנאַ'ן אין פּאטילניצע — גיב א שמיץ! און א היטעל האָסטו, ברודער, אוי א היטעל! קיין ערגערע קען מען, דאכט זיך, אין גאַנץ פּעטערבורג נישט געפינען...

— כי־כי... כי־כי... — לאַכט יאָנאַ — אבי דער קאָפּ איז צו־געדעקט...

— נו, דו, טרייב אָן! אָט אזוי וועסטו דאס פאָהרען דעם גאַנ־צען וועג? וואס? און איבער'ן קאָפּ?....

— עס טראַסקעט דער קאָפּ... — זאָגט איינער פון די הויכע — נעכטען האב איך זאָלבענאַנד מיט וואַסקען ביי דוקמאַסאָוו'ן אויס־געטרונקען פיער פלאַשען קאָניאַק.

— איך פערשטעה נישט, צו וואס טויגען דיר אזוינע ליגענס!

— בייזערט זיך דער צווייטער לאַנגער — זאָגט ליגענס גלאַט אין דער וועלט אריין.

— דאס איז אמת. זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב נישט...

— דאס איז פּונקט אזוי אמת, ווי דאס, אַז א לויז הוסט.

— כי־כי! — קוועלט יאָנאַ — אָט דאס זיינען פרעהליכע הערען!

— פוי, צו אַלדע רוחות! — בייזערט זיך דער האָרבאַטער — וועסטו היינט פאָהרען, אַלטער כאָליערא, צו נישט? איז דאס א פאָהרען? אָט אזוי פאָהרט מען דאס? צופּאַלקעווע איהר דאָרט אבי־

סעל מיט דער בייטש! אבער גוט! דער טייפעל זאָל זי כאפּען!

יאָנא פיהלט הינטער זיין רוקען דעם קערפּער און די ציטערענדע שטימע פון'ם האָרבאטען, וועלכער שטעהט נישט איין אויף איין אָרט. ער הערט, ווי מען זידעלט איהם, זעהט מענשען, און דאס גע־פיהל פון איינזאמקייט הויבט ביסלעכוויוז אָן אָבצוגעהען פון הארצען.

דער הויקער זידעלט זיך אזוי לאנג, ביז ער דערשטיקט זיך מיט עפּעס זעהר א לאנגער, א זעקסגאָרענדיגער שימפּפעריי און צוהוסט זיך. די צוויי לאנגע הויבען אָן צו ריידען וועגען עפּעס איינער, א נאדיעזשדא פּעטראָוונא. יאָנא קוקט זיך אויף זיי אום. זיך דער־ווארט אויף א קורצען שטילשווייגען, קוקט ער זיך ווידער ארום און מורמעלט:

— און ביי מיר איז יענע וואָך... אַט וואס... א זוהן איז מיר געשטאָרבען!

— מיר וועלען אלע שטארבען... — זיפצט אָב דער הויקער, אָבווישענדיג זיך נאָך'ן הוסטען די ליפּען — נו, טרייב אָן, טרייב אָן! מיינע העררען, איך קען בשום אופן ווייטער אזוי נישט פאהרען! ווען וועט ער אונז דערשלעפּען?

— אדרבה, מאַך איהם אביסעלע לעבעדיגער... פארפּאָהר איהם דאָרט פון הינטען אין נאקען אריין!

— אלטע כאָלעריע, דו הערסט? איך'ל דיר ארייגפאָהרען אויף אָן אמת!... זיך צערעמאָניען מיט אייער חברה, וועט מען מוזען געהען צופוס!... דו הערסט, שטיק צרה, דו? אדער דו שפּייסט זיך גאָר אוים אויף אונזערע רייד?

און יאָנא הערט מעהר, ווי ער פיהלט, דאס אָבהילכען פון קלעפּ אין פּאטילניצע.

— כי־כי — לאכט ער — פרעהליכע הערען... גאָט זאָל נור געזונד שענקען!

— איזוואָשציק, דו ביזט פערהייראַט? — פרעגט איינער פון די לאנגע.

— ווער, איך? כי־כי... פרעהליכע הערען!... אצינד האב איך נור איין ווייב... דאס איז די נאסע ערד... אָך־אָך־אָך... א קבר האב איך!... דער זוהן מיינער איז געשטאָרבען, און איך לעב... א וואונדערליכע זאַך, דער טויט האט נישט געטראָפען די ריכטיגע

טהיר... אַנשטאָדט צו קומען צו מיר, איז ער גאָר אוועק צו מיין זוהן...

און יאָנאַ קעהרט זיך אום און וויל נעהמען דערצעהלען, ווי אַזוי זיין זוהן איז געשטאָרבען, נור דאָ טהוט זיך דער האַרבאַטער אַ כאַפּ, זיפצט לייכט אָב און ערקלערט, אַז ענדליך זיינען זיי, גאָט צו דאַנקען, אָנגעקומען אויף אָן אָרט.

געקראָגען דעם פּערציגער, קוקט יאָנאַ אַ לאַנגע צייט נאָך די פּרעהליכע יונגען, וועלכע פערשווינדען דאָרט אין דער דונקעלהייט... ווידער איז ער איינזאַם, אַליין, און ווידער פערשפּרייט זיך אַרום איהם אַ שטילקייט... דער אומעט, וואָס האָט איהם אויף אַ ווײַלע געוועזט אָפּגעלאָזען, קומט ווידער אָן און רייסט איהם דאָס האַרץ נאָך שטאַרקער, נאָך מורא'דיגער.

יאָנאַס אויגען, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך אָב טיעפער וועה־טאָג, אונרוהיגקייט און געבעט, לויפען אַרום איבער'ן עולם, וואָס טראָגט זיך פערהאַוועט איבער ביידע זייטען גאַס... צווישען די פיעלע טויזענדער מענשען זוכט יאָנאַ, טאָמער וועט ער געפינען כאָטש איין איינציגען, וואָס זאָל איהם וועלען אויסהערען, פאַר וועמען ער זאָל קענען אויסגיסען זיין ביטער האַרץ. אָבער דער עולם לויפט, בע־מערקט ניט איהם און ניט זיין אומעט... און דער אומעט איז אַ גרויסער, זעהר אַ גרויסער. ווען יאָנאַ'ס ברוסט זאָל צופּלאַצט ווערען און פון דאָרט זאָל זיך אַרויסגיסען דער אומעט, וואָלט ער, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט פערפלייצט, און דאָך זעהט איהם קיינער נישט. ער האָט זיך עפּעס אַזוי קונציג בעהאַלטען אינעווייניג, אין דעם קליינינ־קען, דאַרען מענשעלע, אַז מען קען איהם בשום אופן ניט אַרויסזעהן.

יאָנאַ דערזעהט דעם הויז־וועכטער און בעשליסט צו פאַרפיהרען מיט איהם אַ געשפּרעך.

— הער, מיין ליעבער, ווי שפּעט וועט איצט זיין? — פרעגט ער.

— צעהן אַזייגער... וואָס האָסטו זיך דאָ אָבגעשטעלט? פאָהר ווייטער!

יאָנאַ פאָהרט אָב עטליכע טריט, קאָרטשעט זיך צונויף און טהוט זיך אין גאַנצען אריין אין זיך, אין זיין אומעט... ער זעהט איין, אַז זיך ווענדען צו מענשען, איז אומזיסט, אַרויסגעוואָרפענע רייד. אָבער עס געהען נישט אַוועק קיין פינף מינוט, ווי ער גלייכט זיך אויס, טהוט אַ טרייסעל מיט'ן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט דערפיהלט אַ שאַר־

פען וועהטאָג און נעהמט ציהען די לייצעס.... ער קען מעהר נישט אויסהאַלטען.

— אַהיים, צום הויף — טראַכט ער — צום הויף!

און די שקאַפּע, אזוי ווי זי וואָלט פערשטאַנען זיינע געדאַנקען, נעהמט לויפען מיט שנעלע טריט...

אין א שעה אַנדערהאַלבען ארום, זיצט שוין יאָנא נעבען א גרויסען, שמוציגען אויווען. אויף דעם אויווען, אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די בענק כראָפּעט דער עולם. אין לופטען טראָגט זיך א שווערקייט, א שטיקעניש... יאָנא קוקט אויף די שלאָפעדיגע מענשען, קראַצט זיך אין פּאָטילניצע און עס פערדריסט איהם, וואס ער איז אזוי פריה געקומען אהיים...

— אפילו אויף האָבער האב איך היינט נישט פערדיענט — טראַכט ער — דערפאר איז דאס אזא אומעט. א מענש, וואס פערשטעהט זיין געשעפט... וועלכער איז אליין זאט און זיין פערד איז זאט, איז אודאי שטענדיג רוהיג...

אין איינעם פון די ווינקלען הויבט זיך אויף א יונגער פוהרמאַן, בורטשעט עפּעס פארשלאָפענערהייד און ציהט זיך צום עמער מיט וואסער.

— עס האט זיך פארוואָלט טרינקען? — פרעגט יאָנא.

— מסתמא, טרינקען!

— אזוי... נו, צו געזונד דיר... און ביי מיר, ברודער, איז א זוהן געשטאָרבען... האָסט געהערט? יענע וואָך, אין שפּיטאָל... א ביטערער עסק!

יאָנא קוקט וואס פאר אַן עפעקט זיינע רייד האבען געמאַכט, ער זעהט אבער גאָרנישט. דער יונגער מאַן האט זיך אריבערגעדעקט איבער׳ן קאָפּ און שלאָפט. דער אַלטער זיפצט און קראַצט זיך... אזוי ווי דעם דאָזיגען יונגען מאַן האט זיך געוואָלט טרינקען, אזוי ווילט זיך איהם ריידען. עס איז שוין באַלד א וואָך, ווי דער זוהן איז געשטאָרבען און ער האט זיך נאָך מיט קיינעם נִיט אויסגערעדט, ווי עס בעדארף צו זיין.... מען דארף זיך דורכרעדען מיט א טאָלק, נישט געאיילט, זיך אָבשטעלענדיג וואו מען דארף... מען דארף דערצעהלען, ווי דער זוהן איז קראַנק געוואָרען, ווי ער האט זיך נעבאך געמוטשעט, וואס ער האט גערעדט פאר׳ן טויט און ווי ער איז גע־

שטאָרבען.... מען דארף בעשרייבען די לויה און דאס פאָהרען אין שפּיטאָל נאָך דעם טויטען'ס קליידער. אין דאָרף איז אצינד געבליע־בען נור איין טעכטעריל, אניסיא... און וועגען איהר מוז מען זיך אויך דורכשמועסען... מאָלע וועגען וואס ער האט איצט געקענט רעדען? אבי עס זאָל נור זיין פאר וועמען און דער צוהערער זאָל אָכצען און קרעכצען, זאָל אוי'קען און וועה'קען.... אָט, מיט ווייבער איז גאָר א מחיה צו רעדען. זיי זיינען אפילו בהמות, אבער זיי קלאָגען פון ד'י ערשטע צוויי ווערטער.

— געהן זעהן, וואס טהוט די שקאַפּע — טראַכט יאָנא — אויף שלאָפען איז נאָך דאָ גענוג צייט... מען קען זיך אויסשלאָפען, נישקשה....

ער טהוט זיך אָן און געהט אין שטאָל, וואו זיין שקאַפּע שטעהט. אצינד טראַכט ער וועגען האָבער, ווייץ, הייה, וועגען וועטער... וועגען דעם זוהן, ווען ער איז אליין, קען ער נישט טראַכטען... זיך דורכ־ריידען וועגען איהם מיט עמעצען קען מען, אבער אליין טראַכטען און זיך פאָרשטעלען זיין געשטאַלט, איז שרעקליך מורא'דיג...

— קייסט? — פרעגט יאָנא זיין שקאַפּע, זעהענדיג איהרע בליסטשעדיגע אויגען — נו, קיי, קיי.... אויף קיין האָבער האבען מיר נישט פערדיענט, טאָ לאָמיר עסען הייה... נו, יאָ... שוין צו אלט בין איך געוואָרען ארומצופאָהרען... דער זוהן האט בעדאַרפט פאָהרען, נישט איך... אָט דאס איז געווען אַן אמת'ער פוהרמאַן... ווען ער וואָלט נור געלעבט...

יאָנא שווייגט א ווייל, דאַן רעדט ער ווייטער:

— אָט אזוי איז דאס, שוועסטער־שקאַפּע... נישטאָ שוין קוזמאַ יאָניטש... ער האט גאָט די נשמה אוועקגעגעבען... גענומען און גע־שטאָרבען גלאָט אין דער וועלט אריין. אצינד לאָמיר זאָגען, למשל, אז דו האָסט א זשערעבטשיקעל, און דעם דאָזיגען זשערעבטשיקעל האָסטו ליעב, ווי א לייבליכע מאַמע... און פּלוצים, לאָמיר זאָגען, נעהמט דער דאָזיגער זשערעבטשיקעל און גיט גאָט די נשמה אוועק... איז עס דאָך א וועהטאָג, האַ, א שאָד?

די שקאַפּע קייט, הערט און אטהעמט דעם בעל הבית אויף די הענד...

יאָנא צוואוואָרעמט זיך און דערצעהלט איהר אלעס, אלעס...

אגרעסען

פון גאנץ פריה אן איז דער גאנצער הימעל פערצויגען געוועןמיט שווערע וואלקענס; עס איז געוועןשטיל, נישט הייס און לאנג־ווייליג, ווי עס איז געוועהנליך אין די גרויע, כמורנע טעג, ווען אי־בער'ן פעלד הייגגען גערדיכטע וואלקענס, דו ווארטסט אויף רעגען און קיין רעגען איז נישטא.

דער וועטערינאר איוואן איוואניטש און דער לעהרער פון גימ־נאזיע בורקין זיינען שוין מיעד געווארען געהענדיג, און דאס פעלד האט זיי אויסגעוויעזען אהן א סוף און אהן אן עק. ווייט, אין פאר־אויס, האבען זיך קוים געזעהען די ווינדמיהלען פון דער צווייטער דארף; רעכטס, האט זיך געצויגען א גאנצער ראנד בערגלאך, וועלכער איז דערנאך פערשוואונדען ווייט הינטערן דארף. אוןביידע האבען געוואוסט, אז דאס איז דער ברעג טייך, אז דארט זעהען זיך לאנקעס, גרינע ווערבעס, פריצישע הייזער, און אז אויב מען זאל זיך שטעלען אויף איינעם פון די בערגלאך, דאן זעהט זיך פון דארט ווידער אמאל א ריעזיג גרויסע פעלד, דער טעלעגראף און דער אייזענבאהן־צוג, וועלכער איז פון וויטען עהנליך צו א קריכעדיגען ווארים, און אין א שעהנעם, העלען וועטער זעהט זיך פון דארט אפילו די שטאדט. איצט, ווען דאס וועטער איז געוועןשטיל און די גאנצע נאטור האט אויסגעזעהען רוהיג און פערטראכט, האבען איוואן איוואניטש און בורקין געפיהלט א שטארקע ליעבע צו דעם דאזיגען פעלד און ביידע האבען געטראכט, ווי שעהן, ווי מעכטיג איז די נאטור.

— לעצטעס מאל, ווען מיר זיינען געוועןביים סטאראסטא פראקאפי אין שטאל — האט געזאגט בורקין — האט איהר זיך גע־קליעבען מיר צו דערצעהלען א געוויסע געשיכטע.

— יא, איך האב אייך דאן געוואָלט דערצעהלען וועגען מיין ברודער.

איוואן איוואַניטש האט א לאַנגען זיפץ געטהאָן, פעררויכערט א פיפקע און געוואָלט נעהמען דערצעהלען, אבער גראָד אין דערזעלבער צייט איז ארויס א רעגען. אין א מינוט פינף ארום האט שוין געגאָסען א שטארקער רעגען און עס איז שווער געווען פאראויס צו זאָגען, ווען ער וועט זיך ענדיגען.ביידע מענער זיינען געבליעבען שטעהען פערטראכטע; די הינט, שוין נאַסע, מיט די עקען אונטער זיך, זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף זיי מיט ערוואַרטונג.

— מיר מוזען זיך ווי עס איז בעשיצען פון רעגען — האט גע־זאָגט בורקין — לאָמיר געהען צו אַליאָכין'ען — עס איז דאָ נישט וויים.

— לאָמיר געהען.

זיי האבען זיך פערקעהרט אָן א זייט און זיינען געגאַנגען אי־בער'ן אָבגעקאָשעטען פעלד, דאָ גלייך, דאָ זיך פארנעהמענדיג לינקס, ביז וואַנען זיי זיינען ארויס אויף'ן וועג. באַלד האבען זיך בעוויזען טאָפּאָל־בוימער, א גאָרטען, דערנאָך רויטע דעכער פון די שפייכלער; עס האט גענומען בליסטשען דער טייך און עס איז ארויסגעטראָטען א שטיק פעלד מיט א מיהל און א קופּאַלניע (באָדע־שטיבעל). דאס איז געווען סאָפינאָ, וואו אַליאָכין האט געוואוינט.

דער מיהל האט געארבייט, איבערשטייגענדיג דעם גערויש פון רעגען; דער דאַם האט געציטערט. ארום די וועגען זיינען דאָ גע־שטאַנען נאַסע פערד מיט איינגענורעטע קעפּ און עס זיינען ארומגע־גאַנגען מענשען, איינגעוויקעלטע אין זעק. עס איז געווען פייכט, שמוציג, אונאַנגענעהם, און די גאַנצע אויסזיכט ארום איז געווען קאַלט און בייז. איוואן איוואַניטש און ברוקין האבען שוין געהאַט דעם געפיהל פון נעץ, אונריינקייט און אונבעקוועמליכקייט, די פיס זיינען שווער געוואָרען, טאַפּטשענדיג אין בלאָטע און אריבערגעהענדיג דעם דאַם, ווען זיי האבען זיך אויפגעהויבען צו די פריצישע שפייכלערס, האבען זיי געשוויעגען, ווי זיי וואָלטען בייז געווען איינער אויף'ן אנדער'ן.

אין איינעם פון די שפּייכלערס איז די טהיר געווען ווייט אָפען און פון דאָרט האט זיך געטראָגען א וואָלקען שטויב. אויפ'ן שוועל

איז געשטאַנען אַליאָכין אַליין, א מאַן א יאָהר פערציג, א הויכער, א פולער, מיט לאַנגע האאר, מעהר ענהליך צו א פּראָפעסאָר, אדער א מאָהלער, ווי צו א גוטס־בעזיצער. ער האט געטראָגען א ווייסע, שוין לאַנג נישט געוואַשענע העמד, ארומגעבונדען מיט א שטריק אַנ־שטאָט א פּאַס, און לאַנגע שטיוועל, צו וועלכע עס האט זיך צוגע־קלעפּט די בלאָטע און שטרוי. די נאָז און די אויגען זיינען געווען שוואַרץ פון שטויב. ער האט דערקענט די געסט און, קענטיג, האט זיך זעהר דערפרעהט מיט זיי.

— זייט אַזוי גוט, מיינע הערען, קומט אריין אין שטוב — האט ער געזאָגט, שמייכלענדיג — איך וועל באַלד פאַרטיג ווערען. אַט די מינוט.

דאס הויז איז געווען א גרויסעס, א צוויי־שטאָקיגעס. אַליאָכין האט געוואוינט אונטען, אין צוויי צימערן מיט נידעריגע געוועלבען און קליינינקע פענסטערלאַך, וואו עס האבען אמאָל די פריקאַזטשי־קעס געוואוינט; דאס מעבעל איז געווען זעהר איינפאַך, און עס האט געשמעקט מיט קאָרענעם ברויט, ביליגען בראַנפען און רימען.

אויבען, אין די הויפּט־צימערן, איז ער געווען זעהר זעלטען, סיידען, ווען געסט פלעגען קומען.

אין הויז האט ביידע מענער צוגענומען א דיענסט, א יונגע פרוי, אבער אַזא פאַרשוין, אז ביידע האבען זיך מיט איין מאָל אָבגע־שטעלט און אַנגעקוקט איינער דעם אַנדערן.

— איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען, ווי מיך פרעהט אייך צו זעהען, מיינע הערען — האט געזאָגט אַליאָכין, אריינגעהענדיג נאָך זיי אין פאָרצימער — אָט דאס הייסט, אונערוואַרטעט! פעלאַגעא — האט ער זיך געווענדעט צו דער דיענסט — גיט די געסט עפּעס איבערצוטהאָן, און איך וועל זיך אויך איבערטהאָן, אבער אפריהער דאַרף מען זיך געהען ארומוואַשען, אז נישט דאַכט זיך מיר, אז איך האב זיך שוין נישט געוואַשען פון פריהלינג אָן. ווילט איהר אפשר, מיינע הערען, געהען אין באָדע־שטיבעל, און דאָ וועט מען דערוויילע אַלעס צורעכט מאַכען.

די שעהנע פעלאַגעא, וועלכע האט אויסגעזעהען אַזוי עדעל און אַזוי צאַרט, האָט געבראַכט לייליאַכער און זייף, און אַליאָכין מיט די געסט זיינען אוועק אין באָדע־שטיבעל.

— יא, איך האב זיך שוין לאנג נישט געוואשען — האט ער געריעדט, אויסטהאָנדיג זיך — א באָדע־שטיבעל, ווי איהר זעהט, האב איך א גוטע, דער פאָטער האט עס נאָך געבויט, נור באָדען זיך האב איך עפּעס אלץ קיין צייט נישט.

ער האט זיך געזעצט אויף א טרעפּעל און אָנגעזויפט זיינע לאנגע האאר און האלז, און דאס וואסער ארום איהם איז ברוין געוואָרען.

— יא, איך גיב צו... — האט געזאָגט איוואן איוואניטש, קוק־קענדיג פּיעלדייטיג אויף זיין פערשטויבטען קאָפּ.

— איך האב זיך שוין לאנג נישט געוואשען... — האט נאָך אמאָל געזאָגט אליאָכין אביסעל פערשעהמט און זיך ווידער אמאָל אָנגעזויפט, און דאס וואסער ארום איהם איז געוואָרען שווארץ־בלוי, אזוי ווי טינט.

איוואן איוואניטש איז ארויס אויסענוועניג, האט זיך א וואָרף געטהאָן אין וואסער און גענומען מיט א געראויש שווימען אונטער׳ן רעגען, מאכענדיג ברייט מיט די הענד, און ארום איהם האבען זיך גענומען טראָגען כוואליעס און אויף די כוואליעס האבען זיך ווייסע ליליען געוויגט; ער איז צוגעשוואומען צום סאמע מיטען שטראָם, האט זיך אונטערגעטונקט און אין א מינוט ארום האט ער זיך בעוויע־זען אויף א צווייטען פּלאץ און איז אוועקגעשוואומען ווייטער, ער האט זיך אלץ אונטערגעטונקט, ווי ער וואָלט וועלען דערגרייכען דעם גרונט.

— אך, גאָט מיינער... — האט ער געריעדט מיט גרויס הנאה — אך, גאָט מיינער...

ער איז צוגעשוואומען צום מיהל, האט וועגען עפּעס געריעדט א ווײלע מיט די פּויערים און זיך אומגעקעהרט צוריק, און אויפ׳ן מיטען וועג האט ער זיך אוועקגעלייגט, אונטערשטעלענדיג זיין פּנים אונטער דעם רעגען. בורקין און אליאָכין האבען זיך שוין אָנגעטהאָן און גע־קליעבען זיך אוועקצוגעהען, און ער איז נאָך אלץ געשוואומען און אונטערגעטונקט זיך.

— אך, גאָט מיינער... — האט ער געריעדט — אך, גאָט, ווי גוט דאס איז!

— גענוג איך שוין! — האט א געשריי געטהאָן בורקין.

זיי האבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין שטוב.

און ערשט דאַן, ווען אויבען, אין דעם גרויסען גאַסטצימער, האט מען א לאָמפּ אָנגעצונדען, און בורקין און איוואַן איוואַניטש, אָנגע־טהאָן אין זיידענע שלאָפּרעק און ווארעמע פּאַנטאָפעל, זיינען געזע־סען אין פאָטעלען און אַליאָכין אליין איז אריינגעגאַנגען אין גאַסט־צימער אַן ארומגעוואַשענער, א פּערקאַמטער, אין א נייעם רעקעל, פיהלענדיג א חיות פון ווארעמקייט און ריינקייט, פון די טרוקענע קליידער און לייכטע שיך, און ווען די שעהנע פּעלאַגעא, טרעטענדיג שטיל איבער'ן קאַוויאָר און שמייכלענדיג צערטליך, האט דערלאַנגט אויף א טאַץ טהעע מיט זאַפט,—דאַן ערשט האט איוואַן איוואַניטש גענומען דערצעהלען זיין געשיכטע און עס האט זיך געדאַכט, אז עס הערען איהם נישט נור בורקין און אַליאָכין, נור אויך די אַלטע און יונגע דאַמען און די מיליטעריסטען, וועלכע האבען רוהיג און שטרענג פון זייערע גאָלדענע ראַהמען אראָבגעקוקט.

— מיר זיינען צוויי ברידער — האט ער אָנגעהויבען — איך, איוואַניטש, און א צווייטער — ניקאָלאַי איוואַניטש, צוויי יאהר אינגער פון מיר. איך בין אוועק שטודירען און געוואָרען א וועטערי־נאַר, און ניקאָלאַי איז שוין פון נײַנצעהן יאהר אָן געזעסען אין קאַ־זיאָנע פּאַלאַטע. אונזער פאָטער איז געווען פון די קאַנטאָניסטען, נור אז ער האט זיך דערדיענט צו אַן אָפיציערסקען ראַנג, איז ער געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג פאר אונז דעם ראַנג פון אדעליגע און א קליינעם גוט. נאָך זיין טויט האט מען דעם גוט ביי אונז אָבגע־נומען פאר חובות, אבער ווי די זאַך איז, האבען מיר אונזער קינד־הייט פאָרט פערבראַכט אין דאָרף, אויף דער פרייהייט.

צוגלייך מיט די פּויערישע קינדער, האבען מיר טאָג און נאַכט פערבראַכט אין פעלד, אין וואַלד, האבען אויף די פערד אַכטונג גע־געבען, האָלץ געהאַקט, פיש געכאַפּט און אזוי ווייטער... און איהר ווייסט דאָך, ווער עס האט כאָטש איין מאָל אין זיין לעבען א יאָרש געכאַפּט, אדער האט יעסען־צייט געזעהען ווי די פויגעלאָך טראָגען זיך סטאַיעס־ווייז אין ליכטיגע און קיהלע טעג איבער'ן דאָרף, דער איז שוין נישט מעהר קיין שטאָדטישער איינוואוינער און איהם וועט שוין ביז'ן טויט אריינציהען אין דאָרף, צו דער פרייהייט...

מיין ברודער האט שטאַרק געבענקט, זיצענדיג אין דער קאַזיאָ־נער פּאַלאַטע. יאהרען זיינען אוועק און ער איז אַלץ געזעסען אויף

איין פּלאַץ, האט געשריעבען איין און דיזעלבע פּאַפּיערען און גע־טראַכט וועגען איין זאַך נור — ווי קומט מען אין דאָרף צוריק. און דאָס דאָזיגע בענקעניש האט זיך ביסלאַכווייז אויסגעגאָסען אין אַ בעשטימטען פערלאַנג, און אַ טרוים צו קויפען עפּעס אַ קליין גוט, וואו עס איז אויף אַ ברעג טייך אָדער אַ אָזערא.

ער איז געוועזען אַ גוטער, אַ וואוילער מענש, איך האָב איהם ליעב געהאַט, אָבער זיין וואונש צו פערשפּאַרען זיך אויף אַ גאַנץ לעבען אין אַן אייגענעם גוט, האָב איך קיינמאָל נישט מיטגעפיהלט.

מען איז געוועהנט צו זאָגען, אַז דער מענש דאַרף בלויז דריי איילען ערד. אָבער דריי איילען זיינען דאָך נור גענוג פאַר אַ טויטען, נישט פאַר אַ לעבעדיגען מענשען. מען זאָגט אויך, אַז דאָס וואָס אונזער אינטעליגענץ ציהט צו דער ערד, וואָס זיי ווילען זיך באַזעצען אויפ'ן לאַנד אין אַ גוט, איז דאָס אַ גוטע זאַך. אָבער די דאָזיגע גיטער זיינען דאָך, אין אמת'ן גערעדט, די אייגענע דריי איילען ערד. אוועקגעהען פון שטאָדט, פון קאַמפּף, פון דעם לעבעדיגען טומעל, אוועקגעהען און בעהאַלטען זיך אין אַ גוט — דאָס איז נישט קיין לעבען, דאָס איז אַ מין עגאָאיזם, פוילקייט, דאָס הייסט אויף אַ בע־זונדערען שטייגער זיך אין אַ קלויסטער פערשפּאַרט, אָבער פער־שפּאַרט אָהן נוצען, אָהן העלדען־מוטה. דער מענש דאַרף האָבען נישט דריי איילען ערד און נישט קיין גוט, נור דעם גאַנצען ערד־קוגעל, די גאַנצע נאַטור, וואו ער זאָל קענען אויסנוצען אַלע זיינע פעה־יגקייטען און וואו זיין פרייער גייסט זאָל זיך געפינען אַן אויסוועג.

זיצענדיג ביי זיך אין דעפּאַרטאַמענט, האָט מיין ברודער גע־טרוימט וועגען דעם, ווי ער וועט עסען זיין אייגענעם ראָסעל, פון וועלכען עס וועט זיך טראָגען אַ געשמאַקער גערוך איבער'ן גאַנצען הויף, ווי ער וועט עסען אויפ'ן גרינעם גראָז, ווי ער וועט זיך וואַרעמען אויף דער זונן, וועט שטונדען לאַנג פאַר'ן טויער אויף אַ בענקעל זיצען און קוקען אויפ'ן פעלד און וואַלד.

זיין בעסטער פערגעניגען איז געוועזען צו לעזען ביכער וועגען לאַנדווירטהשאַפט, ער האָט אויך געלעזען צייטונגען, נור דאָרט האָט ער נור געלעזען די אַנאָנסען, וואו עס פערקויפען זיך פעלדער, גיטער מיט טייכלאַך, מיט גאָרטענס און מיט מיהלען. און אין זיין פאַנטאַ־זיע האָבען זיך אויסגעמאָהלען וועגעלאַך אין גאָרטען, בלומען, פרוכ־

טען, טייכלאַך פול מיט פיש און נאָך אַזעלכע זאכען. די דאָזיגע אויסגעטראַכטע בילדער זיינען געווען פערשיעדען לויט די אַנאָנסען נאָך, וועלכע זיינען איהם אין די הענד אריין. אבער אין יעדער'ן פון זיי האט אונבעדינגט געמוזט זיין אן אגרעסען־בוש. קיין איין גוט, קיין איין פּאָעטישען ווינקעל האט ער זיך ניט געקענט פּאָרשטעלען, סיידען דאָרט זאָלען זיין אַגרעסען־בושעס.

— דאס דאָרפישע לעבען האט זיך איהרע בעקוועמליכקייטען — פלעגט מיין ברודער אַלץ טענה'ען — דו זיצסט ביי זיך אויפ'ן באַל־קאָן, טרינקסט טהעע, און אין טייכעל שווימען דיינע ענטלאַך. עס שמעקט אזוי גוט און... און אַגרעסען וואקסען.

ער האט אָנגעוואָרפען פלענער פון זיין צוקינפטיגען גוט און אַלע מאָל איז ביי איהם אויסגעקומען איינס און דאסזעלבע: א פּריצישע שטוב, א שטוב פאר בעדיענטע, א גאָרטען, אן אגרעסען־בוש....

געלעבט האט ער קאַרג, נישט דערעסען, נישט דערטרונקען, האט זיך אָנגעטהאָן אין טראַנטעס, ווי א קבצן, און אַלץ געקליעבען געלד און געטראָגען אין באַנק אריין. ער האט זיך דאס לעבען נישט פערגונען. עס איז געווען א רחמנות אויף איהם צו קוקען, און איך האב איהם פיעל ווענייג געשטיצט און אויף יום טוב איהם שטענדיג עפּעס געשיקט, ער האט אבער דאס אויך בעהאַלטען.

די יאהרען זיינען זיך דערווייל געלאָפען, איהם איז שוין גע־וואָרען פערציג יאהר, מען האט איהם אַוועקגעשיקט אין אן אנדער שטאָדט, און ער האט נאָך אַלץ די אַנאָנסען געלעזען און א רובעל צו א רובעל געקליעבען.

פּלוצים הער איך, ער האט חתונה געהאַט. און אַלץ מיט דעם איינענעם צוועק, אום צו קענע קויפען א גוט, האט ער אָהן שום געפיהל, אָהן ליעבע, געהייראַט מיט אן אַלטער, מיאוסער אלמנה, נור דערפאר ווייל זי האט געלד געהאַט.

מיט איהר האט ער אויך געלעבט קאַרג, האט איהר נישט פער־גונען צו געבען עסען, און איהרע געלד האט ער אין דער באַנק אויף זיין נאָמען אריינגעלעגט. פריהער איז זי געווען פערהייראַט צו א פּאָסטמייסטער און האט זיך ביי איהם צוגעוועהנט גוט צו עסען און טרינקען און ביים צווייטען מאַן האט זי אפילו קיין שווארצען ברויט

נישט געהאַט גענוג... פון דעם דאָזיגען לעבען האט זי גענומען וועל־קען, און אין א יאהר דריי ארום האט זי גאָר גענומען און גאָט די נשמה אָבגעגעבען...

און מיין ברודער? יענער האט אפילו קיין איין מינוט נישט גע־טראכט, אז ער איז אין איהר טויט שולדיג. געלד איז אזוי ווי בראַנ־פען, עס מאכט דעם מענשען פאר א האַלבען משוגענעם. ביי אונז אין שטאָדט איז אַמאָל געשטאָרבען א סוחר. פאר'ן טויט האט ער זיך געהייסען דערלאַנגען א טעלער מיט האָניג און האט אויפגעגעסען אלע זיינע געלד און ווערטה־פאַפּיערען צוזאַמען מיט'ן האָניג, אום אז עס זאָל צו קיינעם נישט אָנקומען.

איין מאָל שטעה איך אזוי אויפ'ן וואָקזאַל און בעטראַכט דאָרט עפּעס. אין דערזעלבער צייט איז איינער פון די אָנגעשטעלטע ארונ־טערגעפאַלען אונטער א צוג און עס האט איהם אָבגעשניטען א פוס. טראָגען מיר איהם אזוי אין וואַרט־זאַאַל, דאס בלוט גיסט פון איהם... א שרעק צו קוקען, און ער איז אונרוהיג און בעט אלץ, מען זאָל אויפ־זוכען זיין אראָבגעשניטענע פוס; אין'ם שטיוועל פון דער דאָזיגער פוס האט ער געהאַט בעהאַלטען צוואַנציג רובעל, האט ער מורא גע־האַט, זיי זאָלען חס ושלום נישט פערפאַלען ווערען.

— נו, דאָ זייט איהר שוין גאָר פון וועג אראָב — האט געזאָגט בורקין.

— נאָך דער ווייב'ס טויט — האט ווידער גענומען דערצעהלען איוואַן איוואַניטש נאָך א קורצען טראכטען — האט מיין ברודער גע־נומען זוכען א גוט. געוויס, מעגסט קוקען און זובען, כאָטש פינף יאָהר נאָכאַנאַנד, וועסטו סוף כל סוף פאָרט א טעות האָבען און וועסט קויפען נישט דאָס, וועגען וואָס דו האָסט געטרוימט.

מיין ברודער ניקאָלאַי, האָט דורך א קאָמיסיאָנער געקויפט א שטיק ערד מיט א פריציש־הויז, מיט א שטוב פאר בעדיענטע, מיט א פּאַרק, אָבער קיין פרוכט גאָרטען, קיין אַגרעסען־בושעם און קיין טייכלאַך מיט ענטלאַך זיינען דאָרט נישט געווען. עס איז יא געווען א טייך אָבער דאָס וואַסער האָט דאָרט געהאַט א קאַפע־קאָליר, ווייל פון איין זייט פון גוט האָט זיך געפונען א ציגעלניע און פון דער אַנ־דערער אַזאַ מין פאַבריק, וואו מען האָט געברענט ביינער. אָבער מיין ניקאָלאַי איוואַניטש האָט זיך דערפון ווייניג וואָס די הארץ אָבגע־

געסען. ער האָט אויסגעשריעבען צוואַנציג בושעם אַגרעסען, האָט זיי פאַרזעצט און גענומען לעבען אַלס גוטס־בעזיצער.

פאַר־אַ־יאָהרען בין איך געפאָהרען צו איהם אויף אַ בעזוך. איך'ל פאָהרען, טראַכט איך מיר, אַ קוק טהאָן, וואָס הערט זיך דאָרט.

געקומען בין איך צו איהם אין גוט אריין נאָך האַלבען טאָג. עס איז געווען היים. אומעדום קאַנאַווען, גריבער, פּאַרקאַנעס, צוימען, עס זיינען אָנגעזעצט גאַנצע ראַנדען יאָלקעס — און דו ווייסט ווי אַזוי צו קומען צום הויף און וואו דאָס פערד אָוועקצושטעלען. איך געה צום הויז און מיר אַנטקעגען געהט אַ רויטער הונד, אַ דיקער, ווי אַ חזיר. עס ווילט זיך איהם בילען, אָבער ער פוילט זיך. פון קיך איז ארויס אַ דיענסט, אַ באָרוועסע, אַ דיקע, אויך עהנליך צו אַ חזיר, און געזאָגט, אַז דער פּריץ רוהט זיך אויס נאָכ'ן מיטאָג. איך קום אריין צום ברודער, ער זיצט אין בעט, די קניע מיט אַ דעקע באַדעקט, ער איז עלטער געוואָרען, פולער, האָט זיך אָבגעלאָזט, די באַקען, די נאָז און די ליפּען ציהען זיך אין פאָראויס און עס דאַכט זיך אַז אָט־אָט, און ער וועט אַ ברוקע טהאָן אין דעקע אריין.

— נו, וואָס זשע מאַכסטו? — האָב איך געפרעגט.

— אָט אַזוי זיך, איך לעב גאָט צו דאַנקען, גוט.

מיר האָבען זיך ארומגענומען און זאָגאר פאַרגאָסען אַ פּאָאר טרעהרען פאַר פריידע. מיר האָבען זיך דערמאָנט, אַז מיר זיינען אַמאָל יונג געווען און אַצינד זיינען מיר ביידע שוין גרוי און עס איז באַלד צייט צו שטאַרבען. ער האָט זיך אָנגעטהאָן און איז אַוועק מיר צייגען זיין גוט.

ער איז שוין אַצינד נישט געווען מעהר דער פריהערדיגער, שרעקעדיגער קבצן, דער קליינער בעאַמטער, נור אַן אמת'ער גוטס־בעזיצער, אַ פּריץ. ער האָט זיך דאָ שוין געווען אריינגעלעבט, האָט זיך צוגעוועהנט און דערפיהלט דעם אמת'ען טעם... האָט אַ סך גע־געסען, איז געגאַנגען אין באָד, איז וואָס אַמאָל דיקער געוואָרען, האָט זיך שוין גע'משפּט מיט דער געמיינדע און מיט ביידע פאַבריקען און האָט זיך געפיהלט שטאַרק בעליידיגט, ווען די פּויערים האָבען איהם גערופען אַנדערש ווי „אייער וואָהלגעבאָרען".

און וועגען דער נשמה זיינער האָט ער אויך גענומען זאָרגען זיך

מעשה פריץ און גוטעס האָט ער געטהאָן אויך אויף אַ בעזונדערען שטייגער מיט גדלות, מיט אַ פּעררימענער נאָז. און וואָלט איהר וויסען פון וואָס דאָס דאָזיגע גוטעס טהאָן איז בעשטאַנען? ער האָט מיט סאָדאַ און ריצען־אויל געהיילט די פּויערים פון אַלע מינים קראַנק־הייטען און אין זיין געבורטסטאָג האָט ער אין מיטען דאָרף געלאָזט דיענען אַ גאָטעס דיענסט און נאָכדעם געשטעלט אַ האַלבען עמער בראַנפען און דערביי געטראַכט, אַז אַזוי דאַרף זיין.

— אַך דיעזער שרעקליכער האַלבער עמער בראַנפען! היינט שלעפּט דער אָבגעפרעסענער גוטס־בעזיצער די פּויערים צום לאַנדס־ריכטער, דערפאַר וואָס זיי האָבען צו איהם אין וואַלד פערבלאָנ־דזשעט און אויף מאָרגען, אין אַ פייערליכען טאָג, שטעלט ער זיי בראַנפען, און זיי טרינקען, שרייען הורראַ און וואַרפען זיך שיכור'ער־הייד צו זיינע פיס.

די ענדערונג צום גוטען אין לעבען, די זאַטקייט, דאָס פּוסט און פּאַסעווען, ענטוויקלען אין דעם רוסישען מענשען אַ זעהר הויכע און עזות'דיגע מיינונג וועגען זיך אליין. ניקאָלאַי איוואַניטש, וועלכער האָט אַמאָל, זייענדיג אין פּאַלאַטע, מורא געהאַט צו האָבען זיין אייגענע מיינונג, כאָטש עפּעס אַ מיינונג, אָן אייגענע אַנזיכט, האָט איצט געהאַלטען אין איין ריידען וואָהרהייטען און דאָס מיט אַזאַ טאָן, ווי אַ מיניסטער. בילדונג איז נויטיג, אָבער דאָס פאָלק איז נאָך נישט רייף דערצו", „קערפּערליכע שטראָף אין אַלגעמיין איז שעדליך, אָבער אין מאַנכע פעלען זיינען זיי נוצליך און דורכאויס נויטיג".

— איך קען דאָס פאָלק און פערשטעה, ווי מיט איהם אומצו־געהן — האָט ער געזאָגט — דאָס פאָלק האָט מיך ליעב. איך דאַרף נור מיט אַ פינגער אַ ריהר טהאָן און דאָס פאָלק וועט טהאָן פאַר מיר אַלץ, וואָס איך'ל פערלאַנגען.

און דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרען מיט אַ קלוגען און גוטען שמייכעל. אַ מאָל צוואַנציג אודאַי האָט ער איבערגע'חזר'ט: „מיר, אַדעליגע", „איך אַלס אַדעליגער"; ווי עס שיינט, האָט ער שוין פערגעסען, אַז אונזער זיידע איז געווען אַ פּויער, און דער טאַטע — אַ סאָלדאַט. אפילו אונזער פאַמיליע נאָמען טשימשאַ־גאַמילאַיעוו, וועלכע איז אין דער אמת'ן געווען אַ משונה'דיגע, האָט איהם אצינד אויך אויסגעוויזען שעהן קלינגענד, גרויסאַרטיג און אַנגענעהם.

— די זאַך איז אָבער דאָ נישטאָ אין איהם, נור אין מיר אליין. איך וויל אייך דערצעהלען, וואָס פאַר אַן ענדערונג עס איז פאָרגעקו־מען אין מיר אין די עטליכע שעה, וואָס איך האָב פערבראַכט אין זיין גוט.

אבענדס, ווען מיר האָבען טהעע געטרונקען, האָט די דיענסט דערלאַנגט צום טיש אַ פולען טעלער מיט אַגרעסען. דאָס איז נישט געווען קיין געקויפטע, נור אייגענע אַגרעסען, וועלכע מען האָט אָראָבגענומען צום ערשטען מאָל, זייט די אַגרעסען־בושעס זיינען פאַרזעצט געוואָרען.

ניקאָלאַי איוואַניטש האָט זיך צולאַכט, געקוקט אַ ווײַלע שטום אויף די אַגרעסען און טרעהרען זיינען איהם פון די אויגען ארויס. ער האָט נישט געקענט ארויסבריינגען קיין וואָרט פאַר אויפרעגונג, דערנאָך האָט ער אריינגענומען אין מויל איין אַגרעס'ל, אַ קוק גע־טהאָן אויף מיר מיט דעם נצחון פון אַ קינד, וועלכער האָט ענדליך, געקראָגען זיין געליעבטעם שפּיעל־צייג, און געזאָגט:

— ווי געשמאַק!

און ער האָט זיך מיט אַ הייסען הונגער ארויפגעוואָרפען אויף די אַגרעסען, האָט געגעסען און אלץ גערעדט:

— אַך, ווי געשמאַק! דו פערזוך נור!

די פרוכט איז געווען הארט און זויער, נור ווי האָט געזאָגט פושקין, „דער בעטרוג, וואָס מאַכט אונז ערהאבען איז אונז טהייערער, ווי די דונקעלע ווארהייט". איך האָב פאַר זיך געזעהען אַ גליקליכען מענשען, וועמעס שעהנסטער חלום איז פערווירקליכט געוואָרען, וועלכער האָט עררייכט דעם צוועק פון זיין לעבען, האָט געקראָגען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, וועלכער איז געווען צופריעדען מיט זיין שיקזאַל, מיט זיך אליין. אַלע מאָל, ווען איך האָב געטראַכט פון מענשליכען גליק איז מיר אויפ'ן הארצען עפּעס אומעדיג, טרויעריג געוואָרען איצט אָבער, זעהענדיג אַ גליקליכען מענשען, האָט מיך באַהערשט אַ שווער געפיהל, אַ געפיהל פון פערצווייפלונג. בעזונדערס שווער איז געווען ביינאַכט.

מען האָט מיר אויסגעבעט אַ געלעגער אין אַ צימער, וועלכער האָט זיך געפונען נעבען מיין ברודער'ס שלאָף־צימער, און איך האָב גע־

הערט, ווי ער שלאָפט נישט, שטעהט אויף אַלע ווײלע פון בעט, געהט צו צום טעלער מיט אגרעסען און עסט זיי אײנציגווײז.

און איך האָב געטראכט: וואָס פאר א סך צופריעדענע און גליקליכע מענשען עס זיינען דאָ אויף דער וועלט! ווי דריקענד איז זייער קראפט! טהוט אַקאָרשט א קוק אויף דאָס לעבען: זעהט די פרעכהייט און דאָס פוסט און פּאסעוועז פון די שטאַרקע, די אונווי־סענהייט און טירישקייט פון די שוואַכע, אָרום איז אָרימקייט, ענג־שאַפט, ווילדקייט, שיכרות, בעטרוג און ליגען... פון דעסטוועגען איז אין אַלע הייזער און אויף די גאַסען שטיל, רוהיג; צווישען פופ־ציג טויזענד מענשען, וועלכע וואוינען אין שטאָדט, געפינט זיך נישט קיין איין אײנציגער וועלכער זאָל הויך אויף א קול א געשריי טהאָן, זאָל אין דער הויך זיין ענטריסטונג, זיין פּראָטעסט אויסדריקען.

מיר זעהען די דאָזיגע, געהען אויפ'ן מארק נאָך שפּייז, עסען ביי טאָג, שלאָפען ביי נאכט, מיר הערען זיי ריידען זייערע נאריש־קייטען, זעהן, ווי זיי האָבען חתונה, עלטערן זיך, שלעפּען גוטמוטיג אויף דעם בית עולם זייערע טויטע; מיר זעהען אָבער נישט און הערען נישט יענע וועלכע ליידען, און דאָס וואָס איז שרעקליך און מורא'דיג אין לעבען, קומט פאר, ערגעץ־וואו הינטער די קוליסען. אַלעס איז שטיל און רוהיג, עס פּראָטעסטירט נור די שטומע סטאַטיסטיק: אזוי פיעל און אזוי פיעל זיינען משוגע געוואָרען — דערצעהלט זי אייך — אזוי פיעל און אזוי פיעל עמער בראַנפען זיינען אויסגעטרונקען געוואָרען, אזוי און אזוי פיעל קינדער זיינען אומגעקומען פון הונ־גער... און מסתמא דארף מען אזא מין אָרדנונג האָבען; דער גליק־ליכער פיהלט זיך מסתמא גוט נור דאַן, ווען די אונגליקליכע טראָגען זייער לאַסט, זייערע פּעקלאַך צרות פאר זיך, אין דער שטיל און אָהן דעם דאָזיגען שווייגען וואָלט דאָס גליק קיין קיום נישט געהאַט. דאָס דאָזיגע שווייגען שלעפּערט איין, פערהיפּנאָטיזירט די מענשען.

עס איז נויטיג, א הינטער דער טהיר פון יעדען צופריעדענעם און גליקליכען מענשען זאָל שטעהן עמיצער מיט א האַמער און מיט'ן קלאַפּען פון דעם דאָזיגען האַמער זאָל ער איהם דערמאָנען, אז עס זיינען דאָ אונגליקליכע אויף דער וועלט, אז ווי גליקליך ער זאָל איצט נישט זיין, וועט דאָס לעבען זיך פריהער אָדער שפּעטער מיט איהם אָברעכענען, וועט איהם ווייזען זיינע נעגעל... אן אונגליק וועט איהם

טרעפען — קראַנקהייט, אָרימקייט, פערלוסטען, און קיינער, קיינער װעט איהם נישט זעהען און נישט הערען, װי ער אַליין זעהט אַצינד נישט און הערט נישט די אַנדערע... אָבער קיין מענש מיט קיין האַמער איז נישטאָ, דער גליקליכער לעבט זיך רוהיג, און די קליינליכע לעבענס־זאָרגען בעריהרען איהם נור פון אויבען, װי דער װינד די עספּען־בוים, און אַלעס איז אין אָרדנונג.

אין יענער נאַכט איז מיר קלאָהר געװאָרען, אַז איך בין אויך געװען צופריעדען און גליקלאַך — האָט װייטער גערעדט איװאַן אי־װאַניטש, אויפשטעהענדיג: — איך האָב אויך ביים מיטאָג און אויף געיעג גערעדט, געלערענט, װי אַזוי צו לעבען, װי צו גלויבען, װי מיט דאָס פאָלק אומצוגעהן. איך האָב אויך גערעדט, אַז דאָס װיסען איז ליכט, אַז בילדונג איז נויטיג, נור פאַר פּראָסטע מענשען איז דער־װייל גענוג, װען זיי קענען לעזען און שרייבען. די פרייהייט איז אַ גוטע זאַך, האָב איך גערעדט, אָהן איהר קען מען נישט לעבען, װי אָהן לופט, נור... מען דאַרף אָבװאַרטען. יאַ, אַזוי האָב איך גערעדט, און אַצינד פרעג איך אייך: צו־װאָס דאַרף מען װאַרטען? — האָט בייז געפרעגט איװאַן איװאַניטש, קוקענדיג אויף בורקין'ן. צו־װאָס און צו װען דאַרף מען װאַרטען?

װאו ליעגט דאָ דער שכל? מען זאָגט מיר, אַז מען קען מיט אַ מאָל נישט כאַפּען, אַז יעדע אידעע װערט פערװירקליכט ביסלאַכװייז, װען די ריכטיגע צייט קומט. אָבער װער זאָגט עס? װאו זיינען די בעװייזע, אַז אַזוי דאַרף זיין, אַז אַזוי איז גערעכט. איהר פאַרלאָזט זיך אַלץ אויף דעם נאַטירליכען גאַנג פון די פּאַסירונגען, אויף דאָס געזעצ־ליכקייט פון די ערשיינונגען, איז אָבער דען דאָ אַ אָרדנונג, אַ געזעץ אין דעם, װאָס איך, אַ לעבעדיגער, דיינקענדער מענש, שטעה איבער אַן אָבגרונד און װאַרט, װען ער װעט אַליין פון זיך פאַרװאַקסען װע־רען, אָדער ער װעט פאַרצװיגען װערען מיט שלאַם, בעת איך האָב אין דער זעלבער צייט אפשר געקענט איבער איהם אריבערשפּרינגען אָדער אויף איהם אַ בריק אויפבויען? און װידער אַמאָל אויף װאָס זאָל מען װאַרטען? װאַרטען װען עס איז נישטאָ קיין כוח צו לעבען? און לעבען דאַרף מען און לעבען װילט זיך!

גאַנץ פריה בין איך דאַן פון מיין ברודער אװעק, און פון דער צייט אָן איז מיר געװאָרען אונערטרעגליך צו זיין אין שטאָדט. מיך

דריקט די שטילקייט, די רוהיגקייט, איך האָב מורא צו קוקען אויף פענסטער, ווייל פאר מיר איז איצט ניטאָ קיין שווערערעס בילד, ווי צו זעהען אַ גליקליכע פאמיליע, זיצענדיג אַרום טיש און טרינקענדיג טהעע. איך אליין בין שוין אַלט און טויג נישט פארן קאמפף, איך בין אפילו נישט אימשטאנד צו האסען. איך לייד נאָר מיט דער נשמה, רעג זיך אויף, ווער בייז, אין די נעכט ברענט מיר דער קאָפּ פון דעם שטראָם געדאנקען און איך קען נישט שלאָפען... אַך, ווען איך וואָלט געווען יונג!

איוואַן איוואַניטש איז אַן אויפגערעגטער זיך דורכגעגאנגען פון איין ווינקעל אין אנדערען און האָט נאָך אמאָל געזאָגט:

— ווען איך וואָלט געווען יונג!

ער איז פּלוצים צו צו אַליאָכין׳ען און גענומען דריקען איהם דאָ פאר איין האנד און דאָ פאר דער אנדערער.

— פּאַוועל קאָנסטאַנטינאָוויטש — האָט ער ארויסגערעדט מיט אַ בעטענדיגען קול — זייט נישט רוהיג, לאָזט זיך נישט איינשלע־פערן! כל זמן איהר זייט יונג און שטארק און פריש, ווערט נישט מיעד צו טהאָן גוטעס! קיין גליק איז נישטאָ און עס דארף נישט זיין, און אויב אינ׳ם לעבען איז פאראן אַ זין, אַ צוועק, דאן בעשטעהט דער דאָזיגער צוועק נישט אין אונזער אייגענעם גליק נור אין עפּעס גרעסערעס, ערהאבענערעס, קלוגעס. טהוט גוטעס!

און דאָס אַלץ האָט איוואַן איוואַניטש ארויסגערעדט מיט אַ רחמנות׳דיגען, בעטענדיגען שמייכעל, ווי ער וואָלט עפּעס בעטען פאַר זיך פּערזענליך.

דערנאָך זיינען אַלע דריי געזעסען אין פערשיעדענע ווינקלאַך אין פאָטעלען און געשוויגען. איוואַן איוואַניטשעס ערצעהלונג האָט נישט בעפריעדיגט נישט אַליאָכין׳ען און נישט בורקינ׳ען. הערען אַן ער־צעהלונג וועגען אַן אָרימען בעאמטען, וועלכער האָט געגעסען אַגרעסען, אין דער צייט, ווען פון די גאָלדענע ראהמען האָבען ארויסגעקוקט גענעראַלען און דאמען, וועלכע האָבען אין דער דעמערונג אויסגעזעהן, ווי לעבעדיגע, איז געווען לאַנגווייליג. עס האָט זיך עפּעס געוואָלט ריידען און הערען וועגען גרויסאַרטיגע מענשען, וועגען פרויען. און דאָס וואָס זיי זיינען געזעסען אין גאַסט־צימער, וואו אַלעס, אַלעס — אַי דער הענג־לייכטער אין טשעכאָל, אַי די פאָטעלען, אַי די קאָוויאָרען אונטער די פיס, האָבען דערצעהלט, אז דאָ זיינען אמאָל

געזעסען, אַרומגעגאַנגען, טהעע געטרונקען די אייגענע מענשען, וועלכע האָבען אַצינד פון די ראַהמען אַרויסגעקוקט, און דאָס וואָס די שעהנע פּעלאַגעאַ איז דאָ איצט שטיל אָהן געררויש אַרומגעגאַנגען, — איז געוועזען בעסער, אינטערעסאַנטער פון אַלע ערצעהלונגען.

אַליאָכין׳ען האָט זיך שטאַרק געוואָלט שלאָפען. צוליעב דערווירטהשאַפט איז ער אויפגעשטאַנען פריה, אַ זייגער דריי פאַר־טאָג, און אַצינד האָבען זיך ביי איהם די אויגען געקלעפּט, נור ער האָט מורא געהאַט, אַז די געסט זאָלען אָהן איהם נישט נעהמען דער־צעהלען עפּעס אינטערעסאַנטעס און איז נישט אַוועקגעגאַנגען. צו איז געוועזען קלוג און גערעכט, דאָס וואָס איוואַן איוואַניטש האָט נור וואָס גערעדט, האָט ער נישט געוואוסט; די געסט האָבען גערעדט נישט וועגען גרויפּען, נישט וועגען הייה אָדער דיעגעכץ, נור וועגען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו זיין לעבען, און ער איז געוועזען צופריעדען און געוואָלט זיי זאָלען וויי־טער ריידען...

— נו, עס איז שוין צייט צו געהן שלאָפען — האָט געזאָגט בורקין זיך אויפהויבענדיג: — אַ גוטע נאַכט!

אַליאָכין האָט זיך מיט זיי געזעגענט און איז אַוועק צו זיך אונ־טען, און די געסט זיינען געבליעבען אויבען. זיי ביידען האָט מען פאַר איבערנאַכט אָבגעגעבען אַ גרויסען צימער וואו עס זיינען געשטאַ־נען צוויי הילצערנע בעטען מיט שעהנע שניצערייַ און אין ווינקעל איז געשטאַנען אַ הייליגעס בילד פון עלפאַנט־ביין. פון די בעטען, ברייטע און קיהלע, וועלכע די שעהנע פּעלאַגעאַ האָט פאַר זיי אויסגעבעט, האָט אַנגענעהם געשמעקט מיט פרישע וועש.

איוואַן איוואַניטש האָט זיך שווייגענדיג אויסגעטהאָן און זיך שלאָפען געלעגט.

— גאָטוניו, זיי אונז מוחל אונזערע זינד! — האָט ער אַרויס־גערעדט און צוגעדעקט זיך איבער׳ן קאָפּ.

פון זיין ליולקע, וועלכע איז געלעגען אויפ׳ן טיש, האָט שטאַרק געשמעקט מיט איבערגעברענטע טאַבאַק, און בורקין איז לאַנג נישט געשלאָפען און האָט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן, פון וואַנען דאָ קומט דער שווערער גערוך.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער רעגען אין די פענסטער געקלאַפּט.